STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03335

# TSVEY BERYOZES BAYM TRAKT

Elhanan Vogler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלחנן וואָגלער

# צוויי בעריאָזעס
# בײַם טראַקט

פּאָעמע

אַרויסגעגעבן דורך דעם ייִדישן ליטעראַטן־פֿאַראיין
און פּען־קלוב אין ווילנע

ווילנע — 1939

ביכער־סעריע פֿון דער שרײַבער־
און קינסטלער־גרופּע „יונג־ווילנע"

הילע געצייכנט — רחל סוצקעווער
קאָרעקטור — לייב סטרילאָווסקי

A. Wogler — Cwej beriozes bajm trakt
Poemat
Wydane przez związek Literatów
i Pen - Club Żydowski w Wilnie
Printed in Poland
„Drukarnia Wydawnicza", Wilno, Kwaszelna 23

# אַ סטעזשקע צום שליאַך

די קאַנטורן פון דער פּאָעמע האָב איך געצייכנט אין פעלד. די פויערים האָבן מיר ניט איין מאָל געפונען ליגנדיק הינטער אַ ווערבעקוסט און מיך געפרעגט:

— איינער אַליין?

— אָ, גרויע פריידן מיינע, איך בין ניט אַליין. מיט מיר איז דער פרימאָרגן, די געגרודפטע סטאַדע ווייסע שאָף און דאָס קאָרנפעלד — מיין בלאָנדע אָרעמע מאַמע.

מיר איז ניט אומעטיק. איך חבר זיך מיט בליענדיקע עפּלסעדער. איך בין באמת ניט איינזאַם, ווי עס מיינען מיינע שופטים — די לייענער, וואָס האָבן מיר אומגערן צו איינזאַמקייט פאַרמשפּט. איך האָב אַזוי פיל שטומע פריינט צווישן די בעלי־חיים און געוויקסן. זיי שפּיגלען זיך אין מיינע אויגן ביי טאָג, און ביי נאַכט קוש איך זיי אין מיינע בלויע חלומות. איך בין ניט עלנט און אויך ניט אָרעם, ווייל — די אָרעמקייט איז מיין פאַרמעגן. אויב אויף דער וועלט איז פאַראַן זון און מוזיק — בין איך רייך... צו מיר געהערן די רויסטיקע טובערקולאָזע פלייגען, די האָרעבאַטע זיידעדיקע טראַקטן, די ליבטיקע, זיסע אַזיערעס און די בלינדע פאַרצווייפלטע בוטאָרן. די ווייסרוסישע מיענטע־לאָנקעס און די פּאַסיקעס מיט פּאַזעמקעס זיינען מיינע, די יונגע נוסוועלדעלעך און די קילע, באַלזאַמע סאָסניאָקעס — מיינע. און דאָס ליד וואָס איך זינג, איז אויך כמעט מיין אייגן ליד. איך האָב עס פון קיינעם ניט געהערט, אחוץ פון דעם אומעטיקן געוויש פון די ליטווישע גרויע טייכן און פון די צוויטשערנדיקע פאַריתומטע שוואַלבן. יע, אַ גרויסע השפעה האָבן אויף מיר געהאַט די פייגלען. ביי זיי האָב איך גענומען דעם ניגון, אָבער די ווערטער צום ליד זיינען, דוכט זיך, מיינע אייגענע. דאָס וואָס די פרומע סאָלאָוויען און די קראַנקע קאַנאַרעקלעך האָבן פאַר מיר געזונגען, וועל איך פּרוון פאַרטייטשן אויף ווייסן, טרילנדיקן יידיש. ב'וועל עס פּרוון איבערגעבן אויף מיין פשוטן, בידנעם לשון.

איך ווייס, אַז מיין געזאַנג איז ניט קיין פרייליעבער. מיין ליד האָט אפשר ניט דעם קלאַנג פון גאָלד, און דער קילער, גרינער קוואַל — דער ריטעם פון מיין פערז — פאַרטשעפּעט זיך ווו-ניט-ווו אָן די ליימענע הייזעלעך פון דחקות, אָן דער קראָפּעווע וואָס וואַקסט אין אונדזער גאָרטן... און ס׳קאָן גרייליעך זיין, אַז ער פליסט בכלל קעגן דעם הייסן שטראָם פון אונדזער צייט. צום באַדויערן, קאָן איך ניט אַוועקפליען פון מיין געבוירן-לאַנד — דעם שוואַרצן טרויער, קרייז איך ניט אַרום די נעפלדיקע טיפעניש פון מיין אייגענעם צער און ניט אַלע מאָל קום איך צום לייענערס געמיט מיט די ברייטע גאַסן פון געדאַנק און אידעע. נאָר איבערן אָפּגרונט פון בלויען געפיל און מיין פאַרבאָרגענעם רויטן ווייטאָג — פּרוו איך פאַרוואַרפן צו אים אַ בריק — די מעטאַפאָרע.

אָבער גליטשיק זיינען די בריקן פון די מעטאַפאָרן, זיי האָבן ניט קיין פאַרענטשן, און ס׳איז מעגלעך, אַז איך בין ערטערווייז געשטרויכלט געוואָרן: אַנשטאָט צו דערגרייכן דעם ציל, דער לייענער זאָל אין מיין ליד דערשפּירן אויך זיינע ליידן און פריידן, אויך זיינע איבערלעבונגען — קאָן זיין, אַז איך בין פאַרזונקען אין תהום פון אייגענער איבערלעבונג, און כ׳וויל אויך אים מיטשלעפּן אַהין, כּדי ער זאָל מיך דערשפּירן.

דאָס איז מיין אורטייל איבער זיך, און ווייטער — זאָל דער לייענער משפּטן אַליין.

*

מיט דער פּאָעמע בין איך אויסן צו דערציילן אַ מעשה וועגן שליאַך און זיינע צוויי טעכטער, די בעריאָזעס, וועלכע האָבן זיך פאַרקנסט מיטן גייסט פון דער וועלט — מיטן צלם. איך ווייס, אַז די ביימער און שליאַכן לעבן. און זיי איז אפשר אויך בעסער פון אונדז אַפילו זייער טרויער איז גרין, זייער בענקשאַפט — בלוי. די פליינען און די טאָפּאָליעס האָבן דאָך ניט איבער זיך קיין ריכטער. זייער סיוועד, טויבער טאַטע — זיין מאַיעסטעט דער לאַנגווייל — און

זייער בלינדע, געליימטע מאַמע — די שטאָלצע געטין אייביקייט — זיינען גוט צו זיי. באַטש די איבערגיניציקייט פון עובר־בטלדיקע עלטערן איז, ווי מיר דאַכט, פאַר די קינדער — אויך אַן עול. באַטש דער גרעסטער שכר פאַרן געבורט איז: מי און זאָרג, און די שווערסטע שטראָף — אויב איך בין זיך ניט טועה — איז: רו און זאָרגלאָזיקייט.

געוויס, די בעריאָזעס און די שפּלע גרעזעלעך — לעבן, און איך וואָלט וועלן, אַז זיי זאָלן אויך אָטעמען צווישן די שאַרע טאָוולען פון מיין פּיאָלעטן דושנעם ספרל, אָבער פיין — ליבע, ראָזע מוזע מיינע — זאָג צי וועט עס מיר געלינגען? —

כ'מוז זיך מודה זיין: מיין מושל — דער הער צווייפל האָט מיר נאָך לענגער פאַרטרויט, אַז איך בין ניט באַרופן צו לייזן קיין פּראָבלעמען בכלל און בפרט דעם פּראָבלעם פון קרייץ. און דעם צלם — דעם געוויסן פון דער ערד, דעם העלד פון דער פּאָעמע — נעם איך אויף ווי אַ נאָענטן קרוב פון וואַלד, פייגל און אויך ווי אַ סימבאָל פון עינויים, גערעכטיקייט און פאַריתומטקייט. און דערפאַר, ווייל איך נעם אָן, אַז דער שליאַך איז אַ ייד, האָב איך אויך זיין איידעם זיך געלאָזט מגייר זיין.

און דערווייל, איידער דער לייענער וועט זיך אַליין באַקענען מיט די פּערסאָנאַזשן פון דער פּאָעמע און זיך מיט זיי איינלעבן — זאָל ער ניט נעמען פאַר אומגוט די אָ עטלעכע סמילקענדיקע ווערטער מיינע וואָס ווילן אים באַטש אַ קאַפּל באַלייכטן די פינצטערע, קרומע וועגן, וועלכע פירן צו מיין פאַרלאָזענעם, מרה־שחורהדיקן גרויען לאַנד און שטילן וואָרקענדיקן ליד:

ניט צופעליק איז אין דעם בוך פאַראַן דער קאַפּיטל: „דער אַלטער ווינט און דער יונגער ווינט" (יע, ליבע פריינט, עס זיינען דאָ צוויי ווינטן). דיביידע ווינטן האָבן גאַנץ באַזונדערע ראָלן אין די ווייטערדיקע סצענעס פון דער שפּיל. אַזוי, למשל, איז דער אַלטער ברוינער ווינט, דער פּרעסער און ווייבערניק — אַ קברן און אַ בייזער מלמד. ער באַגראָבט אונדזערע בידנע מאַמעלעך, און פון זייערע מצבות — לערנט ער מיט אונדז קמץ־אַלף — אָ. אַבער אַפילו

אויך דער יונגער, לינדער ווינט (דעם שליאַכס לאַקיי) — אונדזער חלום און האָפענונג, דער וואָס דאַרף אונדז באַשיצן פון די געוויטערס — אונדזער חשוונדיקער וואָר; דער וואָס דאַרף אויסטרינקען די טרערן פון אונדזערע אָפּלען און אונדז ברענגען דעם ריח פון יוגנט, פרייהייט און גליק — איז פאַלש און האָט אונדז אָפּגענאַרט. ער האָט מיט זיין שטיפעריי דערפירט די בעריאָזעס צו שאַנד און פאַרראַט, דעם פרילינג — צו אומקום, און דעם מחבר — צו עצבות און פעסימיזם.

אין קאַפּיטל: „דער פרינץ און די יתומה” ווערט געזאָגט, אַז די בעריאָזעס טראָגן היט — בראָנעס, און די פעדערן פון זייערע היט זיינען די בוטשאַנעס. פאַר וואָס האָב איך מיינע אומעטיקע, צניעותדיקע ביימער אַזוי אויסגעפוצט, זיי געמאַכט פאַר גראַנדדאַמעס?

דער תירוץ: אונדזערע ווייסרוסישע בוטשאַנעס זיינען איידל, קאַפּריזנע און האָבן האָלט באַקוועמלעבקייט. זיי האָבן אַ טבע צו מאַכן זייערע נעסטער אויף בראָנעס (אָדער אויך אויף רעדער), ווייל דער שטח פון דעם האָרעפּאַשניקס כּלי־זין איז גענוג ברייט צו בויען אַ דירה פון עטלעכע קאַמערן. און אונדזערע אַלטע בידנע פּייערימלעך זיינען גוטהאַרציקע און אייבערגלייביקע. זיי האָבן מיטלייד פאַר די פייגל — די ווייסע נשמות פון די קראַנקע ווערבעס און יונגע קאַרשנביימלעך — און גלייבן, אַז די צאַרטע באַשעפענישן ברענגען גליק. דעריבער שלעפּן זיי אַרויף אויף די ביימער זייער געוועער — די בראָנעס, וואָס מאַכן ניט חרוב קיין וועלטן, נאָר — נעמען אַראָפּ די שטיינער פון אונדזערע הערצער און גרייטן אויך צו מיט זיך די פונדאַמענטן פאַר די פייגלשע פּאַלאַצן.

אין קאַפּיטל: „דעם שליאַכס יחוס” ווערט דערציילט, אַז דער וועג איז אַמאָל געוועזן אַ זאַווולעק אויף סאָפּיאַניקעס, און איז פון זיין מאַמען — דער שטאָט ווילנע — אַנטלאָפן צו זיין קאַליקער מומען — דער שטעטעלע קאַזיאַן. דער שליאַך אַליין זאָגט, אַז ער האָט אויסגעצויגן פון דער רעזידענץ צוליב זיין ליבע צו דער שיינער געלער מאַדאַם — דעם ווייצנפעלד, נאָר דער מחבר קלערט — אַז צוליב גאָר אַן אַנדער סיבה.

איך ווייס ניט, ווי אַלט עס איז אונדזער ליבער גאָסצינעץ (זיין צעפּליקטע מעטריקע — דעם מאָביקן, צעפאַלענעם פּאָמניק נאָבן פאַרשאָטן געוואָרענעם פּאָניע, וואָס האָט דעם וועג אויסגעטראָטן און געלייגט — האָבן די ווינטן שוין לאַנג אָפּגעמעקט און פאַרוויט). נאָר איך נעם אָן, אַז די פּלייטה איז געשען אין יאָר ניינצן פינף אָדער ניינצן זיבעצן. די היסטאָרישע דאַטעס זיינען דאָ וויכטיק אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דער מחבר האָט געוואָלט פּרווון מאָלן די שטאָט (ניט נאָר ווילנע אַליין) פון פאַר דער מלחמה און אויך אין אַ צייט פון אַ מרידה.

איך וויל מיט אונדזער הירשקעלעס דרייסטן, בלוטיקן שפּאַן — דעם זאַוואָלעקס גילדענעם מבשיר — אויסקריצן אין זכרון פון דער וועלט, אַז דער שליאַך איז אַ געוועזענער בונטאָווטשיק. ער האָט געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין שטרייט קעגן צאַר. ער האָט זיין טאַטן — דעם המון — געהאָלפן ברענגען די פרייהייט אויף דער ערד. און אויב דאָס איז אים ניט אין גאַנצן געראָטן — איז דאָך דער וועג געוויס ניט שולדיק. ווייל דער צאַר האָט געבונדן זיינע הענט און פיס מיט שטעכיקן דראָט און גרענעצפּאַסן, און די טויערן צום אָראַנזשעווען מלכות פון גליק זיינען באַכאַשעם אויך פאַרן גאָסצינעץ פאַרריגלט.

... אָ, זאָל כאָטש מיין באַרגיקער געדרייטער דאַרער טראַקט, מיר, דעם יונגן פוסגייער, ניט פאַרפירן צו די בלויע נעפּלען, אָדער צו קרישטאָלענע ראָזעווע כישוף־שלעסער — מיין בית־עלמין. נאָר מיר ברענגען בשלום צו מיין חלום און ווייטן ציל — צו שיינקייט און אמת. אויף יעדן טראָט רינגלען מיר אַרום די סטאַיעס וועלף — מיינע שגעונדיקע בייזע ספקות. זיי גריזשען אויס פון מיין האַרץ די זון און וואָיען אין קאַלטן אָוונט — מיין שבטיקן אויסגעשטערנטן געמיט:

— אפשר איז גאָר קיינעם ניט כדאַי צו האָרעווען איבער דיינע שוואַרצע שורות, צו פיל ניט איבערקלערן זיי: דער אמת א י ז — נאָר מען קאָן אים ניט אַנטדעקן, כאָטש דער האָנאָראַר פאַר אַרבעט קאָן טייל מאָל זיין: געצנוס, שיינקייט און אוצרות פערל, אָבער דער לוין פאַר דער מי צו זוכן אוצרות, קאָן אויך זיין — אַנטטוישונג.

און איצטער בעט איך דער צניעותדיקער מוטערל יידיש מיר מוחל זיין פאַר די צו פיל סלאַוויזמען, וואָס מיט זיי האָבן זיך אויסגעצירט און עס אָטעמען מיינע הייקערדיקע, ברייטע סטראָפן. איך פאַרשטיי אויך, אַז לאָקאַליזמען זיינען שטיינער אויף די זילבערנע וועגן פון ליד. אָבער זאָל די מאַמע — ל ש ו ן - צ ע ר, אונדזער טרייסט און גוטע באַשיצערין, מיר ניט פאַרדענקען — די פּאָעמע האָט זיך דאָך אויסגעבאָוועט און טוליעט זיך צו די הייסע אָרעמס פון דער אַלטער בלויער ווילנע און וויל אויך אַרומאָרעמען אירע אַרומיקע בלודנע ווייסרוסישע שטעטעלעך, און צוליבן ספּעציפישן בין־השמשותדיקן קאָלאָריט פון אונדזער שאַרער לאַנדשאַפט, קען איך ליידער די פּראָסטע גרויע קרענץ סלאַוויזמען — דאָס האַרץ און נשמה פון מיין ערד און דאָס אייגנס פון מיין שיר — פון מיינע פּערזן ניט אַרויסרייסן און אויף אַנדערע איידעלע, פּערלדיקע ווערטער — זיי ניט פאַרבייטן.

צו אַ טייל לאָקאַליזמען גיט די פּען, די עלנטע פלאַפּלערקע — דעם מחברס פּיין, זיין בידנע בלינדע באַשערטע — אויסטייטשונגען, אָבער די נעמען פון די ליטווישע שטעטעלעך, פון זייערע טייבלעך און פון די ווילנער זאַוולקעס און גאַסן — קאָן נאָר די שטאַמלענדיקע באָבעשי ליטע און איר איניקל — די שטילע לערערין ווילנע — אַליין פאַרטייטשן...

ביי דער געלעגנהייט וויל איך פאָרשטעלן פאַר דער געשעצטער מאַדאַם עפנטלעכקייט דעם פריינט פון איר בלייבן דינער — מ ש ה מ אַ כ ט י י. ער איז עס דער, וואָס האָט אַראָפּגענומען פון מיין שאָטנדיקן זיאָלקן געמיט דעם שווערן, טליענדיקן זיסן עול, און מיר עס געהאָלפן אַרויסשלעפּן אויפן קאַלטן, הפקרדיקן ספרים־יריד. איך ווייס ניט אָבער, צי איך וועל מיט מיין סומנעם ווערק געפינען אַ פּיצל אָרט אויפן ענגן, טומלדיקן ביכערמאַרק, און כאָטש ערשט איז טבת אין אונדזער לעבן — האָף איך ניט, אַז מיין קאַפּריזנע האַרינטע — די מאַסע — וועט זיך דערוואַרעמען איר פאַרפראָרענע האַרץ מיט מיינע פייכטע בעריאָזעס, אָדער לכל־הפחות — אויב עס וועט ווען עס איז קומען אונדזער תמוז — קאָנען שטילן איר דאָרשט מיט מיין ביטערלעכן, גרינעם געוויין.

א. וואָגלער

# דער זיווג

## א

צווײ בעריאָזעס, צווײ שוועסטער, — דער דיכטער וואַגט
אָנרופֿן זײ בתולות, וואָס וואַרטן אויף אַ מאַן;
נאָר אַרבעטסלאָז איז זײער טאַטע — דער טראַקט —
פֿאַר די גרעפֿינס ער האָט נעבעך ניט קײן נדן...

פֿאַר די פֿאַרשײנען גײט אויס דער בײזער מלך — דער פֿראָסט,
צו זײ שדכנט זיך אויך דער אַלטער, ברוינער ווינט;
נאָר די בײמער האָבן די געקרײזטע קעפּ אַראָפּגעלאָזט
און שרײַבן בריוו צו די חתנים מיט שאָטנס — בלויען טינט:

„— מיר דאַרפֿן ניט די שנײען, דעם הערשערס זילבערנע רינגען,
אויך דער געוויטער, דער ליגנער, איז אונדז ניט געפֿעלן — — —"
...און איבער דער געגנט די קוקאָוקעשע תּפֿילות נעמען קלינגען —
דאָס צווײנען זיך די בעריאָזעס, די קאַפּריזנע מאַדמואַזעלן.

דער קאַרגער מיליאָנער, דער בלאָנדער ווײַסרוסישער פֿרימאָרגן,
איז אויך פֿאַרליבט אין די פֿירשטינס, נאָר זײ געפֿעלט זײער שכן —
דער צלם, וואָס האָט די יסורים — זײַנע אוצרות — אין האַרצן
פֿאַרבאָרגן,
און כּדי ניט צו זען די זינד פֿון דער וועלט — זיך די אויגן
אויסגעשטאָכן.

דער פֿאַרנאַכט — דער קראַנקער באַנקיר — האָט אַפֿילו פּרובירט
נעמען זיך דאָס לעבן צוליב די בלאָנדע פֿרויען די האָנאָראָווע;
נאָר די בעריאָזעס האָבן מיט זײַן בלוט — מיט פּאַטשערקעס
רויטע — זיך אויסגעצירט,
כּדי צו געפֿינען חן בײַם גאון, דעם לײַדנדיקן נביא.

דער יונגער קיניג – דער פרילינג, באַגלייט פון די
שוואַלבן – זײַן סוויטע,
איז אַנומלט זיך דורכגעפאָרן איבערן אָרעמען לאַנד,
און פאַר די בעריאָזעס – דעם שענסטן צווילינגפּאָר פון ליטע –
דעם רעגנבויגן – זײַן גילדענעם רײַטוואָגן – אויסגעשפּאַנט.

ס'האָבן זיך געניײגט פאַרן קיסר די שטאָלצע בוימער,
און דער האַר האָט זיי אַרומגענומען מיט זײַן הייסן אָרעם;
נאָר זיי ווילן פאַר אַ חתן דעם צלם, דעם איידעלן טרוימער –
ווײַל ער שטייט העכער פון אַלע קיסרים...

פאַר די בעריאָזעס האָט דערציילט דער שדכן, דער קאָרשון,
אַז זיי געפעלן אויך דעם קרייץ, דעם הייליקן מאַן;
נאָר ביַים אָרעמען שליאַך זײַנען מסתמא דערפון
אויפן שטערן צוויי טיפע קנייטשן פאַראַן...

דער טאָג דורכגעפאָרן די געגנט אין אַ בלויען פאַעטאָן איז,
מיטן רעש טוט דער הייזעריקער וועג אַ זיפץ און אַ הוסט,
און די ווייץ, זײַן דיקע מיוחסדיקע אישה די צדקניות,
האַלט אונטער דעם גראָבן — זײַן אײַנגעפאַלענע ברוסט.

אַ קוראָפּאַטווע קוויטשעט און פליט אַרויס פון תבואה־פעלד –
און מיט אַ ניגון
צעיענטשעט זיך די ווייץ צום וועג, דעם ישובניק דעם גראָבן:
– טאַטע, די בעריאָזעס זײַנען קרועה־ובלועה – און ווו וועלן
מיר קריגן
פאַר אונדזערע פירשטינס חתונה־גאַרדעראָבן?! – –

אַ ווײַס לעמעלע בלאָנדזשעט אַרום אויף דער לאָנקע,
זי שפרינגט אַרײַן אין תבואה – און די צווייטע פרוי
פון שליאַך – דער קאָרן – די הויכע, מאָגערע פאָנקע
שוידערט אויף און ברעכט זיך די פינגער – דעם שטרוי:

– אונדזער קינפּטיקער איידעם איז איבער יסורים דער קייזער,
דעם שׂכר פֿאַר גערעכטיקייט – אַ דערנערנע קרוין –
ער טראָגט אויף זײַן קאָפּ דעם געלאָקטן,
נאָר ווו נעמט מען אַ נײַעם גאַרניטער פֿאַר אונדזער דערלייזער? –
מעקעט די לאַם און דער קאָרן פֿרעגט מיט אַ געוויין אַ פֿאַרצאָגטן.

דער פֿאַרנאַכט פֿאָרט אַרײַן אין דער געגנט אין אַ רויטער
קאַלאַמאַשקע –
מיטן געריש – דער שליאַך וועגן יתום דעם צלם נעמט ריידן:
– ער טראָגט אַ שימלנע, געלע, צעפּליקטע רובאַשקע,
און מען דאַרף אים למען־השם טאַקע באַקליידן...

עס דאגהט דער גאָסצינעץ, נאָר דאָס צווילינגפּאָרל טוט אַ זיסן ציטער,
און גיט דעם הייליקן מאַנצביל אין קאָפּ אַ קוש,
עס פֿאַרנייגט זיך פֿאַר די דאַמען דער בלאַסער, איידעלער ריטער,
און טוט אויס דעם מאָך – זײַן גרינעם קאַפּעלוש.

עס דאגהט דער גאָסצינעץ – נאָר די בעריאָזעס
האָבן זיך אָנגעלענט אָן הימלזוים, זייער פּורפּורנעם דיוואַן;
... און אונטערן פּיען – דעם באָרוועסן פֿוס פֿונעם צלם – מיט
אַ באַוואַקסענער קבֿר פֿון ליים פֿאַראַן. [גראָז איז

פּלוצים שטייט אויף פֿון קבֿר אַ בלייכער מאַנצפּאַרשוין –
ער גייט, און דער וועג קלײַבט צונויף פֿון זײַנע פֿאַרווּנדעטע
פֿיס די סליאַדן,
אַ רענדל איז יעדער שפּאַן פֿונעם געקוילעטן זון פֿון פּראָסטן המון –
און נדן וועלן האָבן די בעריאָזעס, די פֿאַרליבטע מאַדן.

עס שטייט אויף פֿון קבֿר דער הויכער כלאָפּ
און פֿאַלט אַרײַן אין די אָרעמס פֿון קרייץ זײַן בכור;
דער דערלייזער נעמט אַרום די לבֿנה, זײַן באַטקעס קאָפּ
און ווישט אָפּ דאָס בלוט פֿון די וואָלקנס – זײַנע בלאָנדע האָר.

דער טאַטע קושט דעם שעמעוודיקן אומבאַקאַנטן
גואל – און וויינט. פֿון לבֿנה־שײַן – די טרערן פֿון דערמאָרדעטן
איוואַנקען –
שלײַפֿט אויס דער צלם פּערל און דיאַמאַנטן –
פֿאַר די בעריאָזעס חתונה־מתּנות און כּלה־געשאַנקען...

אַ מילכוועג – אַן אָרעמבאַנד אַ ליליאָוון –
טוט אָן יעדן בוים דער יונגער חתן –
דאָס איז אַן אָנדענק פֿון זײַן פֿאָטער דעם יָוון,
וואָס מ׳האָט אין זעכצנטן יאָר דערשאָסן...

פּלאַטינענע מעדאַליאָנען – לבֿנה־שטראַלן –
טוט אָן דער בחור יעדער פֿרוי אַ קמיע –
אַ פּרעזענט פֿון שווער, וואָס איז געפֿאַלן
אין קריג פֿאַר דער מאַטושקע ראַסייע...
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

בײַם שליאַך גלאַנצן די אויגן – די לוזשעס אין די גריבער,
און ער גיט אָפּ דעם קרייץ זײַנע צניעותדיקע בתולות,
ער באַהאַלט זײַנע אימפּעריאַלן – די שפּורן פֿון צעמזיקטן גבור –
און וויינט פֿאַר פֿרייד – מיטן סקריפּען פֿון וואַנדערערס
הילצערנע קוליעס...

די ווייך בעט גאָט פֿאַרן צדיק און וויינט איבערן חצות –
איר גילדענער, צעעפֿנטער תּחינה,
און דער טראַקט וועט מיט די טריט פּונעם קדוש באַשוכן,
באַקליידן זײַנע אָרעמע קינדער,
פֿאַר די בעריאָזעס באַשטעלן אַטלעסענע קליידער און זײַדענע
שאַלן גרינע,
און פֿאַרן צלם – אַ שאָטן – אַ פֿראַק, און פֿון מאָך – אַ געלן
צילינדער...

## ב

דער מידער גאָסצינעץ האָט דעם שטיין – זײַן גרויען
קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפֿן ווייצנפֿעלד – זײַן בלינדער, דיקער יענטע;
און די לבֿנה וויל מיט איר שײַן צוריק אויפֿבויען
די כוטערלעך פֿון די מילחמות אָפּגעברענטע...

די בלאָנדע קריסטין – דעם קאָרן – האָט דער אַלטער שליאַך
אַרומגענומען מיט די שטעגן – זײַנע מאָגערע הענט;
און דער לבֿנה־אָוונט האָט אויף אַ הײַזקעס שטרויענעם דאַך –
אויף זײַן ווײַבס געלן קאָפּ זיך אָנגעלענט...

עס שלאָפֿט זײַן אַלמנה, די כאַלופּע, די זקנה...
און פֿון מולד – דאָס בלוט פֿון זעלנער וואָס מ׳האָט דערשאָכטן –
האָט די ראַבינע – די יונגע ציגײַנערין די שיינע –
רויטע קרענץ קאַרעלן אויסגעפֿלאָכטן...

עס שמייכלט די לבֿנה, דאָס געשטאַלט פֿון דערהרגעטן פּויער,
און זײַן אויג – דער אָוונטשטערן – האָט זיך צעעפֿנט, צעגליט –
און אונטער זײַן בליק האָבן בײַם מײַבוים, דער בלאָנדער יפֿת־תּואר,
אירע ליליאָווע בריסטן – דער בעז – זיך צעבליט...

דער לבֿנה־אָוונט צעקושט זיך מיט זײַן טאָכטער דער מיעזשע,
און די ווערבע, זײַן מאַמע, האָט פֿאַר אים אירע אָרעמס
פֿונאַנדערגעשפּרייט,
און זײַן געליבטע, די סאָסנע, די שלאַנקע מויד די גראַציעזע –
נייט פֿון שטערנשײַן אַ נײַע, ראָזע קלייד...

די לבֿנה האָט זיך צו דער ערד אַראָפּגעבויגן,
געוועקט פֿון דרימל די כאַטקעלע, די געליימטע גויע,
און פֿון די שײַבעלעך – אירע בלינדע אויגן –
טריפֿן טויען – טריבע טרערן בלויע.

די לבֿנה לאָזט זיך אַראָפּ צום פּיאָלעטן הימלראַנד
און ס׳פּאַלט פּאַר איר אויף די קני די נידעריקע הײַזקע די לאָמע,
דאָס געשטאַלט פון מת טאַפּט זי אָן מיטן דאָרן – איר האַנט:
– אָ, איר מאַן איז צוריקגעקומען פון דער מילחמה...

---

# ז ו מ ע ר

װען דער מת האָט מיטן מאָרגנשטערן – זײַן בלױען אױג
דעם קאַסאָקן –
געװאָרפֿן אַ בליק אױפֿן חרובֿן הױף – זײַן אין ניװעץ
געגאַנגענער פּראַצע,
האָט אַ זיסן ציטער געטאָן דער אַקער, דער געלײמטער זקן,
און סקריפּען – הירזשען האָט גענומען די סטאָדאָלע –
די בלינדע קליאַטשע...

די עגונה די דראַבינע האָט צו אים אַ האָלאָבליע –
אַ האַנט אױסגעשטרעקט,
אַ טרעשטש, אַ פֿרײדגעשרײ אַרױסגעלאָזט האָט דער סאַרײַ –
דער געלער פּאַסטעך דער שטומער,
ס׳האָט געמורמלט דער סיערפּ צו דער מאָגערער גויע, דער
גראַבליע, געװעקט
זי פֿון דרימל: – שטײ אױף, ס׳איז צוריקגעקומען אונדזער
ליבער האַספּאַדאַר – דער זומער...

די פּאַרעבקעס די זעלבסטמערדער – די לאַפּטשעס אױפֿן פּלאַנקען,
זײַנען אַראָפּ פֿון די תּליות און געלאָפֿן אַנטקעגן דעם זומער,
זײער האַר דעם טרײַען.
די געלע טעלעצעס און די ברױנע זשרעבצעס דערקאָנט האָבן
איװאַנקען
און געפֿאַלן קושן דאָס גרינע גראָז – די טריט פֿונעם כאַזיאַיען...

פון קאַטוך זײַנען אַרויסגעלאָפן די אַלמנות — די עופות
און געטאַנצט, אין מיטן קאַראַהאָד איז
אַרײַנגעשפּרונגען זייער יתום, דער האָן, און אויסגעקרייט:
האָספּאָדאָר;
נאָר ס'איז פאַרשווונדן די לבֿנה — דער קאָפּ פון בעל־מופת און קדוש,
וועלכער איז געפאַלן אין קריג פאַרן גרויזאַמען צאַר.

דער טויטער מאַן האָט אויסגעטאָן זײַן מאַסקע — די לבֿנה
און באַוויזן זײַן אמתן שיינעם פּנים — דעם זונאויפגאַנג,
פון שלאָף האָט זיך אויפגעכאַפּט די מידע זקנהלע — די בראָנע
און איז אַרויס אין פעלד — איר האַר באַגעגענען מיט געזאַנג...

דער בלייכער כישוף־מאַכער האָט געטאָן אַ כישוף, באַוויזן
נסים ונפלאות:
אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד און זיך סומנע צעלאַכט;
און אונטער זײַן װאַרעמען בליק האָבן דעם יִשובֿס — דער גויעס —
זײַן אַלמנהס בלינדע אויגן — די פענצטערלעך זיך אויפגעמאַכט...

די עָרלטע האָט דעם נעפּל — איר זײַדענעם חופּה־שלייער —
אויפן קאָפּ אָנגעטאָן,
און די לאָנקעלעך מיט רומיאַנעק — אירע נײַע שיך די געלע,
און איר ווײַסע חתונה־קלייד — דעם גאָרטן מיטן צעבליטן מאָן —
און ס'איז ווידער אַ כּלה געוואָרן דאָס הייקערל, די יעדנאָסעליע...

מיט אַ זונשטראַל אַ קוש געטאָן האָט איר דער חתן דער גבֿר,
מיט זײַנע שטאַרקע אָרעמס — די דעמבענע פלויטן — זי
אַרומגענומען;
און די צערקווע אויפן באַרג — דער הויכער פּאָפּ אויפן אַלטאַר,
האָט זיך צעקלונגען — מיט זיי פּאַטשערעס געזאָגט מיט אַ ניגון
אַ פרומען.

און דער אַסוויר – דער סוכאָטניק, דער מאָגערער קלעזמער
דער בלינדער
האָט אַ פּאָלקע אויפגעשפּילט אויף זײַן פידל – דעם הילצערנעם
עמער,
ס׳האָבן געטאַנצט די מחותנים – די אַלטע בעק מיט די גראָבע
רינדער
און געמעקעט, געזונגען אין כאָר האָבן די זאַיִקעס, די יונגע לעמער...

דער קאָטשער – דער פּאָניע האָט מיט זײַן הייסן אָרעם דעם פליגל
אַרומגענומען די גאַלאָשייקע, די דאָרפסמויד, די יונגע ליטווינקע,
און די קאָץ – די גרויסשטאָטישע דאַמע, האָט געפּוצט זיך אין
לוזשע – איר שפּיגל,
זיך באַלעקט מיטן בלוט פון פּאַצוק – אירע ליפּן געפאָרבן מיט
שמינקע...

אָבער פּלוצים האָט דער גאַלאַגאַנסקער האָן, דער ווײַסרוס, דער
יונגער מחותן
זיך צעשלאָגן מיטן קאָטשערל צוליב דער גענדזל – דער שיינער
בורלאַטשקע;
דער דאָן זשואַן האָט מיטן שנאָבל דעם קעגנער צעשטאָכן ביז בלוט און
עס האָט זיך צעיאָמערט די פּאָניכע, די אַלטינקע מאַמע, די קאַטשקע.

ווען דערזען בלוט האָט דער אינדיק – דער רוסישער גראַף, דער
בעל־גאווה מיטן רויטן צילינדער,
איז ער אין שגעון אַרײַן און באַפאַלן דעם בגילופנדיקן סאָלטיס –
דעם גאָנער,
מיטן שפּיז אים אַן אויג אויסגעשטאָכן, הלמאַי דער בעל־תאווה
און זינדער
האָט זיך געקושט מיט דער אינדיטשקע – באַליידיקט זײַן
פּריצישן האָנער...

געקוואָקטשעט, געקלאָגט אויפֿן אומגליק האָט אויך דאָס הינדל,
די פּראָסטע אָרעמע קומע,
און ווען אויף די ליימענע בערגלעך – די טישן – האָט פֿאַר די
ליבע מחותנים
צעווייקטן ברויט און גערשטן – כּיבוד – דערלאַנגט די
באַלעבאָסטע – די הײַזקע די קרומע,
האָבן זיך צעממיתט די כאַמעס – די עופֿות און צוגעכאַפּט די
חלקים פֿון די פּריצים די נאַראָנים...

נאָר ראַפּטעם איז אָנגעלאָפֿן דער זשאָנדער – דער שטומער פּאַסטוך
און דעם שׂררה – דעם אינדיק אין קייטן געשמידט – פֿאַרבונדן
די פֿיס מיט אַ בענדל,
און דעם האָן דעם רוצח אין תּפֿיסה פֿאַרשפּאַרט – אין טוכלען קאַטוך,
און ס'האָט זיך צעקרייט – צעווײנט דעם געפֿאַנגענעמס
ברודער – דער יונגער הענדל.

דער באַראַן – דער קאָזאַק, און דער באָק – דער סטאַראָוויער
דער גרויער
האָבן אויך זיך צעשלאָגן איבער אַ גרעסערער פּאָרציע אכילה;
ס'האָט זיי ביידן צעמזיקט דער אָקס – דער געזונטער ליטווישער פּויער,
נאָר די שלעגער פֿונאַנדערגעריסן האָט די פֿרומע זקנהלע – די קאָבילע.

אויף אַ פּעטן ביין – זײַן פֿײַפֿיאָל – האָט דער אַלטער וועכטער –
דער הונט
געבורטשעט – אַ דײַנע געשפּילט. און דער באָק, דער באַראַן
און דאָס שעפּסל
האָבן זיך איבערגעבעטן. און פֿאַר חתן־כּלהס לעבן, גליק און געזונט –
געטרונקען וואַסער פֿון די קאָריטעס – געמאַכט אַ שנעפּסל...

דער היימישער קלעזמער – דער גראָבער דבֿר־אַחר דער געלער
האָט געכריוקעט – אַ וואַלס אויף זײַן הייזעריקן טראָמבאָן געבלאָזן

און פֿון צעבער, זײַן גרויסן, זילבערנעם טעלער
געפּרעסן פּיראָג מיט מאַקאַראָנעס – בולבעס מיט צעשניטענע גראָזן.

באַכהער האָט דער זאַטער מחותּן אין זײַן גילדענער בעט –
אין קופּע מיסט –
אַ מידער געטאָן זיך אַ וואַליע און גענומען שנאָרכן – ריידן פֿון שלאָף;
דער קאַנאַריקל האָט זיך צעזונגען – דעם חתן דעם זומער באַגריסט,
און דער כאַלופּע – דער הינקעדיקער, בלאָנדער כּלה – צוגעווונטשן
מזל־טובֿ...

---

# דער אַלטער ווינט
# און דער יונגער ווינט

## א

אַ קרישטאָלענער פּאַלאַץ – אַ בית־עלמין. זײַן טויער איז
אָן אויפגעפּראַלטער...
בײַ אַן אײַנגעפאַלענער מצבֿה – אַ טיש פון מירמלשטיין,
דאָרט זיצט דער בייזער אַלמן, דער ברוינער ווינט דער אַלטער
און טרינקט בלויען שאַמפּאַניער – אַ מאַמעס געוויין.

זײַן גילדענער שטול – דער קבֿר פון לײם איז,
און ווערעם – פּעטע לאָקשן אויף אָנבײַסן ער פרעסט,
און עס יאָמערן און קלאָגן די קלאַרנעטן – די יתומות,
וואָס קומען אויף קבֿר־אָבֿות צו געסט.

דער געוויטער אויפן גראָז – אויף זײַן ווייכן פּאָטעל שפּאַרט זיך אָן,
און הערט די יללות פון יעטוועדער יענטע, יעדער וויסטער אַלמנה –
די יאָמערנדיקע פידלען, די כליפּענדיקע פלייטן, דעם קרעכצנדיקן
– באַריטאָן
וואָס שפּילן פאַר אים אויף בעטהאָווענס צ ע נ ט ע סימפאָניע...

דער אַלטער ווינט איז מלא־שׂמחה און שטאַרק בגילופֿן
און שיקט זײַן ספּריטנעם משרת – דעם שוואַרצן זשוק,
ער זאָל צום קאָנצערט און הייליקן מאָלצײַט רופן
דאָס יונגע, גרינע ווינטעלע, דעם בײַסטרוק.

נאָר דער יונגער ווינט האָט פֿאַרלאָזט דאָס הויז,
ער זיצט אַצינד אין בלויען בלומען־גאָרטן,
ער קושט אַ פֿרײַלין, אַ פּורפּור־רויטע רויז
און שפּילט מיט איר אין שטראַלן — קאָרטן.

דער אַלטער ווינט איז אַ נערוועזער, אַ כעסן, אַ פֿאַרשטעלטער למדן,
דער יונגער — דינט בײַם קיניג — דעם פֿרילינג — אין קאַוואַלעריע;
כאַפּט דער רבי זײַן קאַנטשיק — אַ הויפֿן זאַמדן
און פֿליט אין בלויען קלוב — אין אָראַנזשעריע.

דער יונגער ווינט גיט זײַנע גילדענע קאָרטן אַ טאַש
און פֿאַרטיילט זיי צווישן די שלאַנקע פּרינצעסינס די בלומען,
און פֿון וואַסער־פֿאָנטאַן — זײַן זילבערנער פֿלאַש —
באַשפּריצט ער די איידעלע דאַמען מיט פּאַרפֿומען.

ער, דער הולטײַ שפּילט אַן איין און צוואַנציק
און פֿאַרשפּילט דעם זונאויפֿגאַנג בײַ דעם טולפּאַן;
... נאָר פּלוצים ווערן די אויגן גרויס און גלאַנציק
בײַ דער קיניגין — דער ווײַסער שוואַן.

עס וויינט די שוואַן, זי זיפֿצט און זי שרײַט —
דער יונגער ווינט קוקט אין סאַזשלקע — איר בלויען שפּיגל —
אָ, ער פֿאַרשטייט שוין וואָס איר געשריי באַטײַט,
און קושט אירע הייסע, ווייכע פֿליגל.

## ב

דאָס ווינטל האָט דאָס פֿאַרמעגן זײַנס, דעם באַגינען, געשטעלט
אין קאָן,
ווען ס'איז אויף אים אָנגעלאָפֿן דער ברוינער געוויטער,
און די יונגע, פֿאַרשײַטע ציגײַנערין, דער רויטער מאָן —
פֿאַר זײַן דוך געגעבן האָט אַ ציטער.

די שטאָלצע גרעפֿינס – די געלע מימאָזן – האָבן פֿאַרבייגן זייער כּבֿוד,
זיך אָנגעלענט אָן די פּאָדפּאָרעס, זייערע לאַקייען, די קרעפּטיקע
און פֿאַר גרויס איימה און בהלה, נעבעך, זיך פֿאַרכאָוועט [בחורים,
אין שאָטן פֿון אַ דענקמאָל – זייער בראָנזענעם טורעם.

ס׳האָבן די הענט פֿאַרבראָכן די אָרעמע שטובמיידלעך – די
ציבעלעס=וואַזאָנעס,
די רויזן האָבן די שפּינוועבס אויסגעטאָן – די בלויע שלייערס –
און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.
און די ראָזינקע מאַרגאַריטקעלעך – די בלודנע יונגינקע אַלמנות,
האָבן זיך אין שאָטנס אָנגעטאָן – אין טרויערס שוואַרצן קרעפּ.

וועןביידע ווינטן זײַנען אַרויס אויף אַ דועל,
האָבן די פֿיאָלקעס זיך פֿאַרטוליעט אין די בלעטער, זייערע
זײַדענע שאַלן,
פֿאַר שרעק איז די באַרעמהאַרציקע שוועסטער – די רומיאַנעק –
און דער רייז איז אויף די קני געפֿאַלן. [געוואָרן געל,

ס׳האָט זיך געשאָקלט דער רייז – דער הויכער בלאָנדער באַראָן,
געזאָגט אַ תּפֿילה פֿאַר זײַן חבֿרל, דעם כיטרען דאָן זשואַן;
און די פּרינצעסין – די ליליע, האָט אין טײַך, אין איר ראָזן סאַלאָן,
זיך פֿאַרשטעלט מיטן נעפּל, – דעם בלויען פֿאַראַוואַן.

דער רויטער מאָן האָט זיך די שוואַרצע האָר פֿון קאָפּ געפּליקט,
די בלויע קאָרנבלימלעך – די אויערן מיט וואַטע זיך גענומען
פֿאַרשטעלן,
און די רויטע דאָרפֿסמוידן – די געאָרגיניעס – האָבן זיך געשטיקט
מיט די טויען – זייערע גרינע קרענץ קאַרעלן.

די מײַ=גלעקלעך האָבן די שפּינען אויסגעטאָן – די שוואַרצע
אויערינגען,
ס׳האָבן געחלשט די כריזאַנטעמעס, די שוואַכע, בלייכע כּלות,
און זייערע איידעלע חתנים – די ווײַסע שמעטערלינגען
האָבן זיי געמינטערט, אונטערגעהאַלטן בײַ די טאַליעס.

די בלויע פֿאַרגעס־מיך־ניט האָט דער געוויטער געשענדט,
צעפּליקט איר פּלושענעם מאַנטעלע דעם פּיאָלעטן,
און ביַי די פּיאָלקעס אַראָפּגעריסן פֿון די בלעטער – די הענט –
די ראָסע – זייערע גילדענע בראַנזאָלעטן.

דער אַלטער ווינט איז דעם יונגן פֿון הינטן באַפֿאַלן,
און איידער דער שילויע האָט געשטעלט זיך אַנטקעגן –
האָט דער אַכזר צעריסן די טאַליעס קאָרטן – די גילדענע שטראַלן
און דעם זונס דאַמעס געשמיסן מיטן שלאַקסרעגן.

דער געוויטער האָט אַראָפּגעריסן אַ שטרויענעם דאַך – – –
נאָר דעם בליץ – זײַן גילדענעם, שאַרפֿן מעסער –
האָט דער יונגער אַראָפּגעלאָזן מיט אַ ראַזמאַך
אויף זײַן טאַטן, דעם אַלטן ווינט, דעם פֿרעסער.

אַ צעמזיקטער איז דער געוויטער זיך ראַטעווען געפּלויגן,
אַוועקגעזעצט זיך אָפּרוען אויף אַ צעפּוילטער סטאָדאָלע,
און זײַן פּײַלנבויגן – דעם ראָז־בלויען אָראַנזשעווען רעגנבויגן
אַרויסגעשלעפּט פֿון הינטער אַ כמאַרע, זײַן צעשפּיליעטער פּאָלע.

און ראַפּטעם האָט אַ פּײַל – אַ שוואַרצע וואָראָנע
אין ראָזן קלוב – אין אָראַנזשעריע געטאָן אַ פֿלי,
דאָס גרינע פֿאַרוואונדעטע ווינטל האָט אַ ראָווע געגעבן, און די נאָנע –
די נאַרציס – איז געפֿאַלן פֿאַר אים אויף די קני...

דער שילויע איז פֿון קלאַפּ געוואָרן בלינד...
מיט וואָלקנס – באַנדאַזשן פֿאַרוויקלען די מימאָזן
דעם אָוונטשײַן – זײַן בלוט וואָס רינט.
פֿון האָריזאָנט – זײַן שיינעם פּנים דעם ראָזן...

– – – – – – – – – – – – – – – – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – –

און דער טויער פון קרישטאָלענעם פּאַלאַץ – דעם בית־עלמין –
איז אַן אויפגעפּראַלטער...
ביי אַן איינגעפאַלענער מצבֿה – אַ טיש פון מירמלשטיין,
דאָרט זיצט זיין טאַטע דער אַלמן, דער ווינט דער אַלטער –
און טרינקט בלויען שאַמפּאַניער – אַ מאַמעס געוויין.

זיין גילדענער שטול – דער קבֿר פון לוים איז,
און זיין מאַלצייט – פּעטע לאָקשן – ווערעם פרעסט ער,
נאָר ער הערט ניט די יללות פון די יתומות –
דעם סימפאָנישן אָרקעסטער...

ער הערט ניט דעם יתומלס כליפּענדיקן קול – דעם קלאַרנעט,
דער געוויטער איז אויף אייביק פאַרבליבן אַ טויבער,
ווייל מיטן דונער – זיין פּיסטאָלעט –
האָט אים איבערגעשראָקן דער יונגער רויבער...

## ג

דער יונגער ווינט, דער ציגיינער, דער הולטיי,
שפּילט כסדר מיט די בלומען אַן איין און צוואַנציק;
דער אַלטער ווינט האָט אָבער אומשולדיקע ווייבער דריי –
צום טויט פאַרשמיסן מיטן שלאַקסרעגן, זיין קאַנטשיק.

די הינקעדיקע ווערבע, די צדקניות, דעם געוויטערס ערשטע
באַשערטע,
האָט נעבעך געהאַט אַ נעסט – אַ גילדערנעם פאַרך אין איר
גרינעם קאָלטן,
דערפאַר האָט איר מושל צעפליקט איר שאָטן, איר בלויע
צאינה וראינה די פאַרטערערטע
און מיטן ברוינעם קולאַק איר קרומען קאָפּ אויף צווייען צעשפּאָלטן...

נאָכן טויט פון דער ווערבע, דער האָרבאַטער יידענע,
האָט דער גזלן אויך זיינע קליינינקע קינדער פאַרשמיסן –

די קוסטעלעך – אירע קאַליקע יתומות די בידענע –
פֿון זייער געבורטסאָרט – פֿון פֿעלד אַרויסגעריסן.

דער טיראַן האָט זיי אין אַ ווײַטן דאָרף פֿאַרטראָגן,
און איז מיט די יונגינקע מיידעלעך מזנה געוועזן, נאָר אַ ניאַניע –
אַן אָרעמע פּויערטעלע – האָט אויף די ביימעלעך רחמנות געקראָגן
און זיי פֿאַרפֿלאַנצט אין איר גאָרטן אויף האָדעוואַניע...

מיט דער טשערעסניכע – זײַן צווייטער אשה – האָט אויך דאָס זײַניקע
געטאָן דער רוצח – אויסגעבראָכן פֿון אירע זײַטן עטלעכע ריפּן,
און פֿאַר איר גסיסה אויסגעזויגן דאָס בלוט פֿון אירע ווייניקע
תאווהדיקע, צינאָבער רויטע ליפּן.

די יתומות וואָס זײַנען נאָכן קאַרשנבוים געבליבן, האָט דער הלעיטני
געקאָטעוועט, און פֿון זייער גרינעם פּאַלאַץ – פֿון סאָד –
אַרויסגעפּליקט,
די חנעוודיקע מיידעלעך – די מאַלינעס־ביימעלעך די קליינע –
אין גלות – אין אַ ווײַטער, פֿרעמדער שטאָט – פֿאַרשיקט.

זייערע בלאָנדע שוועסטער – די פֿאַרעטשקע־ביימעלעך – האָט
דער שלעכטער טאַטע געשלאָגן,
צו לעצט אויסגעצאַפּט פֿון זייערע בעקעלעך דאָס ראָזע בלוט;
נאָר אַ הויזוועכטער האָט אויף די יתומעלעך רחמנות געקראָגן –
און זיי פֿאַרזעצט אין שטיינערנעם הויף – אין שאַרן פּריוט...

זײַן דריטער ווײַב – דער ווינטמיל, דער געלער עקרה,
דער פּראַצעוויטער
יישובֿניצע, האָט דער בעל־דבֿר די פֿליגלען – אירע הענט אויסגעדרייט,
ווײַל די פֿלעדערמויז האָט אויף איר גערעדט לשון הרע,
דערציילט דעם געוויטער,
אַז זײַן פּלוניתטע האָט מיטן יונגן ווינט אַ ליבע געפֿירט שטילערהייט...

פֿאַרבליבן אַן אַלמן, האָט דער זקן, דער רשע, דער כּל־בוניק
זיך געשדכנט צו דער יונגער פֿאָניכע – דער גריקע;
– און חוץ דעם – דערציילט פֿאַרן שליאַך די הויכע בעריאָזע – אַז דאָס איז אים ווייניק
און מיט די טײַכן, די קריסטינס, ער לעבט בשתיקה...

למשל, די אָזיערע, די בלאָנדע, שיינע ווײַסרוסין,
איז אויך אַ געליבטע פֿון שכורן ווינט דעם אַלטן;
ער לעבט דערווײַל מיט איר אָן חופּה וקידושין,
און זי האָט אירע ממזרימלעך – די פֿיש – באַהאַלטן.

זי, די אָזיערע, איז קלוג, און סקימערט זי ניט וואָס דער האַר פֿאַרבײַט איר
אויף אַנדערע – זי האָט צו דעם הייליקן רבין חלילה ניט קיין תּביעה;
דער יונגער ווינט אָבער, דער צעלאָזענער בײַסטרוק דער געשײַטער,
ליבט זיך אַפֿילו אין דער ליטווישער קיניגין – דער ווילִיע...

ער נעכטיקט אויך בײַם גערשטנפֿעלד, דער שיקסע דער גראַציעזער,
דער געוויטער – אויפֿן בן יחידל האָט ניט קיין שום דעה,
ווײַל ער געבאָרן איז דורך זײַנס אַ זינד מיט דער פֿירשטין דער נערוועזער –
דער משוגענער, הייסער גויע דער זאַווייע...

ס'האָט די מעצלעצע, די אויסגעלאַסענע בורלאַטשקעלע די יפֿת־תּואַר
באַקאַנט זיך מיטן אַלמן דעם פֿאָריקן ווינטער.
די כוואַטסקע פּריצה האָט דעם אַלטן הער פֿאַרטרויט אַ סוד אין אויער
און אים פֿאַרבעטן אין איר זילבערנעם פּאַלאַץ – דעם צווינטער.

די וועדמע האָט פֿאַר אים די לאַווינעס – אירע ווײַסע בריסט אַנטבלויזט,
און דער געוויטער איז נעבעך ניט בײַגעשטאַנען דעם נסיון...
ביז... אין איר ניקלנער בעט – אין פֿאַרפֿראָרענעם רויסט –
האָט זי אים געבאָרן אַ זונעלע אַ בלויען...

אין וויגעלע – אין שפּאַלט פון אַ צעבראָכענער מצבֿה – איז באַהאַלטן
געלעגן דאָס ווינטעלע, איר זויגלינג און געשלאָפן – – –
דאָס האָט אים אונטערגעוואָרפן די זונה, און איז פון דעם זולל
וסובֿא דעם אַלטן
צוריק צום שטורעם – צו איר יונגן רוסישן מאַן – אַנטלאָפן...

ד

דער רוס, דער שטורעם, פירט אָן מיט אַ שיף,
די זאַווייע איז מיט אים אַוועקגעפאָרן איבער ווײַטע ימען;
און אויפן הימל די שוואַרצע רויכן – לאַנגע בריוו –
פלעגט דאָס ווינטעלע באַקומען פון זײַן מאַמען.

זי האָט געשריבן, אַז אירע הייסע טרערן, די פונקען פײַער,
זײַנען עדות, אַז זי בענקט נאָך איר פאַרלאָזטן קינד;
דאָס ווינטל האָט אײַנגעשלונגען דאָס רויטע געוויין פון זײַן מאַמען
דער געטרײַער
און געקושט די כמאַרעס – אירע אותיות פון בלויען טינט.

די זאַווייע פלעגט שיקן איין בריוו נאָך אַ צווייטן,
פאַר איר זון אַרײַנלייגן דאָרט אויך אַ געשאַנק:
וואָלקנס – לאַנגע, דינע, זילבערנע קייטן
און אַ גאָלדן זייגערל, דעם זונאויפגאַנג.

זי פלעגט אים געריסן פון דער זאַוועראוכע, זײַן מומען
און פון פראָסט, זײַן אַלטן, סיוון זיידן,
וואָס וואַרט, אַז זײַן אייניקל זאָל וואָס גיכער קומען
צו אים אין צפון־לאַנד, אין דעם גן־עדן.

זײַן זיידע, דער פראָסט, איז אַ שטאָלצער קעניג,
ער זיצט אויפן צפון־פּאָל – זײַן זילבערנעם טראָן,
זײַנע זעלנער – די ווײַסע בערן – זײַנען אים אונטערטעניק
און זיטן אַלאַסקע – זייער מלכס סאַלאָן.

ער וווינט אין אײַז, אין בלויען פּאַלאַץ פֿון קרישטאָל,
עס פֿינקלט די שקיעה — די סאַפּירענע קרוין אויף זײַן קאָפּ,
און די לבֿנה, דער גאָלדענער זשיראַנדאָל,
הענגט פֿון הויכן, טונקעלן סופֿיט אַראָפּ.

דער זיידע וועט זײַן אייניקל שענקען אַ מתּנה: אויף זײַן נאָמען
אָפּשרײַבן זײַן גרויס קיניגרײַך — סיביר,
און דער שטורעם, דער שיפֿס־קאַפּיטאַן, דער פּאָניע, דער הערשער
פֿון תּהומען,
וועט אויף זײַן שיף אים מאַכן פֿאַרן עלטסטן קאָמאַנדיר.

זי פֿלעגט שרײַבן, ער זאָל ניט אָנטאָן דער מאַמען קיין צער,
און קומען ירשנען דעם זיידנס מדינות, זײַנע טײַכן און האַפֿנס,
און די שנייטײַגעס, די קעפּסווײַבער פֿון גרויזאַמען האַר
וועלן אים קרוינען פֿאַר זייער קיניג און ווערן זײַנע אייביקע
שקלאַפֿינס.

זי פֿלעגט שרײַבן: אויב ער וועט דערפֿילן איר ביטע,
וועט ער אויך איבער אַזיע ווערן אַ גענעראַל;
נאָר אויב איר קינד וויל אַ בעטלער פֿאַרבלײַבן אין ליטע —
זאָל ער זיך בעסער אויפֿהענגען אויף אַ לבֿנה־שטראַל...

אָבער דער יונגער ווינט האָט ניט געפֿאָלגט זײַן מוטער,
און ביז הײַנט פֿאַרבליבן אין ליטע — אין גלות;
ניט פֿאַרלאָזן זײַן געבורטסאָרט — דעם שטילן כוטער,
און זײַנע צעבראָכענע צאַצקעס — די געלע סטאָדאָלעס.

ער פֿלעגט אין וואַנט פֿון כוטער אויסשניצן אַ פֿײַפֿעלע — אַ שפּאַרע,
זײַן פּײַן, זײַן עלנט און זײַן כּעס דאָרטן אַרײַנגעבלאָזן,
און אויף די בלויע שײַבעלעך — אויף זײַן גיטאַרע —
געוויינט נאָך דער מאַמען, וואָס האָט אים פֿאַרלאָזן.

ער פֿלעגט גריזשענען דעם שטרוי פֿון דאַך – דעם אַלטן טאָרט,
פֿאַר צער – אויסגעזופּט די ברינעמער – די גרינע לאָגלען ליקער,
און אין זײַן מאַיאָנטעק, אויפֿן הייליקן אָרט –
האָט אויך געהוליעט זײַן טאַטע דער שיכּור...

עס פֿלעגט אין שטערן — קאָרטן – שפּילן דער אַלטער געוויטער,
אויך זײַן זון געוואָרן איז אַ קאָרטן־שפּילער,
און די מאָהילניקעס – זײַן מאַמעס רײַכע גיטער –
האָט פֿאַרשפּילט בײַ זײַן רבין דער יונגער שילער...

(אָ, ער האָט ניט געוואָלט ווערן דער קיסר פֿון סיביר,
איצט האָט דער פֿאָטער דעם זון זײַנעם גענומען לערנען שטאַט –
אים אַרויסגעיאָגט פֿון בית־עלמין – פֿון זײַן קוואַרטיר –
און דאָס ווינטל איז געוואָרן אַ זינדער – פֿאַרשטאַנען זײַן
מלמדס טיפֿן פּשט)...

ער האָט פֿאַרלאָרן דעם צווינטער, זײַן מוטערס הויז,
פֿאַר נויט, נעבעך, געוואָרן איז ער אַ שאַרלאַטאַן;
געגעכטיקט בײַ דער שיינער מויד, דער רויטער רויז,
אויפֿן בייט – איר גרינעם, פּלושענעם דיוואַן.

די קרענעצעס – זײַנע זילבערנע פֿלייטן – האָט פֿאַרשפּילט דער
ווינט דער ראָזער
און אויך די פֿלאַנקענער – זײַנע אַלטע ברוינע וויאַלאָנטשעלן,
און אויפֿן רויטן מאָרגנשטערן – זײַן לעצטן טויז, זײַן מזלדיקן קאָזער,
געשטעלט אין קאָן די גראָזן – זײַנע געלע פֿאָטעלן.

ער האָט אַפֿילו די מתּנה פֿון זײַן מאַמען, דער זאָווייע –
דעם זונאויפֿגאַנג, זײַן גילדענעם זייגערל, וווּ אויסגעקריצט מיט
איר בלוט זײַן מאָנאָגראַם איז
און די שקיעה, זײַן בריליאַנטענע קמיע –
שוין פֿון לאַנג פֿאַרשפּילט אין קאָרטן בײַם געוויטער, אָדער בײַ
די בלומען, זײַנע דאַמעס.

בײַ זײַן טאַטן דעם אַכזר האָט אויך דער הולטײַ פֿאַרלאָרן
דעם וואָלקן – זײַן זילבערנע קייט – און פֿאַר צער מיטן דונער
גערוואָלט זיך דערשיסן;
נאָר דער אַלטער ווינט האָט אויף אומשולדיקע ווײַבער דרײַ
אויסגעגאָסן זײַן צאָרן,
מיטן שלאַקסרעגן, זײַן קאַנטשיק – צום טויט זיי פֿאַרשמיסן.

## ה

– איצט וויל דער אַלטער צום פֿערטן מאָל אַ חופּה שטעלן –
דערציילט פֿאַרן ראָב דער בלינדער שדכן, דער קאָרשון –
דעם געוויטער איז די גראָבע עגונה, די ליפּע, געפֿעלן,
אָבער זי איז גאָר פֿאַרליבט אין זײַן יונגן זון...

פֿאַר כּעס שלאָגט דער אַלטער זײַן קינד, עס זאָל
ניט קריכן צו דער קאָנישינע – דער צעלאָזענער קריסטין;
נאָר דאָס ווינטל שפּילט אויפֿן קוואַל – זײַן פֿײַפֿיאָל,
און קושט דער מיידלס ליליאָווע קילע בריסטן.

די זשאַבע, וואָס וווינט אין הייל, אין בלאָטע,
האָט דערציילט פֿאַרן יונגן ווינטל, ער זאָל עס ניט דאַכטן פֿאַר קיינעם:
– ער זאָל היטן די קאָנישינע, ווײַל זי איז אַ קאָקאָטע,
זי ליבט זיך אויך מיט די בינען און שמעטערלינגען – אירע שכנים.

דער לינדער ווינט – צו דער מכשפֿהס עצה זיך צוגעהערט האָט ער:
דעם דונער – זײַן פּיסטאָלעט – אָנגעלאָדן מיט שטיינער, מיט שרויט –
דערהרגעט דעם פֿלאַטערל און דעם בין, דעם טל ומטר
און חתונה געהאַט מיט דער קאָנישינע, דער באַרעדטער מויד...

נאָר אויב זײַן ווײַבל וועט פֿון אַלמן צערטלען זיך לאָזן,
וועט ער מיטן בליץ – זײַן גילדענעם קינזשאַל דעם שאַרפֿן –
צעפֿערטלען איר זינדיקן גוף דעם פֿיאָלעטן און ראָזן –
און פֿאַרן אַלטן ווינט אים וואַרפֿן...

# דעם שליאַכס ווײַבער

דעם דיכטערס חבֿרל, דער יונגער ווירטואָז, דער סאָלאָוויי,
נעמט אַרום מיטן פֿליגל אַ סאָסנעצווײַגל – זײַן וואָלטאָרן
און שפּילט אויס אַ ראָמאַנס וועגן שליאַכס ווײַבער צוויי –
דעם רײַכן ווייצנפֿעלד און דעם אָרעמען קאָרן.

דער סאָלאָוויי שפּילט. צום ראָמאַנס די ווערטער –
האָט פֿאַרשריבן דער דיכטער אויפֿן הימל דעם בלויען
מיט שטערן. שטיל. נאָר פּלוצים דערהערט ער,
ווי ס'נעמען זיך קריגן דעם גאָסצינעצס פֿרויען.

די ווייץ איז אַ נידעריקע פֿרוי מיט פֿעטע בריסטן,
דער קאָרן איז פֿון איר העכער און עלטער;
די ברייטע ייִדענע מיט דער שלאַנקער קריסטין
אַמפּערן זיך, וועמען דער שליאַך האָט העלטער...

די פֿאָניכע קאָרן האָט בלויע אויגן, בלאָנדע לאָקן,
די מאַדאַם ווייץ איז ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט בלינד;
– ווער פֿון אונדז ביידן האָט מערער חן בײַם וועג, דעם זקן? –
פֿרעגן די ווײַבער בײַ דעם יונגןווינט.

– דער שליאַך האָט האָלט זײַן ייִדישע ווײַב די בלינדע,
ווײַל זי איז דיק, פֿרום, אינטעליגענט און רײַך –
האָט געענטפֿערט דאָס ווינטעלע דאָס לינדע
און אַנטלאָפֿן צו זײַן מיידל, צום בלויען טײַך.

– דער יונגער ווינט איז געוויס ניט ניכטער.
זאָג, ווער האָט באמת האָלט דער געלער וועג? –
האָט דער קאָרן, די דאַרע גויקעלע, ביַי דעם דיכטער,
איר מליץ יושר – געטאָן אַ פרעג.

– צו זיַין גראָבער וויַב, דער ווייץ, באַציט דער וועג זיך מיט ביטול,
און אין פּראָסטן, אָרעמען, האָרעפּאַשנעם קאָרנפעלד איז ער פאַרליבט, –
האָט פאַר דער תבואה דער מחבר געלייענט אַ קאַפּיטל
פון גילדענעם מילכוועג – זיַין מאַנוסקריפּט...

– ניט דער ווינט, נאָר דער פּאָעט איז שיכור מן־הסתם,
דער שליאַך האָט האָלט נאָר מיך, וויַל איך בין קלוג און שיין –
האָט גערעדט צום קאָרנפעלד די ווייץ, די מאַדאַם,
נאָר דער קאָרן זאָגט: – לאָמיר פרעגן ביַי אים, דעם וועג אַליין...

אין תבואה האָט אַ קאָרשון זיך געיאָגט נאָך אַן עוף, זיַין רויב,
די הינדעלע קוואָקטשעט –ביידע וויַבער ריידן זיך איבער,
וועקן דעם שליאַך פון שלאָף, הייבן אויף זיַין קאָלדרע, דעם שטויב
און פרעגן: – וועמען פון אונדז ביידן האָט דער מאַן ליבער?

פלוצים, אַ בריטשקעלע אַדורכגעפאָרן איז און מיטן סקריפּען
פון די רעדער – ענטפערט אָפּ מיט אַ ביטערן שמייכל דער וועג
דעם קאָרן און דער ווייץ:
– נאַרישע יענטעס! האָרכט, די קימפּעטאָרינס פאַר בזיון כליפּען,
האָט שכל און זיַט ניט מבייש איַער איידעם, דעם הייליקן קרייץ...
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

אַנומלט האָט די עָרלטע – דער קאָרנפעלד אַ העצע אָנגעמאַכט
און איר יידישע קאָנקורענטין פאַרן שליאַך באַרעדט,
– אַז זי האָט געזען ווי דער באַנקיר, דער פאַרנאַכט,
האָט דער ווייצס הייסע אָרעמס געגלעט...

פֿון ווייץ שפּרינגט אַרויס אַ היימלאָזער הינטל –
דאָס גיט די בלינדע דאַמע צום שליאַך אַ זאָג:
– ס׳האָט איר דערציילט דאָס יונגע ווינטל,
אַז דער קאָרן האָט זיך געקושט מיטן מיליאָנער – דעם פֿאַרטאָג...

אין די פּיאָלעטע רויסטן צעקוואַקען זיך די זשאַבעס –
דאָס מוסרט דער גאָסצינעץ די ווייץ און דעם קאָרן:
– אָ, פֿאַר די טעכטער שעמט זיך, אַלטע באַבעס,
און פֿאַר אײַער אייניקל, וואָס ווערט ערשט געבאָרן...

דערנאָך האָט ער מיט זײַן לאַנגער האַנט – דעם שטעג –
זײַן דיקע יידישע פֿרוי – די ווייץ אַרומגענומען,
און די צווייטע ווײַב, די שלאַנקע גויע, האָט דער וועג
געקושט אירע בלויע אויגן – די קאָרנבלומען...

---

# אַ ברית...

## א

זייער בלינדן שכן – דעם שטיין אויפֿן ברעג פֿון ציטעריקן
סטאַוו–האָבן אַ בשורה־טובֿה אָנגעזאָגט די פֿיש: – איר הערט, פֿעטער,
דער קאַזיאַנער וועג איז אַ זיידע געוואָרן, געפֿונען אויף דער
עלטער אַ תּיקון –
ער פּראַוועט היינט מיט מזל אַ ברית און אויך איין פֿאַרבעט ער...

– זיינע טעכטער די בעריאָזעס האָבן געמפּלט,
געבאָרן אַ נוסביימעלע, אַ סיעדון –
האָט אַ פּלאָטע זיך אין וואַסערגראָז געצאַפּלט,
געריעדט צום שטראַל פֿון דער אונטערגייענדיקער זון...

– ער איז ניט קיין סיעדון, עס רעדט רכילות די פּלאָטקע –
דאָס ביימעלע איז אַ געראָטן בחורל – האָט דער לעשטש
געזאָגט צו דער געלער שווימענדיקער לאָדקע,
און זי האָט אים מזל־טובֿ געענטפֿערט – געטאָן אַ טרעשטש.

– די בעריאָזעס האָבן פֿאַרראַטן דעם מאַן, דער ייִנגל איז ניט זיינער,
מיטן קיניג, דעם פֿרילינג, אַ ליבע פֿירן זיי שטילערהייט –
האָט דער יונגער ווינט, דער פֿאַלשער, כיטרער ציגיינער
זיך אַריינגעמישט אין די רייד ניט געבעטענערהייט.

– דער טאַטע וועט פֿון די טעכטער האָבן חרפּה און פֿאַרדרוס,
אַ ממזר איז דאָס נוסביימל – האָט דער ווינט דער זשוליק
פֿאַר זיין חבֿר, דעם גראָבן קאַרפּ, געפּלאַפּלט שטות
און געחוזקט פֿון שליאַך און פֿון זיין האָדוליק.

– דער ליגנער, דער קישעניקל איז אומגערעכט,
די בעריאָזעס די צנועות האַלטן פֿון כּיבוד־אָבֿ –
האָט געזאָגט דער שלייַען צום גרינעם העכט
און געטאָן אַ פּליושק – דעם ווינט פֿאַרטריבן פֿון סטאַוו.

(אין דער געגנט זינגען קאַנאַריקלעך, סאָלאָווייען,
אויטאָס פֿאָרן, אָרעמע מענטשן וואַנדערן;
מיט זייער געזאַנג, גערויש און טראָט – דיביימער און שאָסייען
שמועסן איינער מיטן אַנדערן).

– זאָל ער לאַכן דער ווינט, דער בידנער שילויע,
נאָר די בעריאָזעס מאַן, דער שררה, קיניגט איבער די
מענטשלעכע דאָליעס,
און מען דערציילט, אַז ער קען וויַזן וווּנדער און זאָגן נבֿואה –
האָט געטענהט די ליפּע – די עקרה – צו די טאָפּאָליעס.

– מ׳דאַרף פֿון זיידן, דעם קאַזיאַנער וועג, ניט לאַכן,
כאָטש ער האָט אויפֿן רוקן אַ באַרג, אַ הייקער –
האָט צו די פּאָדבראָדזער און לינטופּער שליאַכן,
געזאָגט דער דאַרער גאָסצינעץ דער ווילייקער.

*

אין אַ בלויען מונדיר, באַצירט מיט גילדענע קנעפּ, איז דער אולאַנער –
דער אָוונט – אַרייַנגעריטן אין געגנט אויף אַ פּיאָלעטן פֿערד;
אונטער זייַנע טריט האָט פֿאַר פֿרייד זיך צעזונגען דער וועג
דער קאַזיאַנער –
ס׳איז אים טאַקע געבאָרן אַן אייניקל – אַ ביימעלע
אַרויסגעשפּראָצט האָט פֿון דער ערד.

דאָס עופּהלע איז געלע[...]ן אין ליימיקן ראָוו – אין גילדענעם וויגל
און געציענטשעט – ס׳האָבן געזשומעט די פֿליגן,
נאָר איבער אים האָט אַ טויב – אַ וויַסער מלאך געפּאָכט מיט
אַ פֿליגל
און געוואָרקעט – אַ וויגליד געזונגען פֿאַר אים מיט אַ ניגון.

דער טראַקט האָט זיך צעקושט מיט דער ווייץ, דער באָבן,
און זי האָט אויפֿגעהויבן אַ האַנט — אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן עוף ;
געבענטשט דעם אייניקל, ער זאָל לאַנגע יאָרעלעך האָבן,
און דעם געלן זיידן — געווונטשן מזל־טובֿ !...

דורך דער געגנט האָבן געוואַנדערט ציגײַנער־קאַראַוואַנען,
זיך אָפּגעשטעלט נעבעכיקן אין וואַלד — דאָס האָט דער וועג
זײַנע מחותּנים — אַ מנין ברוינע אָגערעס, בולאַנען —
פֿאַרבעטן אויף דער שׂמחה — אויף נאָצלעג...

דאָס נוסביימעלע האָט געפּאַטשט מיט די הענטעלעך — די ריטער—
און מיט אַ צאַצקע — אַ שטערנדל זיך געשפּילט ;
נאָר ווען ס'איז געקומען דער מוהל — דער געוויטער,
האָט זיך דער זויגלינג צעשריִען — די גריל האָט געגרילט.

זײַן אַם — די נאַכט האָט געזען ווי דער שד, דער ווינט דער אַלטער,
האָט געשלײַפֿט זײַן מעסער — דעם בליץ, און פֿון זײַן איין פּאַך איז
דאָס גרינע, קאַפּריזנע קינד געוואָרן אַ כּשרער ייִד אַ געמאַלטער,
און דער מוהל האָט זיך צעדונערט — איבערן פֿרישינקן צדיקל
געזאָגט זײַנע ברכות..

אין געגנט האָט אַ שלאַקסרעגן געטאָן אַ פֿלייץ
און די בעלי־שׂמחה האָבן דעם מבול, דעם בלויען ליקער געלאָקטשעט ;
די ווייץ איז געפֿאַלן צו די פֿיס פֿון איר איידעם — דעם קרייץ —
און געקלאָגט — די פֿאַרבלאָנדזשעטע הון האָט געקוואָקטשעט.

ס'האָבן געקלונגען די וואָלקנס — די זילבערנע לאָגלען,
אָפּגעלעבט האָט דער פֿאַרשמאַכטער בולבע־גאָרטן,
די תּבֿואה איז זיך מחיה געווען מיט די פֿרישע אייער — די האָגלען,
און די ערד — זיך געקוויקט מיט די מיסטן — די האָניקטאָרטן...

פֿון די רויטע האָריזאָנטן – די שיסלען מיט הייסע געבראָטנס,
האָט געשלאָגן אַ נעפּל, אַ פּאַרע. דער וועג האָט די סטעזשקע –
זײַן האַנט –
אויסגעשטרעקט צו די זיסע שטרודלען – די סוף־נאַכטיקע שאָטנס
און געטרונקען די מזרח־שײַן – די ראָזע שמאַנט...

דערנאָך האָבן די מחותּנים געשלונגען די בלויע ווײַנטרויבן –
די ראָסע –
וואָס דער מיליאָנער – דער פֿאַרטאָג האָט געבראַכט צו דער סעודה;
און אין קוזניע דער אַלטער שמיד ר׳ חיים־יאָשע
האָט אויפֿן בלאָזזאַק געבלאָזן – געשפּילט אויף דער דודע.

דער דאָרף האָט מיטן סמיק – דעם אַסוויר – געשפּילט אויפֿן
ברונעם דעם באַס – און מיט אַ פּראַלניק
האָט אַ גויע בײַם טײַך אויף אַ קלאַדקע – אַ פּויק געפּײַקלט;
אַ קליאַטשע אַ וואָרף געטאָן האָט דער יונגער זשרעבעץ
דער בידנער שלימזלניק
און פֿאַר תּענוג – צום טאַקט מיט איר זיך אין גראָז געקײַקלט.

דער שליאַך איז פֿאַר פֿרייד זיך פֿאַרגאַנגען אין געוויין –
אין פֿעלד האָט אַ קרענעצע רוישן גענומען;
און די אָגערעס, מיט פֿולע בײַכער, האָבן אין פֿליין
געהירזשעט – געבענטשט מיט אַ מזומן...

און די געלע, פֿאַרמאָרעטע שפּחה – די צויג די נערוועזע,
וואָס איז צוליב איר שוואַנגערשאַפֿט פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון איר
באַלעבאָס – דעם כוטער –
איז אויך געקומען צום ברית, און אונטער אַ בלײַענדיקער ווײַסער
בערעזע,
האָט געבאָרן אירע הינטעלעך די אָרעמע גליקלעכע מוטער.

אַ פֿאַרשטויסענער, באָרוועסער, קראַנקער זינגער,
איז די עלנטע געגנט אַדורכגעגאַנגען,
און מיטן רינענדיקן בלוט פֿון זײַנע פֿיספֿינגער –
פֿאַרצייכנט אויף די ליימיקע וועגן זײַנע געזאַנגען.

אויף די באַקן פֿון שליאַך האָבן קנייטשן ראָזעווע און בלויע
זיך באַוויזן פֿון די אותיות פֿון יידישן ליד –
דאָס האָט ער צו די קאָרן- און ווייצן-פֿעלדער זיך צעשמייכלט פֿאַר
און די תּבֿואהס האָבן זיך פֿאַר נחת – צעבליט... [הנאה,

ב

ווער איז דער יונגער וואַנדערער דער בלאַסער,
וואָס קילט מיטן צלמס עינויים זײַנע וווּנדן די בראַנדיקע? –
דאָס איז פֿון די אָ לידער דער פֿאַרפֿאַסער –
ער איז אויפֿן ברית געוועזן סנדקא...

ער ווײַכט פֿון מענטשן – און אָט איז דער יחוס פֿון טרוימער:
זײַן געליימטע מאַמעלע איז די יעדנאָסעליע,
זײַנע שוועסטער – די געשמינקטע טשערעסניכעס און עפּלבוימער
און זײַנע ברידער – די אַרבעספֿעלדער די געלע.

זײַנע חבֿרים זײַנען די שליאַכן און שאָסייען,
נאָר זײַן פֿרײַנד – דער טאָג – האָט זיך אַליין געקוילעט,
דער דיכטער הערט די ראָוועדיקע אָקסן – זײַנע גסיסה-געשרייען –
און פֿאַרצייכנט עס אויפֿן הימל מיטן גילדענעם מולד...

די ווײַסרוס'שע געגנט איז זײַן קוואַרטיר,
די בעריאָזעס שעפּטשען ליבע-סודות זייער געליבטן...
זײַן גינגאָלדענע בעט איז דער בערגל פֿון זשוויר,
און דעם פּאָעטס קיניגרײַך – זײַנע מאַנוסקריפּטן.

דער דיכטער האָט אַ צינדמאַשינדל, אַ מעסערל, אַ בלײַער,
אַ מילכווײַסן בלאָקנאָט מיט בלויע, פֿאַרשריבענע בלעטער,
ער שלײַדערט זײַן וויטאָג אין שכינה — דעם ברילױאַנטענעם
זריחה־פֿײַער —
און ברענגט עס אַ קרבן צו שיינקייט און גערעכטיקייט — זײַנע געטער...

ער פֿאַרמאָגט אויך אַ גראַנאַטענע מאַרינאַרקע און אַ פּאַרטסיגאַר...
אָבער אַנטקעגן זײַן שפּיגל — דעם זילבערנעם געוויין,
אין מאָנאָטאָנע לידער ער פּוצט אויס זײַן פֿרייד און צער —
כּדי בײַ דער פֿרײַלין אייביקייט צו געפֿינען חן...

זײַן אוצר — איז דער רויטער אָוונטשטערן, דער צווייפֿל — איז זײַן
גלויבן,
זײַן נשמה — די טליִענדיקע לולקע אָנגעפֿילט מיט ביטערער מאַכאָרקע;
דער אויטאָר לייענט פֿאַר זײַנע ווערק פֿאַר צוויי ווײַסע טויבן,
איינע ענטפֿערט אָפּ אים מיט אַ ציטערדיקן וואָרקע.

נאָר די צווייטע גיט אַ פֿלי איבערן פֿליין — און ווי אַ לוין
פֿאַר דעם ליד — זי ברענגט אַ מתּנה פֿאַרן קנעכט פֿון זײַן
געפֿיל און מחשבֿה:
זי טוט אים אָן אויפֿן סיוון קאָפּ — איר געניזוקט פֿליגל — אַ גילדענע קרוין —
די אויפֿגייענדיקע כליפּענדיקע באַרמהאַרציקע לבֿנה די ליליאָווע.

*

בעת דער ברית איז געפּראַוועט געוואָרן, האָט ער פֿאַרפֿאַסט אַ הימן
צום לעבן, וואָס בויט זײַנע זילבערנע פּאַלאַצן אין וואַנדערערס
בלאָנדע האָר,
און זיך צערעוועט, געמאָנט בײַ אים אַ תּיקון — מיט מיליאָנען שטימען
האָט פֿון זײַן האַרץ אַרויסגעשריִען זײַן צעפּײַניקטער דור...

ער האָט געשריבן וועגן זײַן חבֿר, וואָס שלעפּט צו דער עקדה
זײַן יוגנט, און וויל עס מקריבֿ זײַן צום האַר פֿון ליכט...
(דאָס ווינטל האָט אויפֿגעהויבן אַ שטויבל, און דער זיידע —
דער טראַקט — געטאָן דעם נוסביימעלע אַ קוש האָט אין געזיכט).

ער האָט געשריבן וועגן קראַנקע מאַמעס, טאַטעס אַרבעטסלאָזע,
וועגן קינדער אין אַ קעלערשטוב, וואָס גייען אויס פֿון ניט־דערעסן...
(אויך דער מחבר וועט פֿון מיטלייד אויסגיין, און זײַן קינד–דאָס ראָזע
פּײַערל, זײַן שכינה – וועלן די רינענדיקע טרערן אויסלעשן...).

„אַ מאַמע האָט דעם האַלדז זיך אויפֿגעשניטן,
כּדי מיט איר טויט אירע שוועלבעלעכס לעבן מציל צו זײַן" –
האָט ער געשריבן, נאָר פּלוצים איז אַ רײַטער אָנגעריטן –
דאָס האָט דער שליאַך פֿאַרבעטן דעם פּאָעט אויף כּיבוד און ווײַן...

ער האָט געשריבן: „זי איז אויסגעגאַנגען אונטערן מעסער –
דעם פֿאַרנאַכטיקן שטראַל דעם געלן,
און די עופֿעלעך – זיך אָנגעזויגן מיטן מילך פֿון דער מאַמעס
געוויסן".
נאָר דער דיכטער דערהערט האָט דער נאַכטיגאַלס בלויע טרעלן –
דאָס האָבן די בעריאָזעס דעם מחותּן פֿון זייער פֿרייד געלאָזט וויסן...

ער האָט געשריבן: „אין זייער מוטערס אָרעמס – די גילדענע וויגן,
האָבן אײַנגעדרעמלט די יתומימלעך און ס'איז זיי ווויל...
זי האָט זיי פֿאַרוויגט, אַ שלאָפֿליד געזונגען מיט אַ ניגון –
מיט די לעצטע גסיסה־כאָרכלען פֿון איר מויל..."

ער האָט געשריבן: „זייער פֿאָטער דער שוסטער איז פֿון רציון אַראָפּ,
און זיך אויסגעשטאָכן די אויגן פֿון קאָפּ מיט אַ פֿאַראָסטן אָל – – –"
נאָר דער דיכטער האָט זײַן ליד ניט אויסגעזונגען, ווײַל מיט די
קלאָגערײַען פֿון ראָב –
האָט דער צלם אים צום ברית גערופֿן מיט אַן אומעטיקן קול.

ער האָט אויך אַ באַלאַדע פֿאַרפֿאַסט וועגן אַ יתומל, וועלכן די
מאַצאָכע שיגעון
געליבט האָט און פֿאַרשקלאַפֿט. זי פֿלעגט מיט ווייכע צאַרטע
אָרעמס – שלאַנגען –

טוליענען צו זיך דאָס קינד. און סוף־כּל־סוף אויף אירע שוואַרצע
פליגלען – קראָען –
אים פאַרטראָגן צו די אייביקייטן – אויף אַ ווערבעלע בײַם
בלויען טײַך אים אויפגעהאַנגען.

ס'איז אין ליד געווען אַ סטראָף: דער יתום הערט אין מיטן
נאַכט אַ בת־קול ריידן –
זײַן טויטע מאַמע איז געקומען אין זײַן חלום–דעם דימענטענעם שלאָס,
אים גערופן צו זיך אין רויטן קאַרשנסאָד – אינעם גן־עדן,
און ער האָט זיך דערקוויקט מיט דער שטים פון איר געבעט –
דעם זיסן ווײַן פונעם גילדענעם כּוס.

... עס איז אַוועק צו זײַן מוטער דער בלודנער יתום
און איבערגעלאָזן זײַן טרער אין טאָרבע– דעם קוואַל אין גרינעם פעלד.
אָ, דער מחבר האָט געוויינט, פ אַ ר װ אָ ס א י ם
איז געווען באַשערט צו זײַן די קרומע ווערבע–די תּליה פון זײַן העלד.

דער דיכטער האָט זיך פון פעלד אַ הייב געטאָן און אויסגע־
שפרייט די הענט:
יע, ער איז אַ ווערבע, און זײַן געוויין – דער שטראָמיקער,
אָנדנאָיקער וואַסער,
און מסתּמא איז דער יתום די אומשולדיקע טויב, וואָס האָט זיך
אָנגעלענט,
זיך אָנגעהאַנגען אויפן שמאָלן, ציטערדיקן אַקסל פון דעם
פאַרפאַסער.

אפשר איז דעם יתומלס טאָרבע – דער טויבס חרובֿ געוואָרענע
נעסט, וואָס דער געוויטער האָט פון בוים אַראָפּגעפליקט,
און זײַן אומשולד – די טײַבעלעך אָקערשט געבאָרענע –
האָבן פון זײַנע טרערן – אירע אייעלעך זיך אויסגעפּיקט...

זײַן נשמה – די טויב – אונטערן הימל וועט שוועבן,
נאָר דעם יתומלס בײַנדעלעך וועלן פֿוילן אין דער ערד,
און דאָס געוויין פֿון זײַן יונגן, פֿאַרשניטענעם לעבן –
דאָס פּישטשען פֿון די פֿײגעלעך – האָט דער פּאָעט דערהערט...

---

ער האָט אויך אָנגעשריבן אַן עלעגיע נאָך די זין, וואָס קומען אום אויפֿן פֿראָנט,
און אַ ליד וועגן האַר – שקר, וואָס וויל זײַן שקלאַף – יושר – לינטשן.
... נאָר דער געוויטער האָט אַ ריס געטאָן דעם דיכטערס כּתבֿ־ידן, אים דערמאָנט,
ער זאָל גײן דעם קרײַך אַ מזל־טובֿ ווינטשן...

דער אַלטער ווינט האָט אַ צי געטאָן דעם אויטער פֿאַרן קאַרשען,
און ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין גראָבן – זיך צעקושט מיטן שליאַך – דעם בעל־שׂמחה אַליין;
און דערנאָך בעל־כּרחו אונטערגעהאַלטן דעם עופּעלע וואָס דער געוויטער האָט מל געווען –
מיט בליץ אַראָפּגעשניטן אַ צווײַגל פֿון קוסט און עס פֿאַרטראָגן אין פֿלײַן.

---

דער טרוימער איז צוגעפֿאַלן צו דער ערד און געפֿילט ווי זײַן צער, זײַנע גרינע
לעגענדעס – די לאָנקעס שפּראָצן און בליצן – ווערן גליק און טרייסט פֿאַר די בעלי־חיים;
ער האָט די לעמער אָנגעטרונקען מיט די סאַזשלקעס – זײַן פֿרומער נגינה –
און געבענטשט די נוסוועלדעלעך: – דער עול זאָל זײַן די פֿרייד פֿאַרן יונגן דור דעם נײַעם.

זאָל ליבע און ברידערלעכקייט זײַן זייער כּלי־זין, דער בלויער חלום – זייער שוץ
קעגן די געוויטערס – די חשוונדיקע ברוינע וואָר און קעגן לעבן – זייער שוואַרצן גזר,
אָ, זאָל זייער גבֿורה און שיינקייט ווערן איבערגעגעבנקייט און גוטס –
און אין מקריבֿ זײַן זיך פֿאַר פֿאַרפֿראָרענע מענטשן – געפֿינען פֿאַר דעם געבורט אַ שׂכר.

# דעם שליאַבס לאַקיי

דעם דיקטערס חלום – די לאַנקע – גרינט,
אָבער גרוי די שטאָט – זײַן וואָר – איז;
ער וויל זינגען דאָס ליד וועגן יונגן ווינט,
וואָס איז געוואָרן בײַם שליאַך אַ משרת.

נאָר אפשר זאָל דער פּאָעט אַ ווײַלינקע שווײַגן? –
זיי, די פֿייגלען, קענען דאָך דאָס ווינטל בעסער;
ס׳קלאָגט דער געלער קאַנאַריקל אין די ווערבעצווײַגן:
– דער הולטײַ האָט אויף מיר זיך פֿאַרמאָסטן מיט אַ מעסער.

און ס׳ענטפֿערט דעם קאַנאַריקל די גרויע שוואַלב:
– אָבער דאָס פֿאַריתומט ווינטעלע לעקט אויס דעם צלמס פּײַן,
און די בעריאָזעס לײַבער שמירט ער אויס מיט זאַלב –
מיט דער גילדענער שקיעה־שײַן.

זשום. זשום. פֿאַרן שרײַבער, זייער אויסדערווײלטן קאַוואַליער,
צעזינגען זיך די גנעדיקע מאַדמואַזעלן – די בינען:
– דער שטיפֿער געוועזן איז בײַם קיניג, דעם פֿרילינג,
אַ רײַטער־אָפֿיצער,
נאָר איצט האָט ער די זכיה דעם בלאָנדן נביא צו באַדינען.

פּלוצים, די זנאַכערין – די זשאַבע – אין רויסט גיט אַ קוואַקע,
און גיט איבער די נײַס פֿאַרן פּרינץ, דעם בוטשאַן:
– יאָ, ס׳איז אמת, אמת טאַקע,
דאָס ווינטל פּוצט די שיך בײַם הײליקן מאַן.

לאָמיר אויסהאָרכן וואָס עס דערציילן וועגן דעם קישעניק
די ראַבע, קוואָקטשענדיקע קלוגע הינער:
– ריכטיק, דאָס גרינע ווינטעלע איז דעם מאַרטירער אונטערטעניק,
אָבער ער איז אויך דעם שליאַכס באַדינער.

דער פרילינג דער מלך האָט דעגראַדירט דעם שילויע,
ווײַל זײַן אַדיוטאַנט איז קיין מאָל ניט געווען ניכטער;
האָבן אָבער אויפֿן ממזר רחמנות געקראָגן די תבואה
און דער שליאַך, איר מאַן דער אויפֿגעריכטער...

דער וועג האָט דעם ווינטל געגומען פֿאַר אַ לאַקיי,
ער זאָל די פֿירשטינס, די בעריאָזעס, פוצן און צירן,
נאָר, חלילה, זײַנע געלע ווײַבער די צוויי –
די ווייץ און דעם קאָרנפֿעלד – ניט פֿאַרפֿירן...

דער יונגער ווינט איז טאַקע אַ קאַפּעלע צעלאָזן,
דער זשוואָוער בחור היט אָבער אָפּ זײַן שטעלע;
ער פֿאַרקעמט אַפֿילו די פֿאַרוועלקטע גראָזן –
דעם שליאַכס שיטערע, לאַנגע באָרד די געלע.

שטיל. איצט גיט דער מחבר דאָס וואָרט דעם יונגן זשערעבוק:
– דאָס ראָזע ווינטל לויזט אויך אויס בײַם טראַקט אַ פּאה.
ניט אומזיסט, זאָגט מען, איז ער אַ בײַסטרוק
פֿון דער רוסישער וועדמע דער זאַווייע.

אָ, דאָס ווינטל, דער לץ, איז אין זײַן מאַמען געראָטן,
ער היט ניט זײַן שבֿועה און דינט ניט בחינם זײַן האַר,
ווײַל ווען דער גאָסצינעץ שלאָפֿט צוגעדעקט מיטן דיכטערס שאָטן –
צערטלט ער די תּבֿואה – ווי אַ האָנאָראַר.

– דער זשוליק איז אַ זינדער – נעמט קלאָגן די מכשפה די סאָווע.
– אָבער ליב האָבן איז ניט קיין זינד – צעמעקעט זיך די פרומע סטאַדע.
און ראַפּטעם דער פאַרמישפּטער ווײַסער אָקס גיט אַ ראָווע:
– זינדער זײַנען די, וואָס קוילען די בלודנע בעלי־חיימלעך
די נע־ונדע...

– יאָ. גערעכט, גערעכט איז דער בוהײַ – צעיאָמערט זיך דער
געלער באָק.
נאָר מיט אַ מאָל פאָרט אַ בלויער פאַעטאָן פאַרבײַ,
און אויף זײַן גילדענער גיטאַרע – דעם קלינגענדיקן גלאָק –
שפּילט דער אָגער ווײַטער דאָס ליד וועגן דעם יונגן הולטײַ:

– אויך צום שליאַכס קינדער האָט דאָס ווינטל אַ העזה,
ער פאַרגנבֿעט זיך צו זייערע בעטן, די שטרויענע שטאַלן,
און קושט די ברוינע חן־פינטעלעך פון יעדער בעריאָזע –
די נעסטן פון די וואָראָבייען און נאַכטיגאַלן.

אין ווײַטן כוטערל צעבילט זיך דער נערוועזער הונט דער בייזער:
– ס'טרעפט אויך, אַז דער דאָן זשואַן נעכטיקט איבער בײַ די
פאַרשיינען, די ביימער,
און זייער גוטער – רײַכער שטאָלצער מאַן, דער דערלייזער –
באַדויערט דעם זינדיקן – אָרעמען, שפּלן שומר...

אָוונט. די דאַמען ווערן רויט און פאַרשעמט פאַרן שרה,
שטייען נעבעך מיט קעפּ אַראָפּגעלאָזטע –
נאָר דאָס ווינטל באַהאַלט זיך אונטער דער קאָרע –
דער ווײַסער העמד פון זײַן שיינער באַלעבאָסטע...

דער איידעלער ריטער פאַר צרות און גריזאָטע
נעמט שפּילן אויפן קלויסטער, זײַן מאַנדאָלינע
(אפשר פאַרמסרט ער עס דעם משרת פאַר דער קאָקאָטע,
זײַן ווײַסרוסישער ווײַבל, דער קאָנישינע?).

דאָס ווינטל בעט מחילה בײַם האַר, ווײל געווינען זײַן חן,
און צערײַסט פֿאַר חרטה זײַנע קלײדער – די וואָלקנדלעך אויפֿן
אין=סוף,
נאָר מיט דער קלויסטער=תּפֿילה דער צלם קלאָגט – הערן דאָס געוויין
פֿון געריכטן קרבן – דאַרף זײַן פֿאַרן פֿאַרברעכער די גרעסטע
שטראָף...

---

# דעם צלמס יחוס

## א

דער שליאַך איז אַן אַלטער געלער וואַנדעריִיד,
זײַן אײדעם דער קרייץ איז אַ בלאָנדין;
דער דיכטער זינגט וועגן אים אַ ליד
און שפּילט צו אויפֿן קלויסטער — זײַן מאַנדאָלין.

דער נע־ונדניק וואָגלט פֿון לאַנד צו לאַנד
זוכן גליק פֿאַר זײַן אײדעם דעם עלנטן גר,
ער זאָל ניט דאַרפֿן אויסשטרעקן קיין האַנט
צום פֿאַרטאָג — דעם קאַרגן מיליאָנער.

דער טראַקט שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ זאַק
מיט פֿרעמדער צירונג — דעם פּריצס הויף;
און דער קרייץ פֿאַרמאָגט נאָר זײַן שאָטן — דעם בלויען פֿראַק —
און אַ שטראַל פֿון זונפֿאַרגאַנג — אַ ראָזן שלייף.

דער דיכטער וויל געבן דעם נביא פֿאַר זײַנע יסורים אַ לוין;
ער וויינט — זײַנע טרערן אויף דער ערד וואָס רינען
וועלן אפשר זײַן אַ גילדענע, מיט פּערל געפּאַסטע קרוין,
וואָס דער וועג וועט פֿאַרן קרייץ אַמאָל געפֿינען.

און איין מאָל האָט די דאָליע אויך צו אונדזער שליאַך
אַ שמייכל געטאָן:
דער בידנער זקן האָט טאַקע געפֿונען אַן אוצר אין אַ קאָרב,
פֿאַוואָליע האַלט ער עס אונטער מיטן קאָרטש — זײַן דאַלאָן —
דאָס גליק זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן פֿון זײַן האָרב.

דער אוצר – אַ כאַטקעלע, וואָס עס האָט אַ ווײַסרוס
אַריבערגעטראָגן פֿון דאָרף אויף זײַן אייגענעם פֿעלד
(אפֿשר האָט דער וועג עס געפֿונען אין זכות
פֿון הייליקן צלם, וואָס האָט זיך פֿאַר אַ בלינדן בעטלער
פֿאַרשטעלט ?).

דער באַרג – דער הויקער – בײַם גאָסטינעץ גרין איז,
אויף אים ליגט דאָס אָפֿענע קערבעלע – און בײַ נאַכט
טיילט דער טאַטע זײַנע טעכטער די בלאָנדינעס –
מתּנות, וואָס ער האָט צו זייער געבורטסטאָג געבראַכט...

אין וואַליזע ליגן איידלשטיינער, זילבער און גאָלד און סאַפּירן –
פֿלוצים צינדן אָן זיך די שײַבעלעך פֿון כוטערלס פֿענצטערל
דעם פּיצימאָניקן,
און די רויטינקע פֿלעמעלעך באַשײַנען, באַפּוצן, באַצירן
די בעריאָזעס – די ווײַבעלעך פֿון נביא, וואָס לײַדט פֿאַר זײַן
פֿאָלק דעם מיליאָניקן.

דער וועג שטרעקט אויס די סטעזשקע – זײַן האַנט,
נעמט פֿון יעדנאָסעליע דעם קורניקל – דעם מעדאַליאָן,
און פֿון פֿאָלוואַרעק דעם בליצלאָמפּ – דעם בריליאַנט –
און אויף זײַנע טעכטערס בריסטן טוט ער עס אָן.

די פֿײַערלעך פֿינקלען דורך וואַלד און דורך פליין,
ווען איינס לעשט זיך אויס, גיט דאָס צווייטע אַ סמילקע –
און די בעריאָזעס האָבן געפֿונען בײַם גאָסטינעץ חן,
ער שענקט יעדער טאָכטער אַ קאַנעצל – אַ דימענטענע שפּילקע.

אויף זייערע אַקסלען הענגען וואָלקנדלעך – זײַדענע שאַלן,
און אויף די העלדזער די זילבערנע שנורן קאַרעלן –
זײַנען די מילכוועגן און די לבֿנה־שטראַלן,
וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דער דיסענקעס וועלן.

אַ שוואַרצער אויערינג הענגט אויף אַ בעריאָזעס אויער –
דאָס וויגט זיך אויף אַ צווײַג דער פֿאַרצערנטער ייִדישער דיכטער
און זינגט. דאָס בוך פֿון זײַן פֿרייד און טרויער –
איז דער אויסגעשטערנטער הימל דער געדיכטער.

עס צינדט אָן אַ פֿײַער דער בלייכער גאַסט, –
דער וועג פֿאַרוויכערט די פּאַקוליע – זײַן פּײַקע;
דער פּאָעט צו זײַן ליד האָט אַ ניגון פֿאַרפֿאַסט
אויף דער צערקווע – זײַן אַלטער באַלאַלײַקע.

עס שלאָפֿן אײַן דער צלם און דער שליאַך.
דער יונגער ווינט נעמט די בעריאָזעס האָר פֿאַרקעמען;
נאָר דער דיכטער מיט זײַן באַלאַלײַקע איז וואַך –
ער שפּילט אויס פֿאַר דיביימער זײַנע פּאָעמען.

ער לייענט פֿאַר זיי לידער – נאָר אין דער פֿרי
באַהאַלט דער וועג זייער צירונג אין טשעמאָדאַן – אין כוטער;
און ווען אַ פֿייגל גיט פֿלוצלונג אַ פֿלי –
כאַפּט אויף זיך דער צלם, דער הייליקער מאַן דער גוטער.

ער שפּרייט פֿונאַנדער די הענט מיט אַ זשעסט,
טוט אויס דעם מאַך פֿון קאָפּ – זײַן גרינעם צילינדער –
און באַגריסט די יונגע דאַמען – די ווײַסע טויבן אין נעסט –
זײַנע צוויי אָרעמע, לײַבלעכע שוועסטערקינדער.

מיט זאַפּטיקע ווײַנטרויבן – פּיאָלעטע טויען –
נעמט זיך דער וועג דאָס ניכטערע האַרץ דערקוויקן;
און די בעריאָזעס, די איבערגעגעבענע פֿרויען –
פֿון שפּינוועבס אַ סוועטער פֿאַרן מאַן נעמען שטריקן.

דער וועג קושט די וואָרצלען – די טעכטערשע גילדענע פֿינגער,
נאָכהער אויף די מײַלן – זײַנע ליימיקע פּלייצעס – ער שלעפּט
משאות – פֿורן מיט לאַסט.
... און דער זינגער פֿון פֿעלד וועט פּרוּוון באַזינגען דעם יחוס
פֿון זינגער
פֿון פֿײַן – און דערציילן, פֿאַר וואָס ער האָט זיך מיט די
בעריאָזעס פֿאַרקנסט.

## ב

דער שליאַך איז אַן אַלטער געלער וואַנדערייִד,
זײַן איידעם דער קרייץ איז אַ בלאָנדין;
דער דיכטער זינגט וועגן אים אַ ליד
און שפּילט צו אויפֿן קלויסטער – זײַן מאַנדאָלין.

דעם צלמס עלטער־זיידע איז דער יאָדלאָווער
וואַלד – דער פּאָפּ מיט די לאַנגע האָר די גרויע,
און די עלטער־באָבע פֿון יונגן בעל־דבר
איז די אָלכע, די הויכע גאָטספֿאַרכטיקע גויע.

זײַן זיידע איז דער דעמב – דער סטאַראָוויער,
די ווערבע – זײַן קראַנקע, האָרבאַטע ייִדישע באָבע,
זײַן פֿעטער איז דער טאָפּאָל – דער שלאַנקער קאַוואַליער,
זײַן קינדפּטיקע מומע – די ליפּע די גראָבע.

זײַן שטיפֿברודער איז דער פֿאַרשטעלטער פּרינץ, דער בוטשאַן,
און זײַן שוועסטער, די שוואַלב, די ווײַסרוסין – איז געוואָרן אַ נאָנע,
ווײַל איר חתן, דער ראָב, האָט אַ צווייטע וועלט־מלחמה געוואָלט אין נדן
און דערצו איר ברודערס גוט האָרץ אַ מתּנה...

זײַן לײַבלעכער ברודער איז דער קאַנאַריקל, דער זינגער דער אַרטיסט,
נאָר זײַנע גלידשװעסטערקינדער, די מלאכים, די װײַסע טויבן
און אויך זייער קאַליקער מאַן, דער האָן, װעלכן מ'האָט אומנישט־
אומזיסט,
פֿאַרמישפּט צו גיליאָטינע — זײַנען אַריבער צום ייִדישן גלויבן.

די אָדלערס — קיסרים און די שפּאַרבערס — גלחים, זײַנע
שװעסטערקינדער,
זײַן פֿרײַנד — דער אויטאָר פֿון די אָ פֿאַרשריבענע בלעטער;
ער איז אַ גאָט, מיט ליכט באַשטראָפֿט ער די בלינדע זינדער,
אָבער די גערעכטע און אָרעמע — זײַנען ז ײַ נ ע געטער.

דער סוכאָטניק, דער אַלטער דאָרנבוים מיטן פֿליכװאָטן קאָפּ,
איז אויך דעם צלמס אַ קרובֿ מסתמא, — איז זיך דער דיכטער משער,
נאָר דעם גואלס טאַטע — דער הויכער בלאָנדער כלאָפּ —
איז אין דער װעלט־מלחמה געגאַנגען אויפֿן ערשטן פֿײַער...

זײַן מאַמע איז אַ לײַדנדיקער מענטש געװען — דערציילט די װאָראָנע,
נאָר דער מכשף — דער קאָט — האָט אַ כישוף איר אָפּגעטאָן גלײַך
נאָך דער חופּה;
און דעם זעלנערס קראַנקע, געליימטע אַלמנה —
איז איצט דער איינזאַמער ייִשובֿ, די צעפּוילטע כאַלופּע.

די מכשפֿה — די סאָװע באַרעדט האָט דעם קדוש (איר פֿרייד —
איז זײַן טרויער);
דערציילט פֿאַרן דיכטער, אַז אַן עקרה געװען איז איװאַניכע די לאָמע,
די גויקע האָט אַ טרייסט געפֿונען אין געבעט — און די יונגע
יפֿת־תּואר —
די אַקאַציע — געשמייכלט האָט צום כלאָפּ און געפֿאַנגען די
נאַכטיגאַל — זײַן איינזאַמע נשמה...

דעם מחבר אַ סוד האָט פֿאַרטרויט אויפֿן וועג די סקריפּענדיקע דראַבינע
(אָבער ער זאָל עס, חלילה, פֿאַרן צלם ניט דאַכטן):
— זײַן טאַטנס צווייטע געליבטע איז געווען די שיינע ציגײַנערין,
די ראַבינע,
די זעלבע, פֿאַר וועלכער ס'נעמען זיך דאָס לעבן די פֿאַרנאַכטן.

דער זעלנער האָט די ראַבינע געקושט און פֿאַרן פֿלירט —
געשאָנקען זײַן בלוט — קרעגץ קאַרעלן רויטע,
וואָס זי האָט דערמיט איר ברוסט באַצירט...
אָבער... מען טאָר ניט באַריידן קיין טויטע!

אויך דער זשוק האָט געזשומעט מיט אַ ניגון — דערציילט דעם פּאָעט,
אַז דער בעזבוים געווען איז דעם פויערס דריטע באַשערטע
(אָ, זשוקעלע, חבֿרל, זאָג ניט קיין ליגן, עס איז אַ חטא
צו ריידן שלעכטס אויף אַ מת. מן־הסתּם איז די מעשׂה
אַן אויסגעקלערטע).

נאָר עס שווערט זיך דער זשוק, אַז די בתולה פֿלעגט מיט ווייכע
אָרעמס דריקן
דעם כלאָפּ, וואָס האָט געלייגט זײַן קאָפּ פֿאַרן צאַר ניקאָלײַ,
אָבער פֿאַר דער גרויסער ליבע האָט זי געפֿונען אין איר קינד אַ תּיקון—
געזויגן דעם קרייץ מיט אירע פֿרישע, שמעקעוודיקע בריסטן — מײַ.

פֿונעם דערהרגעטן זעלנערס גוף אַרויסגעוואַקסן איז דער צלם,
און דערפֿאַר זוכה געווען צו ווערן דער קיסר איבער אַלע קיסרים;
אָ, דעם אָרעמען פּײַערל, זײַן באַטקען — אַזוי וויל איך...
אַזוי וויל דער מאַמען וואָס האָט אַזאַ קינד געצערטלט מיט איר
צאַרטן אָרעם...

דער כלאָפּ פֿאַרשלאָסן האָט זײַן הייסע וויִע.
און דער קרייץ — זיך געטוליעט צום שויס פֿון בעזבוים דעם ליליאָוון;

מאַמע און זון פֿלעגן לעקן די הייליקע, רויטע שקיעה –
דאָס זיסע האַרץ פֿון דערשאָסענעם יָוון...
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

איצט וואַרט דער מײַבוים – די יפֿיפֿיה, אַז דעם זעלנערס געשטאַלט –
די לבֿנה – זאָל זיך אָנשפּאַרן אויף אירע פּלייצעס;
... די וווּנד פֿון דער וועלט – דער קבֿר פֿון מת – איז אויפֿגעפּראַלט,
און איר הילפֿסגעשריי – דער קרייץ איז...

מיטן אָרעמבורגסקן פּאָלק, מיט דער זיבעטער ראָטע,
איז ער אומגעקומען דער סאָלדאַטיקל איוואַנקע;
און זײַן זון, דער צלם, וויל מיט ברודערשאַפֿט און מיט חרטה
פֿון רשעים – אויסהיילן די וועלט די קראַנקע...

## ג

דער יָוון געווען איז אַ בלאָנדער ווײַסרוס אַ בלויאויגיקער,
און ערשט איז ער דער גרויער ווײַסרוסישער פּליין;
עס האָט זיך אַנידערגעשטעלט איבער אים אויף איין פֿוס דער אומבויגיקער
צלם – און היט דעם שרהס קאַרשנסעדער און תּבֿואהס –
זײַן באַטקעס בלוט און געביין...

... און ווען פֿון זײַן טאַטנס אָפּגעשניטענע הענט די דאַרע
זײַנען אַרויסגעוואַקסן די בעריאָזעס, די אומעטיקע ייִדישע טעכטער–
זײַנען דעם קרייץ געפֿעלן געוואָרן די קינדער פֿון פֿאָלק דעם געליטענעם – און פֿון דער שפּאַרע –
זײַן צעעפֿנטער מויל – אַרויסגעפֿלויגן איז אַ טאָמבאַק –
אַ פֿריידיק געלעכטער.

דער דערלייזער האָט אויף די געפּלאָגטע, אָרעמע בתולות
גענטאָן זיך דערבאַרעמען,
זײַן שכינה – די מזרח־שײַן – האָט זייערע הערצער אָנגעצונדן...
און די נידעריקע בעריאָזע, די בלאָנדינע, האָט מיט איר געוויין
דעם וואַרעמען
אָפּגעוואַשן פֿון לײַדנדיקן נביאס פּיס די ווונדן.

די הויכע בעריאָזע האָט מיט איר צונג – דעם בוימוואָרעם –
דאָס בלוט פֿון מאַרטירערס צעקאַליעטשעטן הייסן שטערן אָפּגעלעקט;
דערנאָך האָבן ביידע צנועות גענומען אים אונטערן אָרעם
און פֿון זײַן ברכה זיך מיט צוויט – מיט חופּה־שלייערן – באַדעקט.

און ווען ס׳איז געקומען דער אַלטער ווינט – דער רבֿ דער קאַזיאָנער,
און דעם גואלס קאַרק באַצירט מיט אַ כמאַרע – אַ טלית אַ שווערן,
האָבן אין די שפּיגלען – די ברינעמער פּאַר שאָף – פּאַרן אמת־מאָנער
זיך פּוצן גענומען די יונגע כּלות – און פּאַרגאָסן טרערן.

דעם חתן מגייר געווען האָט דער פֿרומער געוויטער דער גראָבער,
דער קרייץ – געזאָגט די ברכות – אַ זונג געטאָן האָבן די נאַכטיגאַלן;
און די בעריאָזעס האָבן די ליפּן זיך פֿאַרבן געוואָלט אויף ציגאָבער,
נאָר דער יונגער נביא באַהאַלטן האָט זייערע שמינקע־בלײַערס –
די אָוונטשטראַלן.

ווען דער קרייץ האָט אָנגעטאָן זײַן שאָטן – דעם פּראַק דעם
פּיאָלעטן,
האָט זײַן פֿרומע מאַמע — דער בעזבוים — תּפֿילה געטאָן — די
גרויע קוקאַווקע זיך צעטרעלט;
געוועקט פֿון קבֿר זײַן טאַטן דעם קדוש, אים פֿאַרבעטן
צו דער שׂמחה פֿון זײַן זון, וואָס לײַדט פֿאַר זײַן אומה —
דער גאַנצער וועלט.

פון גרוב איז אויפֿגעשטאַנען דער הויכער גבֿר דער ברייטביייניקער,
דער דערלייזער האָט חסד און רחמים – זײַנע אָרעמס — פֿאַרן
פֿאָטער פֿונאַנדערגעשפּרייט;
די לבֿנה – דאָס געשטאַלט פֿון מת – איז אַ זכר, אַז גאָט
דער אַלייניקער,
האָט דעם אָרעמען אַוועקגעשאָנקען דעם הימל — און אַליין זיך
פֿאַר אַ בעטלער פֿאַרקליידט.

– – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

– – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

דער שליאַך האָט געדרויכערט די פּאַקוליע – זײַן פּײַקע,
דער צלם האָט זיך מיט די בעריאָזעס פֿאַרקנסט;
... און אויף דער צערקווע – זײַן אַלטער גילדענער באַלאַלײַקע –
האָט דער פּאָעט צו זײַן ליד אַ ניגון פֿאַרפּאַסט...

# דער פּרינץ און די יתומה

## א

דער שליאַך, דער געלער וואַנדערייִד, וועט אייביק בלאָנקען,
זוכן צירונג פֿאַר די בעריאָזעס, די שלאַנקע בת־מלכּות,
כאָטש זיי פֿאַרמאָגן בראָנעס – ברוינע היט, וואָס געשאָנקען
האָט זיי דער פֿאַסטעך סטעפּאַנקע, דעם שטומען מיכאַלקעס.

אויך דער קיניג דער פֿרילינג געלאָזן מתּנות האָט פֿאַר די פֿאַרשיינען –
אין יעדן בלאָנדינעס הוט אַרײַנגעשטעקט אַ בוטשאַן – אַ ווײַסן פֿעדער;
דאָס צווילינגפּאָר זעט אויס ווי פֿירשטינס, און עס וויינען
פֿאַר קנאה זייערע חבֿרטעס – די פֿלוימענסעדער.

דאָס נוסביימל, דער בכור, ער פּיעשטשעט זיך – די פֿליגן זשומען,
ס׳קומט צו פֿליִען דער יונגער ווינט, דער משרת דער זשוואַווער,
באַשפּריצט די מוטערס האָר מיט טויען – פּאַרפֿומען,
און ס׳זײַנען זיי מקנא די ליפּעס – עקרהס, וואָס האָבן אַפֿילו
ניט קיין פֿרײַנד, קיין חבֿר...

אין די בלאָנדע צעפּ פֿון די יונגע געווינעריגס
פֿלעכט אַרײַן דאָס ווינטל דער לאַקיי שקיעה־שטראַלן – רויטע לענטעס,
ס׳לאָזן אַראָפּ די קעפּ די אָלכעס, די ניט פֿאַרגינעריגס,
און עס שושקען זיך, ס׳באַריידן זיי די ווערבעס, די האָרבאַטע יענטעס...

די בעריאָזעס פֿאַרוויגן דעם נוסביימל אין ראָוו – אין וויגל,
נאָכהער פוצן זיך אויס די שיינע מאַמעס,
קוקן אין ברונעם פֿאַר שאָף – זייער בלויען שפּיגל –
און מאַכן צו רעכט אויף די קעפּ די ברוינע פּאַנאַמעס.

ווײַל די האַנט פֿון קיניג, דעם פּרילינג, ניט געווען איז געניט
די פּעדערן אין די באַבישע היט אײַנצוניייען;
ס'טרעפֿט: דער בוטשאַן, דער עמיגראַנט, פֿאַרלאָזט זײַן נעסט און פֿליט
צום רויסט – די זשאַבעס און שלאַנגען אויסצוקאַראַנייען.

## ב

די בעריאָזעס זײַנען ייִדישע ווײַבער, פֿרומע און איידעלע,
די פּעדערן אין די היט זיי שטעקן אַרײַן נאָך ערבֿ שבת;
... אין אַ נאַסן קעלער – אַ זומפּיקן טאָל – לעבט אַ בעריאָזקע,
אַ שטומע מיידעלע,
אַ געפֿאַנגענע, אַ געשמידטע בײַ די בייזע מכשפֿות – די זשאַבעס.

זי איז געבאָרן צווישן משופּעדיקע בערג, די ליימענע ווענט
פֿון אָסטראָג,
עס האָט זי פֿאַרשאָלטן דער בלינדער מכשף – דער קראָט,
פֿון איר כאַלופּע דער פֿענצטער – דער אָפּשײַן פֿון טאָג –
איז פֿאַרשטעלט מיט קראַטן – מיט שטעכיקן דראָט.

בלייך און שלאַנק איז די בעריאָזקעלע, די יפֿת־תּואר,
אַרום אירע לענדן וויקלט זיך איר פּײַן – די בייזע שלאַנג;
אין דער יתומהס האַרץ – דאָרט וווינט דער בלויער טרויער –
נאָר פֿון אירע ליפּן שפּראָצט אַרויס דאָס גרינע געזאַנג.

די בלויע אייביקייט דרימלט אויף דער יתומהס צאַרטן אָרעם,
אויף אירע באַקן – די ראָזע יוגנט בליט,
אָבער דער צווייפֿל – דער געלער וואָרעם –
נאָגט אויס די ווײַסע פֿרייד פֿון איר געמיט.

דער חלום שפּילט פאַר איר אויף אַ מזרח־שטראַל — אַ גילדענער פּלייט,
אָבער איר מזל שלוכצט און יאָמערט אויף אַ כמאַכע — אַ ברוינעם באַס,
און צוגעשמידט צו דער ערד מיט אַ שאָטן — אַן אײַזערנער קייט —
האָט איר די וואָר, די מאַצאָכע, די שלאַנג די מרשעת.

דאָס קינד וועגט זיך מיט דער הייליקער בענקשאַפט — שנורן
ראָסע־פּאַטשערקעס — אירע רובינען,
און אין איר האַרץ דער אמת גליט — אַ הייסע קויל.
אָבער שטום איז דאָס יתומהלע, ווײַל פּחדים — שוואַרצע שפּינען —
האָבן מיט זילבער־פעדים צוגעניייט איר רויטן מויל...

יאוש און אומעט — זײַנען די אויגן פון דער בת־מלכהלע דער
אַרעסטאַנטין,
דער עלנט בייגט איר קאָפּ און צעשויבערט אירע בלאָנדע האָר,
נאָר ער קען ניט צורויבן איר גילדענע קרוין, אירע דיאַמאַנטן —
דאָס האַרץ און די ליבע פון איר חתן — דעם קאַיאָר...

די בעריאָזקע האָט פאַרערער און בחורים אַלערליי —
אי מלכים — בינען, אי פירשטן — שמעטערלינגען,
נאָר זי האָט האָלט דעם אָרעמען פּאָעט דעם סאָלאָוויי,
וואָס קומט פאַר איר זײַנע לידער זינגען.

ג

ער זינגט וועגן זײַן קינד, וואָס מ׳האָט געפאַנגען פון צווײַג, זײַן וויגל
פאַרשפּאַרט אין אַ שטײַג און געהייסן זינגען אים מיט צוואַנג,
נאָר צוליב דער פרײַהייט האָט ער זיך איבערגעבראָכן אַ פליגל,
און זיך געהאַנגען אויף אַ שטראַל פון זונפאַרגאַנג.

ער זינגט וועגן אַ פאַסטעכל וואָס האָט פאַרלאָרן זײַנע שאָף,
און קלאָגט — די קרענעצעס זײַנען זײַן גרינער געוויין,
זײַן האַר, דער בייזער שׂררה, האָט ווי אַ שטראָף —
אין אַ ליימענעם בערגל פאַרוואַנדלט זײַן געביין...

ער זינגט וועגן אַ קאַרשנבוים, אַ יונגן מיליאָנער,
וואָס האָט אין שאָטנס־שאָך־פֿאַרשפּילט בײַם געוויטער זײַן פֿאַרמעגן;
און געקלאַפּט אין גאָטס פֿאַרשלאָסענע פּאַלאַצן – נאָר גאָט האָט
אָנגעוואָרן זײַן געהער...
און דער יורד בעט איצט נדבֿות בײַם וואַנדערנדיקן ריטער – דעם רעגן.

דער בוים קלאָגט אויף אַ ליידיק נעסטעלע – זײַן קאַרינע:
פֿליו פֿליו, ווּ זײַנען די קאַרשן – מײַנע אימפּעריאַלן? –
אָבער אים טרייסט די זון, די גוטהאַרציקע בלאָנדע קייסערינע –
און שענקט אים גילדענע מטבעות – שטראַלן.

ער זינגט וועגן אַ ווײַסער וואַסערבלום – אַ גראַף אַ רײַכן,
וואָס ליבט אַ שלאַנקע גרעפֿין – אַ רויטע רויז,
דער פֿירשט פֿאַרמאָגט זילבערנע פּאַלאַצן – טײַכן,
און די כּלה – אַ גאָרטן – אַ גילדענע הויז.

ער זינגט אויך וועגן די עלנטע יתומות – די אײַער,
וואָס האָדעווען זיך בײַ די אָפּיעקונען – די יאָזשן – אין
רויסט – אין פּריוט;
און וועגן אַ געהיימניספֿולן פּרינץ, אַ נײַעם באַפֿרײַער,
וואָס וויל, אַז אויף דער וועלט זאָל אַלעמען זײַן גוט...

ד

דער בעריאָזקעלען געפֿעלט דאָס ליד, זי וועט בלאַ־נדר זיך פֿלײַסן
צו שליסן קאָנטשאַפֿט מיטן העלד, דעם הייליקן מאַן,
וואָס האָט אין בעריאָזעס הוט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ פֿעדער אַ ווײַסן,
און פֿאַר דער וועלט – פֿאַר אַ פּשוטן בוטשאַן.

ויהי היום – און אויף אַ וואָלקנדל – אַן אייזעלע אַ ראָזן,
איז אונדזער ריטער, דער גוטער שליח, אָנגעריטן אין גאַלאָפּ,

ס'האָבן זיך געניי גט פֿאַרן מלאך די שָפּלע גראָזן,
און די בעריאָזקעלע — אַראָפּגעלאָזן האָט דעם קאָפּ.

אונטער זײַן טראָט האָט זיך דער טאָל געטאָן פֿון אָרט אַ ריר.
אָ, דער גואל וועט דער בת־מלכּהלע פֿון די מכשפֿות באַפֿרײַען,
ער טראָגט לאַקירטע שטיול, אַ זילבערנעם מונדיר —
און אַ גילדענער שפּיז איז זײַן כּלי־זין.

פֿאַר שלעכטס — מיט שלעכטס באַשטראָפֿן וועט דער פּרינץ דער שיינער,
אָבער זײַן גוטיקייט — איז גרעסער פֿון אַ יתומהס פֿאַרלאַנג —
ער האָט דער מיידלס ברוסט באַצירט מיט שטערן — איידלשטיינער,
און מיט זײַן שווערד — צעשניטן איר בייזע מאַצאָכע די שלאַנג.

מיט זײַן רויטן גלאַנציקן שטיוועלע האָט ער
די זשוקעס, די ווערעם און די ראַקעס צעטראָטן,
און דערשטיקט דעם קראָט, דעם מכשף, דעם בלינדן טאָטער —
אים דערטרונקען אין זומפּ און מיט שטיינער פֿאַרשאָטן.

דער ריטער האָט אויף טעלעגראַף־דראָטן, זײַן גיטאַרע,
אויפֿגעשפּילט אַ מאַרש — אָנגעזאָגט דער וועלט זײַן גרויסן נצחון;
דערנאָך געקושט דער בעריאָזקעס צאַרטע הענט די דאַרע,
און צו אירע פֿאַרווונדעטע פֿיס געפֿאַלן, אויסגעלעקט דאָס בלוט
פֿון איר יעטוועדן קנאָכן.

דער פּרינץ האָט דער יתומהלע אָװעקגעשאָנקען זײַן מלכות —
דעם הימל,
און אויך דעם האָריזאָנט — זײַן טראָן — אַז אייביק זי געדענקען
זאָל אים;
ער האָט איר בלאָנדן קעפּעלע געגלעט, פֿאַרוויגט זי אין אַ זיסן דרימל —
און אויף אַ מזרח־שטראַל, אַ גילדענער פֿלייט, האָט זיך איבער
איר צעשפּילט איר חלום...

די געפֿאַנגענשאַפֿט און שטומקייט פֿון דעם קינד געווען איז
אַ שאָד אים –
ער האָט אַראָפּגעריסן פֿון אירע פֿיס דעם שאָטן – די אײַזערנע קייט,
אַרויסגעפֿליקט פֿון איר האַרץ די שפּינען – די שוואַרצע פּחדים –
וואָס האָבן מיט זילבער=פֿעדים איר מויל פֿאַרנייט.

דער יתומהלען געבענטשט האָט דער גוטער, הייליקער ריטער,
אַז זי זאָל אויפֿהייבן איר זיסן, ציטערדיקן קול,
און פֿון איר האַרץ זאָל אויפֿגיין דער זונאויפֿגאַנג – דער אָנגעגליטער
אמת – און זיך צעקלינגען איבער באַרג און טאָל.

ער האָט געפֿליסטערט: – אָ, קינד, פֿון דײַן שטימע וועלן די
טויבע נעמען הערן,
און די קאַליקעס און בלינדע וועלן אויף פֿליגלען – גלויבן –
די נאַכט אַריבערפֿליִען;
פֿון אַ יתומהס ראָז געזאַנג און גרינע טרערן –
וועט די גרויע וועלט אין אַ גן=עדן זיך צעבליִען.
– – – – – – – – – – – – – – – – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – –

און ווען דער בושל, דער גוטער שליח, דער באַשיצער פֿון
געקריוודעטע יתומות,
האָט אויך דערהרגעט די בייזע מכשפֿות – די זשאַבעס –
האָט ער זיך צוריק פֿאַר אַ פֿעדער פֿאַרשטעלט, פֿאַרפֿלויגן איבערן
באַרג וואָס פֿון ליים איז —
און אַ בעריאָזע האָט אים אַרײַנגעשטעקט אין איר הוט – לכּבֿוד שבת...

ה

אָ, יעדע בעריאָזע איז אַ ווײַב אַ פֿרומע און אַן איידעלע,
נאָר דער פֿעדער פֿון איר הוט – דער בוטשאַן – ווײַזט אַ קונץ,
ער וואַנדלט,

פֿליט שבת צו נאַכט צו דער בעריאָזקע, דער אָרעמער מיידעלע,
און ווערט צוריק אין אַ מלאך, אין אַ הייליקן פּרינץ פֿאַרוואַנדלט...

ער פֿליט צום קינד אויף די ווײַסע פֿליגלען פֿון לעגענדעס,
ווײַל אויפֿגעשטאַנען תחית־המתים זײַנען די פֿײַניקער פֿון די
בת־מלכּות די בידנע,
דער גואל רײַסט אַראָפּ די שלאַנג וואָס פֿאַרוויקלט אַרום
יעטוועדער יתומהס לענד איז
און ראַט אויס זייערע ספֿקות — די ווערעם די זלידנע.

נאָר עס טרעפֿט: אויך שבת דער פֿעדער פֿון דער בעריאָזעס
הוט ווערט אַנטרונען,
צום רויסט — צום פּריוט פֿליט דער הייליקער מאַן דער באַפֿרײַער,
ער וויל באַשטראָפֿן די יאָזשן — די בייזע אָפּיעקונען,
וואָס איזדיעקעווען זיך איבער די עלנטע יתומות — די אײַער...

# וויאָ, וויאָ, פערדעלעך!..

אין די עלנטע דערפֿעלעך הינט נעמען בילן,
ס׳פֿאָרן אַרויס די פּויערים אין שטאָט צום יעריד;
עס טוט אָן דעם געשפּאַן – זײַנע תּפֿילין –
און דאַוונט שחרית – דער וועג, דער ייִד...

איבערן באַרג, זײַן גרינעם געהויקערטן קאַרעק,
ער ציט אַרויף זײַן טלית – דעם גרויען טומאַן,
און פֿאַרשטעלט זײַן זאַק – דעם געלן פּאָלוואַרעק,
און דעם כוטער – זײַן געפּונענעם טשעמאָדאַן.

דער וועג זאָגט תּהילים, און די קרענעצעס – זײַנע טרערן –
מאַכן נאַס דאָס גראָז, די געדיכטע, געלע באָרד פֿון פֿרומען דזיאַד,
און אויפֿן שטיין – דעם בעל־תּפֿילהס שטערן –
שוידערט פֿון ווינט זײַן של־ראָש – דער בעטלער, וואָס איז נע־ונד...

דעם דערלייזערס האַרץ איז פֿול מיט פֿאָרכט,
ס׳נעמען ציטערן זײַן באָרד און וואָנצעס – די שוואָמען,
ס׳צעזשומט זיך אַ פֿליג – דער שליאַך האָרכט,
ווי דער קרייץ, זײַן אײדעם, ענטפֿערט אים: אָמן...

די בעריאָזעס טוען אויס די שאָטנס, די שוואַרצע טיולן,
און זייערע שמינקע־בלײַערס – דעם בליאַסק פֿון באַגין –
זיי נעמען אַרויס פֿון די כמאַרעס – זייערע ברוינע רידיקולן –
און פֿאַרבן זיך די ליפּן מיט פֿעטן קאַרמין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שליאַך צונויפֿגעוויקלט האָט פֿון האַנט די רצועות און
אין ליימענער זעמליאַנקע –
זײַן תּפֿילין־זעקעלע – באַהאַלטן דעם פֿאַרחושכטן בעטלער,
זײַן של־ראָש;
דאָס נוסביימעלע שטיפֿט – עס שפּילן די גרילן, און אַ שלאַנקע
בעריאָזע טוט אָן זיך דעם זונאויפֿגאַנג – די גילדענע בראָש...

עס פּוצן זיך די איידעלע, בלאָנדע שוועסטער,
די בראָנעס – זייערע ברוינע היט – אויף די קעפּ זיי פֿאַרריכטן;
די שוואַלבן טשוכען זיך אין זייערע נעסטער –
די ביימער הייבן אָן זינגען אַ ליד, זיך דערציילן געשיכטן.

עס פֿאָרט דורך אַ פֿאַרשפּעטיקט פֿורל, עס סקריפּענען רעדער –
דער וועג מאַכט אַ ברכה און שלינגט אײַן זײַן אָנבײַסן –
די פֿערדישע טריט;
... און פֿייגלען פֿליִען דורך וועלדער און סעדער –
צו די בראָנעס — די בעריאָזישע פֿײַנע היט.
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

די בוטשאַנען – די ווײַסע פֿעדערן – אַרײַנגעשטעקט אין די פּאַנאַמעס
האָבן די בעריאָזעס – און זיך אויסגעפּוצט אין אַ פּראָסטן דינסטאָג
לכּבֿוד דעם דיכטערס חבֿרטעס, די בינען, וואָס פּראַווען אויף
זײַן קערפּער ליאַמעס,
ווײַל זיי האָבן זיך באַפֿרײַט פֿון תּפֿיסה – פֿון דעם בינשטאָק.

די זשאַבעס קוואַקען אין רויסט–דאָס בענטשט מיט אַ ניגון דער שליאַך,
דער אַלטער ווינט זאָגט מיטן שטיפֿער דעם נוסביימעלע מודה־אַני...
און די בעריאָזעס האָבן די הענט פֿונאַנדערגענומען מיט אַ ראַזמאַך,
זיי שפּילן אַ וואַלס אויפֿן מאָנאַסטיר – זייער פּיאַנע.

ס'איז אויך געקומען צו שמײַען זייער ספּריטנער משרת,
דער ווינט דער לינדער,
און אויף זײַן לירע – דעם ערובֿ־דראָט – ער אַקאָמפּאַנירט זײַן
יעדער באַלעבאָסטע,
דער קרייץ טוט אָן דעם מאָך – זײַן נײַעם גרינעם צילינדער,
און דער וועג פֿאַרפּיפּקעט פֿאַר תּענוג זײַן ציביק – די דאָרפֿישע
באָד די פּאַרלאָזטע.

די בעריאָזעס שפּילן אויס זייער פֿרייד, זייער צער,
און די סוקעס–דעם צלמס בלינדע אויגן–ווערן פֿאַרטרערט, פֿאַרפּעכט;
אָ, ער איז פֿון פּײַן און יסורים דער האַר
און באַווײנט דעם מענטשן, וואָס איז בײַ דעם טויט אַ קנעכט.

אַ פֿײַערל טרײַבט אַרויס אויף דער פּאָזניע די פֿערד
כּדי צו צעדרעשן די תּבֿואה פֿון זײַן שׂרה דעם האַרבן;
און דער צלם באַקלאָגט דעם אָרעמען בעל־חי, וואָס ווערט
באַלוינט פֿאַר זײַן לעבן – מיט צרות און שטאַרבן.

דער קרייץ שפּילט אויף זײַן מאַנדאָלינע – דער קלויסטערגלאָק קלינגט
צום טאַקט צעזינגען זיך די סאָלאָווייען;
און דער געזונטער פֿאַרעבאָק – דער טאַנצמײַסטער – ווינקט
צו די שקאַפּעס – ער לערנט זיי אַ וואַלס זיך דרייען...

ער נעמט די קאָבילעס דעם וואַלס פּאַרטנײַטשן:
שפּאַנט זיי אײַן אין אַ דראָנג און ציט די לייצעס,
זיי דרייען זיך אין אַ קאַראַהאָד – און זײַנע בײַטשן
פֿײַפֿן אויף זייערע מאָגערע פּלייצעס.

די פֿערדעלעך טאַנצן גיך און היציק – דער פֿאַרעבאָק יאָגט;
דער סענקעוואַטער דעמבענער פֿלאָקן איבער זייערע הייסע פֿעלן –
איז דעם לערערס לאַנגער געלער סמיטשיק, וואָס האָט זיך אויסגעטאָקט
אויף זייערע רוקנס – די ברוינע וויאָלאָנטשעלן...

די גלעקלעך אויף זייערע העלדזער – איז זייַן האַרפֿע.
– היי, וויאָ, טענצעריגס, אָדלעריגס פֿלינקע –
סקריפּעט אונטער די דרעשמאַשין די שאַרפֿע –
דעם פֿאַרעבאָקס בלויע קאַטערינקע.

– היי, וויאָ, וויאָ, פֿאַניענקעלעך, מייַנע פֿאַרשיינען, זשוואַווער,
זשוואַווער,
הייבט די שלאַנקע פֿיס, און ס'וועלן דערפֿילט ווערן אייַערע טרוימען!
פֿאַרן טאַנצן באַלוינען וועט אייַך דער שרה דער בראַווער –
שענקען די באַלעריגעס פּלאַטינענע פּריזן – נייַע צוימען.

ער וועט אייַך קויפֿן צודעק־ברעזענטן – וואַרעמע שאַלן,
און די שלייעס – אייַערע נייַע קוטאַשן די בונטע –
וועלן זייַן געפּאַסט מיט גילדענע מעדאַלן,
און ער וועט אייַך פֿאַרקנסן מיט אָגערעס, מיט שיינע חתנים געזונטע...

ער האָט פֿאַר אייַך אויסגעבויט שטאַלן – גילדענע פּאַלאַצן,
און וועט שענקען אייַך פּאָדקעוועס – נייַע פּאַנטאָפֿליעס,
און אויף אייַערע חתונות וועט איר פֿון צעבערעס – זילבערנע טאַצן –
עסן שאָקאָלאַד – פֿאַרפֿראָרענע, צעפּוילטע קאַרטאָפֿליעס.

– וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט, בלינדע קליאַטשע, זאָג?! –
וויאָ, וויאָ, טאַנץ, דייַן באַלעבאָס דער גראָבער
וועט דיר ניט עוולהן, און פֿאַר דייַן שווערער פּראַצע און פּלאָג –
דיר צוגרייטן אַ מאָלצייַט מיט פּיראָג – מיט האָבער!

– היי, וויאָ, וויאָ! – נעמט דער פֿאַרעבאָק שרייַען –
קרעציקע פּאַדלעס, איר זאָלט נאָר ניט אונטערהינקען,
אויף אייַערע חתונות וועט איר פֿרעסן אַ זילבערנע קאַשע פֿון קלייַען,
און מיט עמערס וואַסער – באָקאַלן גרינע ליקיאָרן – פֿאַרטרינקען!..

— וויאָ, וויאָ, שיינע כּלות, איידעלע פּריצישע טעכטער,
לערנט זיך טאַנצן — וועלן אײַך ניט שווינדלען די קעפּ;
אויב איר וועט ניט קענען קיין וואַלס, וועט אײַער באַלעבאָס
דער שלעכטער —
פֿאַר מיר, אײַער לערער, פֿלעכטן אַ פּעטליע פֿון אײַערע צעפּ!

— וויאָ, וויאָ, שטיי ניט, דו שקאַפּע, דו אַלטער נאַר,
מיר מוזן היינט צעדרעשן דעם קאָרן אין גאַנצן וויפֿל אין סאַרײַ
פֿאַראַן איז,
און אויב ניט — וועט ער, דער שכּורער האַספּאַדאַר,
אונדזביידן הייסן עסן ווערעם און טאַראַקאַנעס...

— וויאָ, ניט קאַפּריזע זיך, פֿאַרשאָלטענע קאָבילע,
טאַנץ! אויב ניט — קאַטעווע איך דיך ביז בלוט! —
צוליב דײַן עקשנות וועט חס־וחלילה,
דער פּריץ אַרויסטרײַבן מיך פֿון זײַן גוט!

— וויאָ!.. כ׳וועל מוזן פֿאַר זיך אַ טאָרבע אויפֿשטשאָבען,
אַ האַנט אויסשטרעקן פֿאַר מײַן שוועסטער, די האָרבאַטע חסר־דעה;
וויאָ, וויאָ, קליאַטשקעלעך, און איר וועט חתנימלעך האָבן...
טפּרר... שטיי, פֿאַל ניט, פּגירה, דו וועסט נאָך צערײַסן דײַן
נײַינקע שלייע!..

וויאָ! וויאָ!... כ׳וועל מוזן איבער דערפֿעלעך און זאַסטיאַנעקלעך
בראָדזיען,
כּדי צו דערנערן מײַן מאַמוליע, די בלינדע געלייימטע זקנה;
וויאָ!.. און מײַן ווײַבעלע וועט דעם שׂררהס בײַסטרוקלעך פֿלאָדזיען...
טפּרר... שטייט... אָ, פֿאַלט ניט, מײַנע קינדערלעך... טײַערינקע...
שיינע...

– וויאָ!.. כ׳וועל בעסער זיך די הענט אָפּהאַקן איידער צו
מענטשן זיך קלאַניען...
אָ, פֿערדעלעך, כ׳בין אײַך מקנא, כאָטש איך בין אויך אַ פֿערד
בײַם כאַזיאַיען –
דער גראַף אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש רײַט אויף הוליאַנקעס
אויפֿן אײַנגעבויגענעם קאַרעק פֿון וואַניען...
קאָבילקעלעך... אָרעמינקע, וויאָ... הייבט זיך אויף! אָ, פֿאָלגט
אײַער ברודער דעם טרײַען!..

וויאָ!.. – ס׳ווערט שטיל דער קלויסטער – די מאַנדאָלינע
פֿון צלם דעם ריטער,
און די טענצעריננס פֿאַלן טויט אין קאַראַהאָד,
די סטעזשקע – דעם שליאַכס לאָמע האַנט – גיט אַ ציטער,
און ס׳לעשט אויס זיך זײַן פּיפּקע – די דאָרפֿישע באָד.

אַ סקריפּ – אַ קרעכץ געטאָן האָט דער מאַרטירער, – דער טאָג
דער ווײַסער,
אַרויסגעשיקט זײַן שוואַרצן משולח, דעם ראָב – דעם פּאָפּ,
ער זאָל טרייסטן דעם אומגליקלעכן פֿערד־אָנשמײַסער,
וועלכער יאָמערט און רײַסט זיך די האָר פֿון קאָפּ...

די ווערבעס קלאָגן איבער די שאָטנס – זייערע בלויע תּחינות.
ס׳צעוויינט זיך אויך דאָס ווערעמל, די זשאַבע און די בין;
און דער לערער קושט די שלאַנקע פּיס פֿון זײַנע באַלערינעס,
און צעברעכט זײַן בלויע קאַטערינקע – די דרעשמאַשין...

ער קניט פֿאַר די קדושים, פֿלעכט פֿאַר זיך אַ תּליה פֿון זייערע גריוועס;
און איבער אים הענגט דער מולד – דער זילבערנער מעסער...
(פֿאַר דער קיניגין – נאַכט – וועלן די סיווע וועלף מיט ענוות –
אָפּגעבן קאָנצערט אויף די קליאַטשישע זשעברעס – די גילדענע
בעסער...)

ער הייבט אויף די הענט – צוויי ברענענדיקע שטורקאַצן
און צינדט אָן אין אין־סוף די סאַפּירענע שטערן;
און אין די סטאַדאָלעס – אין די גילדענע פּאַלאַצן
וואַרטן די אָגערעס, די קרעפּטיקע קאַוואַלערן.

זיי הירזשען און צעוואַרפן די קאָנישינע־געלעגערס – די
בשמימדיקע בעטן די ליליאָוועס,
און פאַר בענקשאַפט נאָך די הייסע כּלות – זיי הענגען זיך אויף
אויף אַ לייצע;
... און איבער די פעלדער, צום טײַך, לויפט דער שלעגער –
ער גיט אַ ראָוועס
און וואַרפט זיך אַרײַן אין דער דיסענקעס בלויע כוואַליעס–און יוצא!..
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף די פאַריתומטע פליינען – הינט נעמען וואָיען,
און מיט זייערע ווײַסע, שאַרפע ציינער –
שפּילן זיי לידער פון הונגער און שגעון
אויף די זילבערנע פּײַפּיאָלן – די פערדישע ביינער.

די בעריאָזעס האָבן אין די כּמאַרעס – די ברוינע רידיקולן –
באַהאַלטן די רויטע שקיעה־שטראַלן – זייערע שמינקע־בלײַערס
די פּעטע,
און פון שאָטנס – דינע, דורכזיכטיקע זײַדענע טיולן –
נייען זיי טרויער־שלייערס טונקל פיאָלעטע.

אויך די ביימער וויינען נאָך די קאָבילעס,
שאָפּענס טרויערמאַרש שפּילן זיי אויפן קלאַוויר,
עס רינען זייערע איינזאַמע, פײַכטע בלויע תּפילות –
די קלאַנגען פון אַלטן, שוואַרצן מאָנאַסטיר...

# דעם שליאַבס יחוס

## א

דער קרייץ – דער טאָג – וווינט בײַם ווייצנפֿעלד – זײַן געלער
ייִדישער שוויגער,
זײַן נאַכטלעגער איז דער האַרטער טאַפּטשאַן – די פּוניע פֿון שטרוי.
נאָר ער – דער אמת – איז תּמיד וואַך און היט, אַז די ליגנער –
די קריגער
זאָלן זיך ניט מאָרדן, און ניט קריוודען דעם ייִד – זאָל דער גוי.

אַ קראַנץ כריזאַנטעמעס — אַ ווײַסע, זײַדענע שאַלקע —
טראָגט אויפֿן האַלדז דער הויכער בלאָנדער נביא דער געראַכטער;
דאָס ווינטל בינדט אים אויס דעם ליליעוון שניפּס – די פּיאַלקע,
און דעם רויזן-בוקעט – דעם צלמס גינגאָלדענע לאָקן – פֿאַרפֿלעכט ער.

ער פּוצט אָפּ די ליסיטשקעס – דעם מאַרטירערס, דעם העלדס
גילדענע פּאַנטאָפֿל,
מאַכט צו רעכט אויף זײַן קאָפּ דעם מאָך – זײַן גרינעם צילינדער;
פֿאַרן הייליקן מאַן קניט די פֿרומע אָרעמע גויע – דאָס פֿעלד מיט
קאַרטאָפֿל,
און ס'בעטן בײַ אים רחמים די אומשולדיק פֿאַרמשפּטע שאָף און רינדער.

דער צלם זיפֿצט, פֿון די סוקעס — זײַנע בלינדע טויבנאויגן —
איינציקווײַז פֿליסן
טראָפּנס פּעך — טרערן — אויף די קעלבעלעך, באַראַנעך און ציגן;
ער קלאָגט וואָס די רשעים קוילען די שאָף — זייער געוויסן —
און וויל מיט געוויין — זײַן געוואָר — דער סטאַדעס טיראַנען באַזיגן.

די לעמעלעך ציטערן און בוקן זיך פֿאַרן צלם אין דרײַען,
קנוילן זיך צונויף אין אַ הײַפֿל און פרעפּלען אַ תּפילה בלחש;
דער גואל קרעכצט, באַדויערט, וואָס הכנעה–דעם גערעכטנס כּלי־זין–
אַנטקעגן די רוצחים און תּלינים — צו שוואַך איז...

די בהמות לאָזן אַרונטער די קעפּ — געזעגענען זיך מיט דער
לאָנקע — זייער חיות,
מיט שלאַנגען – שטריק – פּענטעט דער פֿאַרנאַכט זייער יעדע קאָפּיטע,
זייער האָפֿענונג — דאָס טאָגליכט — רינט אויס פֿון זייערע וויִעס,
זיי דערזעען דעם חלף — דעם מולד, און די מערבֿ־שײַן —
דאָס בלוט פֿון זייער שחיטה...

דער אָוונט שרײַבט אָן מיט שטערן דעם פּסק־דין: איך בין גוזר!..
דער צלם האָרכט, ווי ס׳נעמען זאָגן ווידוי די לעמער;
ס׳קלינגט דער קלויסטער — דאָס וויל דער דערלייזער
די סטאַדע מציל זײַן פֿון טויט מיט אַ זמר...

— כ׳וויל לעבן — גיט דער ווײַסער אָקס צום גואל אַ ראָווע.
נאָר אויך מיט געזאַנג קען שוין דער צלם די קרבנות ניט
ראַטעווען פֿון דער האַק...
עס שפּרייט פֿונאַנדער די הענט און ס׳בענטשט זיי דער
איינזאַמער נבֿיא,
און צעפֿליקט פֿאַר צער זײַן שאָטן — דעם פֿיאָלעטן פֿראַק...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם צלם וויינט — און זײַן טרער — אַ טראָפּן בלויע זודיקע סמאָלע —
אַראָפּגערונען אויפֿן שטיין — בײַם שליאַך אויפֿן פֿליך איז;
דער וועג שפּאַרט זיך אָן אויף זײַן קאָרב — דער סטאַדאָלע —
און נעמט דערציילן פֿאַרן איידעם — דעם הייליקן — זײַן יחוס.

## ב

אַ גראָבע בורלאַטשקע טראָגט אַ מאָגער קינד אויפֿן האַנט —
ס'רעדט דער וועג מיטן קלאַנג פֿון איר שווערן טראָט:
— איך בין געבאָרן געוואָרן בײַ אַ מויערנער וואַנט,
מײַן מוטער איז די קיניגין — די שטאָט.

עס שווינדט דורך אַ קאָטש — און טסס — עס פּלאַצט אַ שינע —
דאָס האָט דער שליאַך בײַם אמת געגאָסן:
— די וויטרינעס — מײַן מאַמעס פֿאַלשע אייגוגעס די גרינע —
האָבן קײַן טרערן איבער מיר ניט פֿאַרגאָסן...

אַ פֿייגל פֿאַלט אַראָפּ מיט אַ צעבראָכענעם פֿליגל,
מיט זײַן געיאָמער — דער גאָסצינעץ רעדט ווידער:
— איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט קיין וויגל,
און מײַן מאַמע האָט איבער מיר ניט געזונגען קיין לידער.

דאָס פֿייגעלע זשיפּעט — און דער שליאַך מיט געוויין:
— מײַן מוטער פֿלעגט הוליענען מיט מיליאָנערן,
נאָר מײַן אָרעמער טאַטע — דער פּראָסטער המון —
פֿלעגט בײַלן די פֿויסטן און שלינגען די טרערן...

אין געגנט צעקלינגען זיך די סטאַדעס — דעם פֿאַרנאַכטס ברוינע
קאַרעטן —
און מיט אַ ציטערדיקן קול רעדט דער געלער שליאַך איצט קלערער:
— מײַן מוטערס הייסע, רויטע ליפּן — די קאַבאַרעטן —
פֿלעגן קושן די רײַכע לײַט — אירע פֿאַרערער.

שוואַרצע בוהײַעס שלעפּן אין פֿעלד אַ שווערע סאָכע,
עס קלאָגט דער פֿליכטוואַטער גאָסצינעץ — מיט זייער סאָפּען:
— איך פֿלעג האָרעווען, ווען די גראָבע מאַצאָכע
מיט אירע זאַטע ליבהאָבער פֿלעגט נאָך כראָפּען...

– איך בין ייִנגלווײַז געוועזן אַ גרויסער גיבור,
אַ האָרעפּאַשניק, אַ טרעגער, אַ זאַוואָליק —
דערציילט דער וועג, נאָר עס מישט אים איבער
זײַן משרת – דער יונגער ווינט דער זשוליק.

אַ סוחר פֿירט צו דער שחיטה צוויי בײַקעלעך ברוינע,
גיבן זיי זיך אַ ריס אָפּ – און מיט די הערנער דעם פֿורמאַן
אַ זעץ אין די שלייפֿן —
און זייער ראָוועץ דערציילט, אַז פֿון דער שטאָט – דער זונה –
האָט אויך דער גאָסצינעץ געוואָלט אַנטלויפֿן...

יונגע פּריצים רײַטן אָן צום וואַלד אויף יאַגד,
בלײַבן שטיין, גיבן אַ האָרך, נעמען די ביקסן אַראָפּ —
דאָס האָט זיך פֿון ריידן פֿאַרמאַטערט דער טראַקט,
ער קרעכצט און ער רוט זיך אַ ווײַלינקע אָפּ...

נאָר מיט אַ מאָל: אַ קוויטש, אַ דונער, אַ קראַך! –
אַ יעגער געפּרוּווט האָט דערשיסן אַ האָז;
– כ׳בין פֿון איר אַנטלאָפֿן – שרײַט אויס מיטן עכאָ דער שליאַך,
און עס ציטערט זײַן געלע באָרד – דאָס גראָז...

דער האָז איז פֿאַרשוווּנדן, ס׳קערן אום זיך די רײַטער
אַהיים, און זעצן מיט די ניקלנע שפּאָרן אין די בײַכער פֿון די
אָגערעס די מידע —
פֿאַרן צלם דערציילט עס דער וועג זײַן געשיכטע ווײַטער
און ער נעמט אַרום זײַן ערשטע ווײַב — די בלינדע נגידה.

דער דאָרף שפּילט אויפֿן האַרמאָן – און ס׳האָרכט די ליפּע,
ווי ס׳קרעכצעט אָפּ אונדזער אַלטער, סומנער בעל־דבר:
– כ׳בין פֿון שטאָט אַנטלאָפֿן שטעלן אַ חופּה מיט מײַן קליפּע —
דעם ווייצנפֿעלד — דער דיקער ייִדענע דער האָנאָראָווער...

ס'רוישט אַן אויטאָ – דער הייזעריקער וועג צעהוסט זיך שווער,
און זאָגט אויס דעם קרייץ דעם אמת: – אָ, איך האַלט ניט
פון עולם־הבא –
כ'בין פון שטאָט אַנטלאָפן צוליב דער לוסט צו דער בלויאויגיקער
בורלאַטשקעלע – און ער נעמט אַרום דאָס קאָרנפעלד – זײַן
צווייטע אויסדערווײילטע באַבע.

– כ'האָב מײַן פאַלשער מאַמען אויף צו להכעיס אָפּגעטאָן אַ שפּיצל,
געלעבט מיט דער אַ בלאָנדער, אָרעמער גויקעלע אָן חופּה־וקדושין –
גיט ער מיטן שטעגל – זײַן פינגער – דעם קאָרן, זײַן
קעפּסוווײַב אַ קיצל,
און זי בייגט זיך אײַן און באַדעקט אים דאָס פּנים מיט קושן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ נאַרעוויסטער פערד האָט זײַן בעל־עגלה צעבריקעט,
זײַן טיעלעגע מיט לאַסט אַרויף אויפן פליין איז –
דאָס האָט דער שליאַך – דער כבֿד־פּה – זיך אַ ביסל פאַראיקעט –
און גיט דאָס וואָרט דעם פּאָעט, וואָס האָט פאַרצייכנט זײַן
העלדס זכרונות...

ג

דער דיכטער איז פון דער שטאָט – זײַן גרויער וואָר – אַנטלאָפן
צו זײַן גילדענעם חלום — צו דעם שליאַך;
– אָבער דאָס גליק איז ניט מער ווי דער באַגער און האָפן –
יאָגט אים נאָך דער קול פון טויט – די קראַקערײַ פון ראָב
אין גרינעם סכך...

דער עולה־רגלניק שלעפּט אויפן אַקסל דאָס לעבן – אַ שווערן,
גרויצן זאַק,
און זוכט די האָניקדיקע טעג פון זײַן קינדהייט, וואָס צעשאָטן
האָט דער דיכטער

פאַר די סאָלאָוויען. – נאָר מיט דער שקיעה – אַ רויטער האַק –
פאָכט איבער אים זײַן שאָטן – זײַן שוואַרצער ריכטער...

אָ, דעם גזלנס פרייד איז זײַן קרבנס פײַן און צער, —
דער נע־ונדניק וויל פון זײַן אייגענעם שאָטן אַוועקוואַנדלען,
ווײַל זײַן רודפער וויל אין אַ ברוינעם קאָשמאַר
דעם וואַנדערערס העלן טרוים פאַרוואַנדלען.

די וועלט לאָקט דעם וואַנדערער מיט אויגן — בלויע נעכט,
און רייצט אים מיט רויטע ליפּן — אין דער פרײַען;
אָבער דער בידנער מענטש איז בײַ זײַן טאָג אַ קנעכט —
מיט פליכטן — קייטן — שמידט אים זײַן האַר די הענט און קנײַען.

דער וועלטס יוגנט–דער קאַרשנסאָד– האָט פאַרן טרוימער זיך צעבליט,
און אירע פרישע בשממדיקע בריסטן — די מיענטע־לאָנקעס —
שמעקן, שמעקן,
נאָר פאַר וואָס האָט זי מיט טײַכן–שלאַנגען געפּענטעט זײַנע טריט? —
און פאַר וואָס דראָט דער דאָרף דעם פרידלעכן דורכגייער מיטן
אַסוויר – אַ גראָבן שטעקן? — — —

די וועלט האָט דעם ליריקער סודות אײַנגערוימט — די
גערטענער זיך צעגרינט,
זי לאָקט אים מיט איר זיסער ליליעווער שטים — מיט מוזיק;
אָבער זײַן האַרץ בײַסן בענקשאַפט און אומרו — משוגענע הינט,
און צו וואָס העגנט אויפן וואַנדערערס אַקסל די שטריק?..

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער שאָטן באַצירט האָט דעם וואַנדערערס האַלדז מיט ווונדן
גליאיקע – אַ רויטן רויזנקראַנץ...
זײַן גוף איז אַ פֿידל – און שיכּורע קלעזמאָרים שפּילן אויף איר
וואַלצן מיט פֿאַרראָסטע מעסערס – גילדענע סמיקן – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

... אָ, וועלט, שיינע בתולה, טוליע אײַנעט דײַן באַשערטן אין דײַן
ווייכן, ברייטן שויס, – ער איז אַ שוואַכער,
ציטערנדיקער גרינער פלאַנץ,
וואָס אַ בייזע, ברוינע האַנט וויל פֿון בייט – זײַן געבורטסאָרט –
אַרויספּליקן...
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

דער טויט וויל דעם נגיד מיט פּאַטעקדיקן ווילטאָג צו זיך
אין נעץ פֿאַרנאַרן...
אָבער מלאכים – ווײַסע טויבן – וואַכן איבערן זינגער
וואָס דרימלט אויפֿן האַרטן שטיין;
עס ווערגן אים די יאָדלאָווע וועלדער – די גרויע קאָשמאַרן –
אָבער זײַן גילדענער חלום – דער שליאַך – וועט אים אַוועקפֿירן
צו דעם אֵין־סוף – צו זיך אַליין...

און ווען ס'וועקט אים אויף זײַן חבֿר — דער וואָלף, דער
הונגער, דער גרויער –
און ס'הייבן אים אָן קושן זײַנע בלאָנדע חבֿרטעס – די בינען, –
דאַן פֿאַרבײַט דער סומנער וואַנדערער אויף זיסער מי זײַן
ווײַניקן טרויער —
אָנשטאָט דעם לאַקיי — דעם ווינט — ער נעמט די בעריאָזעס באַדינען.

(ער טוט אַ לעק די מזרח־שײַן — דער וועלטס אָראַנזשעווען
מויל — זײַן סם דעם ביטערן...
און איר ברייטער, ראָזער אָרעם — דער האָריזאָנט — איז אויף
זײַן האַלדז אַן ענגער רייף...);

אין דער נידעריקער בעריאָזעס בלאָנדן צאָפּ דעם שיטערן —
דער דיכטער פלעכט אַרײַן זײַן האַרץ — אַ רויטן שלייף...

דער הויכער בעריאָזע אָנדולירט ער מיט זײַן שטעקן די לאָקן,
און מיטן גרינעם צער, וואָס גיט אַ שײַן אַרויס פון זײַנע ווײַטע בליקן –
וואַשט ער דעם געלן, לײמיקן פנים פון וועג דעם זקן
און די ברוינע פּיענעס – די פאַרוווּנדעטע פּיס פון צלם, וואָס
האָט געפונען אין פּײַן אַ תּיקון...

נאָר דער בלינדער גאון ווערגט זיך הײַנט מיטן האַריזאָנט –
זײַן רויטער וויזיע,
ער איז אויפן דיכטער ברוגז, ווײַל מיט זײַנע עינויים – די פלאַמען
פון אַ ברענענדיקן גוט –
האָט ער אויף די שטאַמען – די אַלבאַסטערנע לײַבער פון די
בעריאָזעס די קאַפּריזע –
דערשנאַפּט סימנים פון הייסן, מענטשלעכן בלוט...

... עדות זײַנען די ווײַסע טויבן, די סטאַדעס שעפּסן – דעם
דיכטערס אומשולד און געבעט,
די טיפע סאַזשעלקע – די מעלאַנכאָליע פון עולה-רגלניק דעם גרויען,
די שוואַלב – זײַן סיווער אומעט, די בלויע נאַכטיגאַל – זײַן
נאַיִוויטעט –
אַז ניט געוואָלט האָט ער צעשטערן דאָס גליק און שלום-בית
פונעם לײַדנדיקן גאון...

ער איז אויף דער פרײלעכער בעריאָזע אַרויפגעקראָכן, ווײַל דער
גורל האָט געהייסן אים,
ער זאָל אויף דער רוט – איר דינעם, צאַרטן, ווײַסן פינגער –
אָנטאָן אַ גילדענעם רינג – אַ טראָפּן בלוט פון אַ פאַרשטויסענעם
טרייסטלאָזן בשר-ודם און פאַריתומטן זינגער...

ער איז אויף דער אומעטיקער בעריאָזע אַרויפֿגעקראָכן, געוואָלט
זיך אויפֿהענגען פֿאַוואָליע
אויף איר האַלדז – אַ שמאַראַגדענער בראָש, געפֿאַסט מיט זודיקע
געזעגענונגס־טרערן — סאַפּירן גרינע;
נאָר דער טרוימער האָט זײַן האַרץ פֿאַרשטאָכן
אָן מאָרגנשטערן – זײַן ברילליאַנטענער דאָליע –
און פֿון זײַנע ווונדן – ראָז געוואָרן איז דער אַלבאַסטערנער גוף
פֿון דער בלאָנדינע...

אַן עדות איז זײַן חבֿר – דער האָן דער ראַבער,
זאָל דער מאַרטירער אויך בײַם בוטשאַן טאָן אַ פֿרעג —
זיי ווייסן — קיינעם טוט ניט קיין שלעכטס דער מחבר,
נאָר מיט זײַן בייזן טאַטן – דעם גורל – ער פֿירט אַ געשלעג.

זייער מליץ־יושר דער דיכטער מײַדט אויס פֿרעמדע פּרויען,
אַ געליבטע איז אים נאָר דאָס ליד, וואָס ער פֿאַרפֿאַסט,
און מיט דרײַ ווײַבער: פֿאַרצווייפֿלונג, יסורים און שגעון –
האָט אים זײַן מאַמע – די איינזאַמקייט – ביגוואַלד פֿאַרקנסט...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

די בעריאָזעס קושן די הענט פֿון קרייץ, זייער האַר,
נאָר דער משרת דאָס ווינטל דערציילט אים, אַז זיי ליבן און קלערן
וועגן דיכטער, וואָס וויל אין אַ צווייטער זון פֿאַרוואַנדלען זײַן צער –
כּדי אין די קעלערשטיבעלעך זאָל אויך ליכטיקער ווערן.

די בעריאָזעס נעמען אַרום דעם מאַן, נאָר דאָס ווינטעלע דער
דעטעקטיוו
פֿאַרמסרט פֿאַר אים, אַז די ביימער פֿאַרשטייען דעם
וואַנדערערס לשון;
ער בעט זיי מקריבֿ זײַן זיך פֿאַר די פֿאַרפֿראָרענע מענטשן,
און ליבעבריוו
ער שרײַבט צו זיי מיטן בלויען רויך פֿון זײַנע ברענענדיקע
פּאַפּיראָסן...

דער הייליקער פרינץ, דער בוטשאַן, טוט אַ פּאָך מיטן פליגל
און פאַרטרײַבט דעם ווינטל דעם לאַקיי –
און צווישן דיכטער און מאַרטירער – אַזאַ מין פּשרה וויל ער מאַכן:
– ליב האָבן איז קיין זינד ניט, ווײַל פון דרײַען דאָס אייגענע
הארץ טוט ווײ,
זינד הייסט: ריידן לשון־הרע און אויסטראַכטן בלבולים אויפן שוואַכן...

– אָ, צלם, דו ביסט דאָך דער האַר איבער יסורים און פּײַן,
זײַ מוחל דעם ווינט דעם שפּיאָן, וואָס רעדט אויפן פּאָעט שקר;
און לאָמיר באַגריסן די ליבע – פון טאָג די גילדענע שײַן, –
גיט אין דאָרף אַ קריי דער האָן – דער אמת־וועקער...

– האַר, די גרעסטע שטראָף איז צו ווערן אַ מענטש געבאָרן –
דאָס ווייסטו דאָך אַליין...
ניט שטראָף אים מער דעם אָרעמען בעל־חי, ער האָט שוין
באַקומען זײַן פּסק־דין, –
האָבן די ווערעמלעך, די זשאַבעס און די קראָטעס פאַרן צלם זיך
פאַרגאַנגען אין געוויין,
און מיטן רוף פון פאַסטעכס האָרן – האָט זיך אויך צעכליפּעט
דער באַגין...

דער נביא האָט זיך אָנגעכמורעט, זיך פאַרקלערט און געטאָן אַ קרעכץ:
– דאָס בידנע ווערעמל איז גליקלעכער פונעם בן־אָדם – אָבער
אויך ניט אָרעם
איז דער גוטער מענטש. – נאָר דער יעניקער וואָס טוט אַפילו
אַ וואָרעם שלעכטס –
איז נאָך אָרעמער און נידעריקער פאַרן וואָרעם.

די יעניקע וואָס האָבן מיט מלחמות אונדזער שיינע וועלט צעשטערט –
האָבן אויך צעשטערט מײַן שלום־בית, און כ׳וועל דערפֿאַר זיי
קיין מאָל ניט פֿאַרגעבן;
נאָר דיר, אָ, וואַנדערער, בין איך מוחל. ליב! די ליבע איז
שטאַרקער פֿון דער שווערד –
זי איז די מוטער און די באַשיצערין פֿון לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווידער לעקט דעם דיכטערס האַרץ דער וואָלף, דער הונגער
דער גרויער,
ס׳הייבן אים ווידער אָן קושן זײַנע בלאָנדע חבֿרטעס – די בינען,
און דער סומנער וואַנדערער בײַט אויס אויף זיסער מי זײַן
ווײַניקן טרויער –
אָנשטאָט דעם משרת – דעם ווינט – ער נעמט פֿון דאָס נײַ
די בעריאָזעס באַדינען.

מיט זײַן שטעקן אָנדולירט ער זייערע לאָקן די געדיכטע –
... און נאָכהער נעמט ער אַרויס אַ פֿאַרשריבענעם בלאָקנאָט,
ווייל פֿאַרלייענען פֿאַרן קרייץ די טרויעריקע געשיכטע
פֿון שליאַך, וואָס איז פֿאַרחושכט געוואָרן בײַ זײַן מאַצאָכע, דער שטאָט.

ביז דער וועג, דער כּבֿד־פּה, וועט ווידער נעמען ריידן –
ווען די טיעלעגע מיט לאַסט וועט זיך אויפֿהייבן פֿון פֿליין,
וועט די ביאָגראַפֿיע פֿון אָרעמען, געלן זיידן –
דערווײַל דערציילן דער מחבר אַליין.

(ווען דער דיכטער האָט אָנגעהויבן לייענען זײַן ווערק,
האָט דער געוויטער געוואַכט איבער דער ערד – דער ברונעטער,
חנעוודיקער מעוברת;
נאָר מיט אַ מאָל האָט ער אויפֿגעהערט צערטלען אירע בריסט –
די גילדענע בערג –
און איז געקומען צו פֿליִען אויסהאָרכן, נאָכסאָל דער שליאַך
אַנטלאָפֿן אַזש פֿון שטאָט אַהער איז...

ווען ער האָט גענומען דעקלאַמירן זײַנע לידער – זײַנען פֿון וואַסער
אַרויסגעשפּרונגען צוויי בריליאַנטענע קאַראַסן –
דאָס האָט די אָזיערע געפּאַטשט מיט די הענט, אַפּלאָדירט דעם
פּאַרפּאַסער,
און גערוישט מיט די וועלן – געבעטן, ער זאָל אויך וועגן איר
אַ ליד פֿאַרפּאַסן...

די מכשפֿה – די סאָווע האָט אויפֿגעהערט שילטן און וואָרזשען
אויף גרויל.
די ליגנערס, די ראָבן – אַנטשוויגן געוואָרן און אויפֿגעהערט לײַגן,
נאָר דער קאַנאַריק – דעם דיכטערס גײַסט – אַרויסגעזונגען
האָט פֿון זײַן רויטן מויל,
און אַ בעריאָזע – אים צוגעטוליעט אין אירע מוטערלעכע
אָרעמס – די צווײַגן.

דער מחבר לייענט – און דער ווײַסרוסישער פֿויער –
דער אָוונט – גייט ניט שלאָפֿן, ער וויל זײַן וואַך;
ער שטעלט אונטער אַ וואָלקן – זײַן ראָזן אויער –
און הערט וואָס עס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיטן שליאַך...).

## ד

אַמאָל איז דער טראַקט אַ זאַווולעק געוועזן אויף סאָפּיאַניקעס,
נאָר זײַן מאַמען, דער קיניגין – ווילנע – פֿאַרלאָזן האָט ער,
און זײַנע שטרויענע קישעלעך – די זאַסטיאַניקעס –
זײַנען אַן אָנדענק פֿון פֿאָלק – זײַן אָרעמען פֿאָטער...

די שטאָט האָט דאָס געלע שטיפֿקינד פֿון זיך פֿאַריאָגט,
נאָר דעם דאָרף אויף דעם וועגס געלייִמטן קאַרעק דעם האָרבאַטן —
דעם שאַרן קופּערט מיט צירונג און שפּײַז וואָס ער טראָגט –
האָבן אַרויפֿגעלייגט די דאַרע הענט פֿון זײַן טאַטן...

דער זון היט אָפּ דעם ייִשובֿ – זײַן פֿאָטערס געשאַנק –
אין גומנע ליגן לייצעס – די תּפֿילין פֿון פֿרומען שליאַך,
און דעם ווייצנפֿעלדס קדושין־רונג – דער זונפֿאַרגאַנג –
ליגט אויפֿן דעק פֿון קופּערט – אויפֿן שטרויענעם דאַך.

דער וועג עפֿנט די וואַליזע – בייגט אָפּ די פּלאַנקענער אַרום די כאַטעס,
נעמט אַרויס זײַן מאָלצײַט – די מיסט פֿון די שטאַלן;
און די טריט פֿונעם פּאַרעבאָקס באָרוועסע פּיאַטעס
זײַנען דעם גאָסצינעצס גילדענע אימפּעריאַלן...

זײַן ייִנגערער ברודער, דער וואָרניאַנער שאָסיי, דער גבֿיר –
האָט אויך זײַן בייזער מאַמען – ווילנע – פֿאַרלאָזן.
און פֿון זײַנע עלנטע, קאַליקע מומעס – מיכאַלישאָק און סוויר –
ברענגען דעם קאַזיאַנער שליאַך גערוסן זײַנע פּלימעניקעס–די האָזן...

ס׳האָט אויך ברייטע גאַס, די עלטערע שוועסטער פֿון זקן,
געשיקט פֿאַר אים אַ בריוועלע דורך איר חבֿר דעם פּאָעט:
זי שרײַבט, אַז זי האָט קיין רו ניט, זי האָרעוועט און הערט די גלאָקן –
די שטראָפֿרייד פֿון דער שטאָט – דער ווערד...

דער וואַנדערער האָט זיך זײַן פֿוס אָן אַ שטיין צעהאַקט,
די טראָפּנס בלוט – זײַנען פֿון דער גאַס די ווערטער – – –
עס לייענט זיי און ווײנט זיך פֿונאַנדער דער טראַקט –
און דער פּאָעט זײַן געוויין – דעם קוואַל — דערהערט ער...

דער וואַנדערער רוט. זײַן פּשוטן מאָלצײַט עסט ער,
און פֿאַרוויקלט זײַן קראַנקן פֿוס מיטן ראָזן האָריזאָנט – – –
... לייענענדיק דעם בריוו פֿון זײַן גינציקער שוועסטער –
האָט זיך דער וועג אָן זײַן אייגענער יוגנט דערמאָנט...

מיט ראָזעווען ברויט און ציבעלע דעם הונגער שטילט דער זינגער,
און בייגט זיך צום גרינעם, הייליקן קוואַל, מאַכט אויף אים אַ ברכה...

... דער וועג שטרעקט אויס דעם סלופּ – זײַן לאַנגגן געלן פֿינגער –
און דראָט מיט אים דער שטאָט, דער מאַצאָכע...

## ה

אַמאָל האָט ער משאות געשלעפּט אויף זײַן קאַרעק דעם לאָמען –
בגדים און ווײַן פֿאַרן הולטײַ – זײַן מוטערס פֿאַרפֿירער;
נאָר די שטאָט האָט אירע זיסע בופֿעטן – די רעסטאָראַנען און קראָמען–
פֿאַרשלאָסן פֿאַר זײַן טאַטן – דעם שוואַרצן ברוקירער...

זי האָט אירע ווײַעס – די פֿענצטער – געפֿאָרבן מיט שקיעה,
און ס'האָבן די בריקן – די גרינע סטרונעס פֿון שטאָל –
געציטערט אויף דער גילדענער האַרפֿע – דער ראָזער ווילִיע, –
דאָס האָט די גאַס געשפּילט דאָס ליד פֿון איר עול.

ס'האָט געקלאָגט אויף איר מזל די שפחה, און אין פּראַצע
אויסגעלאָזט איר כעס...
דער זאַוווּלעק איר ברודער פֿלעגט איר צער מיטפֿילן,
און אויף דער ווילענקעלע – זײַן בלויער פֿלייט, און אויף
אַ סקריפּענדיקן טויערל – זײַן אַלטן, ברוינעם באַס –
פֿלעגט ער דאָס ליד פֿון זײַן טאַטנס עלנט אויסשפּילן.

די שטאָט – אין נעפּלען פֿאַרוויקלט, אין זײַדענע שלייערן –
האָט געטאַנצט צום טאַקט פֿון די קינדערס מוזיק;
ס'האָבן געוויגט זיך אין די בוידעמשטיבלעך–בײַ איר אין די אויערן–
אירע שוואַרצע אויערינגען – געהאַנגענע מענטשן אויף שטריק...

די שטאָט פֿלעגט מיט האַרן טאַנצן אויף קאַרנאַוואַלן, הוליען און זויפֿן,
געגלאַנצט האָבן די דילן – אירע רויטע פּאַנטאָפֿל, ווײַל איר
מאַן – דער המון,
וואָס וווינט אין די קעלערס, אין די אָרעמע קוואַרטאַלן, אין די
ענגע הויפֿן –
האָט עס פֿאַרמאָלט מיט זײַן בלוט און געוואַשן מיט זײַן הייסן געוויין.

זייער טאַטן געטרייסט האָבן גאַס און זאַוואָלעק–ברודער און שוועסטער,
דעם ראָיאַל – דאָס געשריי פון פאָלק דעם געשמידטן –
האָבן זיי צונויפגעמישט מיטן געבראַזג פון די פורן – מיט זייער אָרקעסטער —
און די שטאָט געטאַנצט האָט „אַלעקסאַנדער דעם דריטן"...

די קאַטאָרזשניקעס פלעגן אויף לירעס – קייטן – שפילן פאַר
דער גנעדיקער מאַדאַם שאָפּענס נאָקטורן,
און די האַרן פלעגן פאַלן פאַר איר אויף די קני — און טרינקען מיט
איר ברודערשאַפט פאַר רוסלאַנד – זייער מאַמען דער געטרייַער;
די שטאָט האָט צו די אַלפאָנסן געוווּנקען – פון אירע הייסע בליקן –
די ברענענדיקע קאַנדעליאַברעס מיט די ראָזע אַבאַזשורן –
פלעגן שפּריצן זינדיקע חנדלעך – פונקען פייַער.

פאַר דער וואָלגע און פאַר רוסלאַנד, רוסלאַנד זייער טייַערער מאַמען–
האָבן זיי געטרונקען ליקיאָרן, שאַמפּאַניער און ווייַן;
און ווען צוליב אינטריגע איינס דעם צווייטן האָט געוואָלט פאַרסמען –
איז דער שטאַרקסטער סם צו דעם געטראַנק געווען – פון פאָלק דער פייַן...

פאַר דער מאַמעלע רוסלאַנד געטייט האָט מען דעם קנעכט און
פון זייַן האַרץ אויסגעטאָקט אַ גילדענעם בעכער,
און אָנשטאָט קאָניאַק — האָט הייס בלוט פון אים געטריפט,
געטריפט – – – –
און ווען צוליב אייפערזוכט האָט איינס דעם אַנדערן געשטאָכן,
געוואָרן אַ פאַרברעכער,
איז דער שפּיז געווען – דער זיפץ פון פאָלק, באַשמירט מיט
זייַן צער – מיט רויטן גיפט
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שטאָט האָט די מאַגנאַטן געטוליעט אין די פּאַלאַצן – אירע ווײַסע אָרעמס די צאַרטע,
זיי פּלעגן זיך פּרעסן צו אירע בריסטן – די הייסע, באַלויכטענע קלובן און זאַלן,
אָבער די אָרעמע און געריכטע זײַנען אין פינצטערע קאַרצערס געלעגן פאַרשפּאַרטע,
זייערע גאָרגלען פלעגן די פּאַצוקעס גריזשען, נאָר פון הינטער קראַטן
אַרויסגעזונגען האָבן זייערע נשמות – די בלויע נאַכטיגאַלן...

די שטאָט האָט געווײַלט זיך, געשכורט, און עס פלעגט טרעפן:
אירע פאַרטנערן — די פאַבריקאַנטן, באַנקירן און גראַפן –
האָבן שפּילנדיק אין קאָרטן מיט דער אַדעליקער גרעפין –
געשטעלט אין קאָן די לעבנס פון זייערע שקלאַפן.

בײַ נאַכט פלעגט זיך אויספּוצן די שטאָט די מרשעת,
אָנטאָן ליכט־רעקלאַמעס, אירע פלאַטינענע בראַנזאַלעטן,
נאָר דער זאַוואָלעק און זײַן שוועסטער די שקלאַפין — די גאַס —
האָבן געשלעפּט אירע ליבהאָבערס בריטשקעס און קאַרעטן.

זי פלעגט אָנטאָן גאַזלאָמפּן — צירונג, פאַרדעקן דאָס געזיכט מיט שאָטנס – וואַלן,
און די פליכצוואַטע הערן – די האַנטשן, דעם פראַק און דעם צילינדער ;
נאָר די גאַס אונטער זיי האָט אויף קלינגענדיקע עקיפּאַזשן
געשפּילט – אויף צימבאַלן,
איבער נאָטן – דאָס בלוט פון איבערגעפּאָרענע,
אונטערגעוואָרפענע קינדער...

די רעדער אין פאַעטאָן פלעגן סקריפּען, די פאָדקעוועס –
רוישן – אויף זײַן קאַטאַרינקע
און פויק – האָט עס געקלאָגט דער מידער זאַוואָלעקל דער
האָרעבאַטער – – –
די שטאָט האָט די נאַכטלאָקאַלן – אירע ליפּן–געפאַרבן מיט שמינקע,
און די האַרן האָבן זיך געדריקט צו איר וואַרעמען לײַב–דעם טעאַטער...

זיי פֿלעגן זיך אויסזעצן אויף אירע לידקעס – די ווייכע פֿאָטעלן,
נאָר אונטערן בליצלאָמפּ – איר גילדענעם מעדאַליאָן —
איז געהאַנגען דאָס פֿאָלק – אַ שוואַרצער שנור קאַרעלן –
און געשטיקט איר הייסן האַלדז – דעם באַלקאָן...

ו

ווען די שטאָט פֿלעגט די פּערל פֿון איר האַלדז אַראָפּרייַסן
און זיי באַהאַלטן אין די פֿאַלדן פֿון אירע שוואַרצע קליידער – די ראָגן,
פֿלעגן שלאַנגען די שטיינערנע בריסט איר בייַסן —
די פֿאַרברעכער פּויקן אין די ווענט פֿון די קאַלטע אָסטראָגן...

דאָס פֿאָלק האָט זי מיט פֿויסטן געוואָרגן – מיט אײַזערנע צוואַנגען,
נאָר פֿון קנײַפּע – איר מויל – פֿלעגט הערן דער זאַווולעק
אַ שכּורן געלעכטער...
און אין געטאָ – אין איר בוזעם – זײַנען טויבן געלעגן געפֿאַנגען –
פֿאַרפּײַניקטע זין און געשענדעטע ייִדישע טעכטער.

זי פֿלעגט זיך מיט פּראָזשעקטאָרס באַפּוצן – מיט פּורפּורענע רויזן,
אירע הענט מיט פֿאָנעס באַצירן – מיט ראָזעווע אָרעמבענדער;
נאָר אין איר האַרצן – אין שולהויף, אין די חרובֿע קלויזן –
פֿלעגט אַ גרויער קאַנאַריקל קלאָגן – אַ פּרוש בײַם תּהילימל
איבערן שטענדער...

די שטאָט האָט געזונגען – און דער פּאַטעפֿאָן – איר הייזעריק געזאַנג
פֿלעגט פֿאַרטויבן די ייִדישע תּפֿילות – פֿון די טויבן דאָס וואָרקען;
נאָר פֿון אונטער איר פֿוס דער האָן פֿלעגט קרייען אויף זונאויפֿגאַנג –
דער סטודענט אין קעלער – לייענען דאָס ווערק פֿון גאָרקין...

זי האָט געטאַנצט און געשפּילט אויף טעלעגראַפֿן – האַרפֿן,
די טראָפּנס שווייס, וואָס פֿלעגן פֿון איר שטערן רינען –
זײַנען די אַלמנות, וואָס פֿלעגן פֿון די סאַלקעס זיך וואַרפֿן –
און פֿון זייער בלוט איז רויט געוועזן דער באַגינען...

אָ, די שטאָט, די קיניגין, האָט מיט גענערעלער געטאַנצט אויף בעלער,
אויפֿן שלאָסבאַרג די לעמפּעלעך – די דימענטן אויף איר קרוין –
פֿלעגן בלאַנקען;
נאָר פֿון אירע צעפּוילטע לונגען – די בלויע שפּיטעלער –
האָט די גאַס אַ זיפֿצן געהערט פֿון אַן אָרעמען מענטשן אַ קראַנקן.

זי האָט געטאַנצט – צו אירע ראָזע פֿיס – די פֿריילעכע הײַזלעך –
פֿלעגן פֿאַלן גאָראָדאָוואָיען און שכּורע גראָבע זשאַנדאַרן...
... נאָר די גאַס האָט איר מיט פֿויסטן געדראָט–מיט בונדישע קרײַזלעך,
און שטערן – פֿלוגבלעטער געלייענט מיט אירע קאַסאָקע אויגן –
די פֿאָנאַרן...

די מאַגנאַטן – אין שמעקנדיקע בודואַרן – אין די פּאַרפֿומירטע
אָרעמס פֿון שטאָט פֿלעגן כראָפּען,
נאָר דער לונאַטיקער, דער בעטלער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט
בײַ איר נאַכט=כּלי – דעם קאַנאַל,
פֿלעגט אַרויפֿקריכן אויף אַ טורעם – בײַ איר אויפֿן קאָפּ – און
איר געדראָט מיטן מולד – זײַן גילדענעם, שאַרפֿן קינזשאַל...

ז

און איין מאָל, אין מיטן דער נאַכט, האָט די שטאָט ניט געקענט
ווערן אַנטשלאָפֿן,
זי האָט צוריק אָנגעטאָן איר צירונג – די ברענענדיקע לאָמפּן מיט גאַז;
און אַן אויג אירס געווען איז שעלמיש רויט און אָפֿן –
אַן אויפֿגעפּראַלטער באַלויכטענער פֿענצטער אויפֿן זעקסטן עטאַזש...

אין פֿענצטער אַ ציטער געטאָן האָט אַ ווײַסע פֿיראַנקע,
אַ מענטש אין יסורים נאָך הילף האָט געגעבן אַ רוף –
דאָס האָט די שטאָט – די אויסגעלאָסענע פֿרוי די שלאַנקע –
געוווּנקען צום שטורעם, ער זאָל אַרומנעמען איר הייסן גוף...

זי האָט געגאַרט נאָך זינד און פאַרווײַלונג – עס האָבן זיך צעגליט
אין די בעקערײַען די קאַלכאויוונס – אין איר האַרץ די רויטע ווונדן;
און אירע טרייפּענע בלוטן – די סקלאַדעס מיט קאַרביט –
האָבן אין איר ווילדן קערפּער אַ שׂרפה אָנגעצונדן...

איר מאַן – דאָס פאָלק – האָט פאַר הונגער געחלשט, אָבער די ווערד
האָט פאַר לײַדנשאַפט דעם טינק פון די מויערן – דאָס קלייד
פון אירע אַקסלען — אַרונטערגעריסן,
און דער שכורער ווינט האָט זיך אַרײַנגעוואַליעט אין זאַמדיקן
טאָל — אין איר גילדענער בעט —
און די פײַערן – דער זונהס רויטע, נאַקעטע בריסטן געביסן...

דער שטורעם האָט פאַרראַטן די נאַכט – זײַן כּלה, די בלויאויגיקע
צנועה —
און געהוליעט מיט דער פאַלשער קורטיזאַנע — אין איר שויס
זײַן פאַרמאַטערטן קאָפּ אָפּגערוט,
און די מכשפה האָט פאַר דער תּענוגדיקער ליבע=וואַקכאַנאַליע —
דעם שיכּור און שילויע
באַלוינט מיט מענטשנס פאַרברענטער האָרעוואַניע — מיט זייער
שווייס און בלוט.

דער ווינט האָט געקושט איר מויל – דעם ברענענדיקן בראַנפן=זאַוואָד,
געריסן די ביימער פון גאָרטן – פון איר קאָפּ די צעלאָזטע, גרינע לאָקן;
נאָר פון זײַנע לאַסקעס האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַרויִקט די שטאָט –
און פאַר פײַן זיך צעיאָמערט – ס'האָבן זיך צעקלונגען די גלאָקן...

אין אירע ברייטע, צעעפנטע אָרעמס – די ליליעווע פלאַמען —
זײַנען עופהלעך אין די וויגעלעך געוואָרן פאַרברענט;
און דער שלאַקסרעגן – דאָס געוויין פון זייער משוגע
געוואָרענער מאַמען —
האָט דער וועדמעס ווילדע באַגערן פאַרלעשן ניט געקענט...

ס'האָט זיך צעטרעשטשעט אַ שווערער, אָנגעלאָדענער וואָגן —
דאָס האָט דער זאַוואָלעק דער האָרעפּאַשניק, דער טרעגער דער גיבור —
אויפֿן ברוק — זײַן קאַרעק — מענטשלעכע פֿאַרמעגנס געטראָגן,
וואָס ער אַרויסגעכאַפּט האָט פֿון דער זונהס אָרעמס — די
ברענענדיקע שטיבער...

די שטאָט האָט די סלופּעס – אירע הענט געבראָכן, פֿאַר גלוסטונג
אין שגעון אַרײַן,
און אירע פֿאַרזעסענע טעכטער, די אָרעמע שקלאַפֿינס – די גאַסן,
האָבן געברוישט מיט די רעדער פֿון די דראָשקעס – געקלאָגט
פֿאַר בזיון און פּײַן,
וואָס זייער מאַמע – די קיניגין פֿון ליטע – איז אויסגעלאַסן...

ס'האָבן זיך צעפּײַפֿט די סירענעס – די שטאָט האָט קוויטשען גענומען,
אַראָפּגעריסן די ווענט פֿון איילפֿאַבריק – דאָס העמד פֿון איר לײַב;
נאָר פּלוצים איז דער הערשערינס ספּריטנער באַדינער אָנגעקומען –
שטילן די תּאווה פֿון דער צעלאָזענער, היציקער ווײַב...

ער, דער שטאָטס לאַקיי, דער פֿײַערלעשער, דער דרייסטער מאַן –
איז אויפֿן מויער – דער זונהס בראַנדיקן קאַרעק – אַרויפֿגעקראָכן,
און זײַן בלאַנקן זילבערנעם מעסער – דעם וואַסער־פֿאָנטאַן –
אין פֿלאַם – אין איר נאַקעטער, רויטער ברוסט – אַרײַנגעשטאָכן...

די שטאָט האָט אַ זיפֿץ געטאָן, דערוואַכט פֿון איר ליבע־משוגעת,
אַ רויך – אַ גערוך פֿון שוויס – האָט פֿון איר פֿאַרלאָשענער
ברוסט געשלאָגן,
נאָר די נשׂרפֿים האָבן זיך געטוליעט צום שויס פֿון איר טאָכטער,
– דער גאַס –
און זי האָט זייערע נאַקעטע לײַבער געקושט, זיי אַ נאַכטלעגער
געגרייט אין אירע צעעפֿנטע אָרעמס – די ראָגן.

## ח

ס׳פֿלעגט טרעפֿן, די שטאָט האָט ניט געקענט רויִק שלאָפֿן,
געקלאָגט און געשריִען פֿון שלאָף – אין צירק האָבן געברעוועט
די באַנדורעס און געשאַלט דער וואָלטאָרן;
און אַן אויג אירס געוועזן איז צעשראָקן, רויט און אָפֿן –
אַ באַלויכטענער פֿענצטער אויף אַ פֿינפֿטן גאָרן...

אין פֿענצטער אַ ציטער געבן פֿלעגן די ווײַסע גאַרדינען,
און אַ משוגענער מאַנצביל – זיך אַראָפּוואַרפֿן אויפֿן טראָטואַר –
דאָס פֿלעגט פֿון דער שטאָטס ווײַסל אַ הייסע טרער אַראָפּרינען –
זי האָט געוויינט, געזען אַ בייזן קאָשמאַר.

איר שוואַרצער צאָפּ – דער רוזעלער שטיבלעכוואַלד –
האָט פֿאַרדעקט אירע נאַקעטע פּלייצעס – די ביליקע הײַזער;
און דעם שטאָטזייגער – איר אָנגעפּודערט בלייכע געשטאַלט –
האָט זי פֿאַרשטעלט מיט איר פֿינגערל – דעם ווײַזער...

איר פֿלעגט זיך חלומען, אַז דער זאַוועלעק זיך שושקעט מיט
פּאָפּלאַווס־געסעלע, זײַן חבֿרטאָרין,
און דער בײַסטרוקל האָט אין זײַנע בוזעם־קעשענעס – די ענגע,
טונקעלע הויפֿן –
געוווער באַהאַלטן – ער וויל טייטן זײַן מוטער וואָס האָט אים געבאָרן –
און נאָכהער – צו קאַזיאַן, צו זײַן קראַנקער מומען דער
בעטלערין – אַנטלויפֿן...

איר פֿלעגט זיך חלומען, אַז איר גראָבע באַדינערין, דאָס
הויקערל, די פּאָהולאַנקע־גאַס,
האָט צונויפֿגעניוכעט זיך מיט ווינגרי־געסעלע, דער דאַרער
נייטאָרקעלע, דער פֿאַררעטערין,
זיי באַהאַלטן אין די פּאַכוועס – די קעלערשטיבער – דינאַמיט –
די פּײַן און האַס
פֿון אָרעמאַן—און דערמיט ווילן זיי די גנעדיקע האַרינטע צעשמעטערן...

ס'האָט זיך איר געחלומט, אַז דער שטורעם — דער כוליגאַן,
האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ פון סלופּ — געגנבֿעט איר בראַסלעט;
און מיט אַן אימהדיקן קול — מיטן פּײַף פון אַן אָנקומענדיקער באַן —
האָט די שטאָט זיך צעשריִען: ר—אַ—ט—ע—וו—ע—ט!!! — — —

ט'פלעגט זיך איר חלומען, אַז דער המון — איר שפּײַזער — האָט
זײַן אײַנגעפאַלענעם רוקן
אויפגעהויבן, איר באַפאַלן, און די פאַבריק—איר האַלדז—געוואָרגן— — —
און מיט איר שמאָלן, צאַרטן פינגערל — דעם ווײַזער — האָט זי
גענומען צוקן, צוקן,
הילף געבעטן בײַם שיינעם פּרינץ, דעם ראָזעווען פרימאָרגן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און גאַנץ פרי, ווען פון שלאָף האָט זיך טשוכען גענומען די
גרויזאַמע מלכּה, די שטאָט —
האָט זי אויפן ציפּערבלאַט — איר שיינעם אַלבאַסטערנעם פּנים
דעם רונדן —
געפונען ציפער — שוואַרצע פלעקן — די סימנים פון המון, וועלכן זי האָט
צוגעשמידט מיט צ ײַ ט צו מ י—און זײַן לעבן הענגט אויף די סעקונדן...

ט

פאַרטאָג פלעגט זי אויסטאָן אירע אויערינגען — די געהאַנגענע
מענטשן פון שטריק,
פאַררײַסן איר שטאָלצן קאָפּ — דעם מירמלנעם שלאָס,
מיט דער מאַסע אָנפּילן איר האַלדז — די פאַבריק —
און פאַרוויכערן דעם קוימען — איר „יאַוואַ"-פּאַפּיראָס...

די מאַשינעס – אירע אײַזערנע ציינער – פּלעגן קנאַקן,
אָבער דאָס פֿאָלק האָט זיך ניט געלאָזט צעקײַען...
פֿאַר כּעס פּלעגט זי פּײַפֿן מיט די נאָזלעכער – די טאַרטאַקן –
און בײַ נאַכט – די מענטשן פֿון איר האַלדז – צוריק אויסשפּײַען.

נאָר ניט איין מאָל האָט זי מיט אַ שאַרפֿן צאָן צעביסן אַ מענטשן
אויף שטיקער,
אַ צווייטן – מיטן פֿלאַם, איר צונג – פֿאַרברענט אין אירע
רויטע ליפּן – די הוטעס;
און דער פּאָרטרעט פֿון צאַר ניקאָלײַ דעם צווייטן – איר
אבֿן־טובֿ דער ציטערדיקער –
פֿאַרשפּריצט געוואָרן מיט זייער מאַרך און אומשולדיקן בלוט איז...

זייערע בלוטן – זײַנען די פֿרישע רויזן און טולפּאַנען,
וואָס פּלעגן באַצירן דער שטאָטס קמיע – דאָס בילד פֿון זײַן
מאַיעסטעט, אײַנגעפֿאַסט אין אַ גילדענער ראַם;
תּחית־המתים זײַנען די אומגעקומענע צוריק אויפֿגעשטאַנען –
יעדע בלום – איז אַמאָל אַן אומגליקלעכער מענטש געווען מן־הסתּם...

אַ בלום – איז אויך אַפֿילו דער שוואַרצער קוימענקערער,
וואָס די שטאָט האָט פֿון דאַך – איר הוט – ניט איין מאָל אַ וואָרף געטאָן
צו די פֿיס פֿון גובערנאַטאָר – איר איידעלן, הייסן פֿאַרערער –
וואָס פּלעגט פֿאַרבײַ איר זיך דורכפֿאָרן נאַשפּיץ אין זײַן פֿאַעטאָן...

דער גובערנאַטאָר פּלעגט צינעמען די בלומען – דער דאַמעס מתּנות –
און זייערע גלידער – די פֿרישע בלעטלעך – פּלעגן פֿאַרוועלקט
ווערן פֿון זײַן ברוטאַלן באַריר...
ער פּלעגט זיי אין טורמעס פֿאַרזעצן–אין שטיינערנע, טוכלע וואַזאָנעס,
אָדער – אַרויסוואַרפֿן אין זײַן פֿאַרשנייטן, פֿאַרפֿראָרענעם
גאָרטן – סיביר...

אָבער ניט איין בלום האָט ער מיט זײַן לאַקירטן שטיוול
צעטראָטן און צעפּליקט;
און בײַ דעם זאַוועלעקל אין דער שוואַרצער, קליינער דלאָניע –
אין אַן אָרעמער, פּינצטערער און ענגער שטיבל–האָט זיך געשטיקט,
געצאַפּלט אַ ווײַסע זומער־פֿייגעלע – אַ טולפּאַנס אַלמנה...

ער האָט די קעפּ פֿון יונגע מיידלעך – ראָזע, צעבליטע מימאָזן –
אָפּגעשניטן מיט זײַנע מאַניקירטע נעגל – די רויטע גיליאָטינעס;
נאָך זיי פֿלעגן זשומען די בינען אויפֿן פֿעלד אין די גראָזן –
זייערע מאַמעס וויינען איבער די הייליקע אותיות פֿון תּחינות...

די מתים זײַנען צעפֿוילטע אַרונטערגעפֿאַלן צוריק פֿון די תּליות –
פֿון זייערע ביינער זײַנען אויפֿגעגאַנגען זײַנע גאָלדענע תּבֿואות אין סטעפּ;
פֿון זייערע אָדערן האָט ער נאָגײַקעס געפֿלאָכטן – און די קנעפּ אויף זײַן מונדיר זײַנען זייערע וויִעס,
און די שקיעות – דאָס בלוט פֿון זייערע אָפּגעשניטענע קעפּ...

פֿאַר יעטוועדן קרבן, וואָס דער גובערנאַטאָר דער טיראַן פֿלעגט דערמאָרדן,
האָט אים מיט מעדאַלן באַשאָנקען די מאַטושקע ראַסייע –
אַ מענטשלעך האַרץ איז געווען זײַן יעטוועדער גילדענער אָרדן,
און אַ שאַרבן – זײַן יעדע בייניקע, געשניצטע קמיע...

און די שטאָט האָט אַ ליבע געפֿירט מיטן חשובֿן קאַט –
דער זייגער–איר גילדענער קאָפּ–איז געלעגן אויף זײַן פֿעטער האַנט;
זי האָט געשמייכלט צו אים מיטן בלייכן פּנים – דעם ציפֿערבלאַט –
און געשעפּטשעט: מען דאַרף צום טויט אַרויספֿירן דעם אַרעסטאַנט...

ער פֿלעגט קושן אירע ליפּן — די רויטע, הייסע קאַבאַרעטן,
איר באַדאַנקען, בוקן זיך פֿאַר איר און מאַכן קניקסן,
ער האָט געטאַנצט מיט איר אונטער די קלאַנגען פֿון די
שרײַענדיקע קאָרנעטן —
די טשערקעסקע, אָנגעלאָדענע, פֿאַרראָסטע ביקסן...

ער האָט אַ קאַמאַרישקע מיט איר געטאַנצט — און די מוזיקאַנטן
האָבן איבער ווײַסע פּאָלירטע בויגנס פּאַפּיר — אויפֿן ווײסטן פֿעלד,
אין טיפֿן שניי —
געשפּילט מיט הייסע קוילן אין די הערצער פֿון די אַרעסטאַנטן —
די שוואַרצע נאָטן אויסגעשטעלטע אין איין גלײַכער ריי...

ער פֿלעגט זיך אַרײַנוואַליען אין פּאַלאַץ — זײַן דאַמעס צאַרטן אָרעם,
און אַ מידער אײַנדרעמלען הערנדיק דעם מאַרש פֿון טויט,
וואָס געשפּילט האָבן אויף אויסוויינינק די יונים — זײַנע
שיכּורע קלעזמאָרים —
ווײַל די נאָטן האָט פֿאַרווייט דער ווינט—פֿון זייער געוועזער דער שרויט...

אין פּוטליאַר — אין ברודער־קבֿר — האָט דער שרויט פֿאַרווייט
די נאָטן, די קרבנות,
און אויפֿן שוואַרצן פּאָרטעפּיאַן — דעם פֿרישן בערגעלע ערד —
האָבן פֿון זיי קאָנצערטן אָפּגעגעבן די הונגעריקע ווירטואָזינס —
די וואָראָנעס —
נאָר דאָס האָט שוין די שטאָט מיט איר פֿאַרערער — ניט געהערט...

ער פֿלעגט פֿאַלן צו אירע ראָזע פֿיס — די פֿריילעכע הײַזלעך...
און דאָס פֿאָלק האָט געקרעכצעט אונטער איר אײַזערנעם צאָן —
דער מאַשין...
נאָר די גאַס האָט איר ווידער מיט פֿויסטן געדראָט — מיט
בונדישע קרײַזלעך —
און אויפֿגעשפּילט אַ מאַרש אויף דער קלינגענדיקער קאָנקע —
איר מאַנדאָלין...

די גאַס האָט אַקאָמפּאַנירט זיך אויף דער ווילִיע־איר גילדענער האַרפּע,
נאָר עס זײַנען איר באַפֿאַלן אַ סטאַדע גרויע וועלף – קאָזאַקן –
און מיט זייערע ציינער – די שטאָלענע קינזשאַלן שאַרפּע –
צעגריזשעט – צעשניטן די צעבונטעוועטע שאָף – אירע דאַרע קולאַקן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טיראַן מיט דער שטאָט האָבן געהוליעט, נאָר פּלוצים —
איז דער המון איר באַפֿאַלן און די פֿאַבריק – איר האַלדז –
שיר דערוואָרגן...
דער גובערנאַטאָר האָט דערפֿאַר ניט געטאָן קיין גוטס אים,
אָבער דער זאַוואָלעק האָט פֿאַר זײַן טאַטנס פּײַניקער — געווער
שוין געהאַלטן פֿאַרבאָרגן...

דער זאַוואָלעק האָט געהיט דעם רוצח, אים באַגלייט צו אַ באַל,
און אין אַ הויף – דער טיפֿער שוואַרצער בוזעם־קעשענע פֿון
אונדזער העלד דעם גבֿר —
איז געלעגן אַ מענטש אין אַ סקלאַדיק – אין אַ שייד אַ קינזשאַל –
וואָס האָט זיך אַליין אויסגעשליפֿן פֿון פּײַן און געפֿאַר...

זיי האָבן געהוליעט, נאָר די טאַט פֿון דעם פּראָסטן ברוק – איז נס:
דער זאַוואָלעק האָט אַנטבלויזט קעגן קאַט – זײַן שטילעט...
און זײַן פֿאָטער – דעם עמך — באַפֿרײַט פֿון לוקישקעס –
פֿון דער שטאָטישער אײַזערנער פֿויסט אים געראַטעוועט...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויפֿרופֿן – די לעצטע בלויע שנייען...
... און דער סטודענט, וואָס האָט אַמאָל אויפֿן קול געלייענט
גאָרקיס בוך –
דער ראַבער האָן, וואָס פֿלעגט אויף זונאויפֿגאַנג קרייען –
איז אַרויסגעקראָכן פֿון קעלער – זײַן טוכלען קאַטוך...

ער איז אַרויס – און מיטן מולד – זײַן שנאָבל – צעשמעטערט
די בערג – די טראָגנצן, אונטער זײַן טראָט –
די שוואַרצע ערד געוואָרן גרין איז, און די בידנע מאָסע
זיך געטוליעט האָט אונטער דער זון –
זײַן הייסן, רויטן פליגל...
אָבער אַ ציטער געטאָן האָט פּאַר אים די שטאָלצע, גראָבע
גראַנדדאַמע – די שטאָט,
און ער האָט געצופּט פון איר לײַב שטיקער פליייש –
פון די ווענט די ציגל...

זי האָט זיך צעוויינט. ס׳האָבן זיפּצן זיך געריסן פון אירע
ברוסטן – די זאַלן...
און בלוט – טרערן זײַנען גערונען פון אירע אויגן – די שויבן
די צעבראָכענע...
און פּאַר איר גילדענער בראָש – דעם באַטיושקעס קאָפּ – זײַנען געפאַלן
די זשאַנדאַרן אויף די קני און געזונגען – ב אָ ז ש ע צ אַ ר י אַ
כ ר אַ נ י — — —

זי האָט צו דער ערד אַראָפּגעבויגן איר שטאָלצן קאָפּ – דעם שלאָס,
גערופן הילף – געפּײַפט מיט אירע נאָזלעכער – די סירענעס
פון די טאַרטאַקן...
נאָר ס׳איז פאַרלאָשן געוואָרן דער פאַבריקס-קוימען – איר
„יאַוואַ"-פּאַפּיראָס –
און בײַ אירע פיס האָבן געוואָיעט וועלף – פאַרווונדעטע קאָזאַקן...

פּאַר צער האָט די קאָקאָטע אויסגעטאָן פון בוידעמשטיבל –
פון איר אויער דעם וואַרעמען –
איר לעצטן שמאַראַגדענעם אויערינג — דעם געהאַנגענעם
מענטשן פון שטריק...
און די גאַס האָט אויף דער ווילע — איר גילדענער האַרפּע –
געגומען שפּילן, ליאַרעמען,
אַרײַן אין עקסטאַז און צעריסן אַ שטאָלענע סטרונע — דעם
גרינעם בריק.

דער זאַוואָלעק האָט אַ בריטשקע געשלעפּט — און מיט די
קלינגענדיקע גלאָקן
פֿון פֿערד — געלייענט די שטערן — זײַן טאַטנס פֿלוגבלעטער...
און פֿון פֿאָנאַר — זײַן אײנציקן רויטן אויג דעם קאַסאָקן —
האָט אַראָפּגעטריפֿט אַ שטראַל — אַ טרער אַ פּיאָלעטער...

ער האָט געלייענט אויפֿן קול און פֿאַר פֿרייד זיך צעכליפּעט,
און זײַן טאַטנס שווערע, מאַרשירנדיקע טריט געקושט און געלעקט...
די ווילענקעלע – זײַן בלויע פֿלייט – האָט זיך צערוישט, זײַן
ברוינער באַס – דער טויער – זיך צעסקריפּעט –
דעם ראָזן פֿרילינג פֿונעם שלאָף געוועקט...

נאָכהער האָט ער געלאָזן דער שוועסטער אַ מתנה זײַן פֿלייט –
און דער וועג איז
אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט צו קאַזיאַן – זײַן געליימטער מומען;
איצט שפּילט די גאַס אויפֿן טײַכל נאָקטורן, עלעגיעס,
און קלאָגט, נאָכסאָל דער ברודער האָט איר ניט מיטגענומען...

י

ווען דער פּאָעט האָט פֿאַרענדיקט דערציילן, וואָס מיטן שליאַך
איז פֿאַרלאָפֿן,
איז דער אָוונט – דער ווײַסרוס – אים אויפֿן האַלדז געפֿאַלן...
הערנדיק די געשיכטע, האָט ער פֿאַרגעסן אָן שלאָפֿן –
און פֿון זײַן אויג זײַנען גערונען טרערן – מערבֿ=שטראַלן.

ווען דער דיכטער האָט איבערגעלייענט זײַן ווערק – זײַנען פֿון וואַסער
אַרויסגעשפּרונגען צוויי גרויסע זילבערנע העכט –
דאָס האָט די אָזיערע געפּאַטשט מיט די הענט, אַפּלאָדירט דעם
פּאַרפֿאַסער,
און געפֿליסטערט מיט די וועלן: דער טראַקט איז גערעכט...

אויך די דיסענקע האָט לויבן גענומען דעם שליאַך דעם זקן,
נאָר מיט אַ מאָל געוואָרן גרין פֿאַר צאָרן און זיך צעברויזט,
פֿון איר טיפֿן שטראָם האָט אַ שפּרונג געטאָן אַ גילדענער אָקון —
דאָס האָט דער טײַך געוויזן דער שטאָט אַ געבײַלטע פֿויסט...

דער דיכטער האָט דערהערט פֿון זשוק דעם זשומען —
דאָס האָט אַ זיפֿץ געטאָן דער לײַדנדיקער גאון, דער בלאָנדין; ער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין געוויין. אים געטוליעט, זײַן הייסן קאָפּ אַרומגענומען און געטרייסט — האָבן די בעריאָזעס, זײַנע שיינע מלכּות און געטרײַע באַדינערינס.

אַ טראָפּן סמאָלע — אַ זודיקע טרער פֿון סוק — דאָס בלינדע אויג פֿון דעם דערלייזער,
אַראָפּגערונען איז אויפֿן שרײַבערס צעפּליקטן, פֿאַרגעלטן בלאָקנאָט;
אפֿשר האָט ער עס באַקלאָגט דעם געפֿאַלענעם רוסישן קייזער? —
און אפֿשר — געוויינט פֿאַר פֿרייד, וואָס דער שליאַך איז אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט? — — —

נאָכן אָדון האָט יאָמערן גענומען די בלינדע מכשפֿה — די סאָווע,
אַ הספּד נאָך אים האָט געמאַכט דער אַלטער ווינט, דער רבֿ דער צעדרייטער;
ער האָט פֿאַר דער עדה קראָען געגעבן אַ ווילדן ראָווע:
— ניטאָ מער אונדזער מלך ניקאָלײַ דער צווייטער!!! —

ס'האָבן זיך צעגוואַלדעוועט די שוואַרצע תּלינים — די ראָבן, און געריסן
קריעה נאָך דער שקיעה — זייער שפּײַזערס ניקאָלײַקעס אָפּגע-שניטענעם קאָפּ,
און זיך דערטרונקען אין דער נאַכט — זײַן שוואַרצן בלוט. און דער באַגינען — דאָס געוויסן
פֿון דער וועלט איז אויפֿגעגאַנגען פֿון דער זעמליאַנקעלע —
דאָס האַרץ פֿון כלאָפּ...

און די נביאים – די סאָלאָווייצן און קאַנאַרעקלעך – האָבן
אויפגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע
קעפּ – און זיך צעזונגען און צעשפּילט אויף קאַרשנצווייַגן –
גילדענע באַלאַלייַקעס:
– אַלע קרוינען וועלן פאַרזשאַווערט און צעפאַלן ווערן, אָבער
אייביקייט – איז די פראָסטע
האַנט, וואָס האָט די קרוין געמאַכט – אונטערן געפייַף פון
דעם טיראַנס נאַהייַקעס!..

# דער שליאַך דערציילט דעם נוסביימל אַ מעשׂה

דאָס נוסביימעלע איז געוואַקסן, זיך געהאָדעוועט
בײַם שליאַך, זײַן גוטמוטיקן, געלן זיידן;
... עס רײַט אַ רײַטער – און ס׳דערהערט דער פּאָעט –
ווי דער וועג צום אייניקל זײַנעם נעמט ריידן.

דער ריטער – דער פֿאַרנאַכט – פֿאָרט אַדורך די געגנט
און יאָגט די וואָלקנדלעך – זײַנע פֿערדעלעך ווײַסע;
עס טופּען זייערע טריט – עס דונערט און רעגנט –
דאָס דערציילט דער וועג דעם נוסביימל אַ מעשׂה:

„– אַמאָל געווען איז אין אונדזערע מקומות אַ גייער, אַ טרוימער
אַ יונגער,
אַ בלונדע שאָף וואָס האָט זיך פֿאַר אַ מענטשן פֿאַרשטעלט;
זײַן טאַטע־מאַמע האָט אויפֿגעפֿרעסן דער וואָלף – דער סיוועער הונגער –
און גאָט האָט אין דעם יתומס האַרץ פֿאַרלאָרן די וועלט...

דער סומנער וואַנדערער האָט געהייסן: אלקנה,
און ניט געהאַט קיין חבֿר און קיין פֿרײַנט –
האָט ער איין מאָל געפֿרעגט בײַ דער שוואַרצער וואָראָנע:
– צי איז עס אמת, אַז די זון שײַנט?

האָט די וואָראָנע געענטפֿערט: – איך בין דער אייביקער ליגן –
און די שטערבלעכע האָבן דעם אמת – די זון – אויסגעקלערט;
האָט אלקנה געפֿרעגט בײַ די ווײַסע גערודפּטע ציגן:
– צי עס איז זיי גוט צו לעבן אויף דער ערד?

די ציגן האָבן געענטפֿערט: – ס׳איז ניט גוט –
מע גיט אונדז ניט עסן און מע מעלקט אונדז ביגוואַלד,
אלקנה, אויך דו ביסט פֿון פֿלייש און בלוט –
און וועסט אין גיכן ווערן גרוי און אַלט...

האָט אלקנה דעם קאָפּ צום פֿעלד אַראָפּגעלאָזן;
– צי איז פֿאַראַן פֿרײַנדשאַפֿט אויף דער ערד? –
האָט ער געפֿרעגט בײַ די ווערעמלעך און די ציטערנדיקע האָזן,
אָבער קיין ענטפֿער – פֿון זיי ניט געהערט.

נאָכהער האָט ער געטראָפֿן אין פֿליין אַ ראַבן קאָטער אַ קאַליקן –
אלקנה האָט אָפּגעפֿליקט אַ שטיק פֿון זײַן אַלטן פֿינדזשאַק –
דעם חולהס פֿוס פֿאַרבונדן, נאָר אַ לוין באַקומען פֿון גאַליקן
קאָט – אַ גילדענעם רענדל – אַ דראַפּע אין באַק.

דערנאָך האָט אלקנה באַגעגנט אַ פֿערד אין שפּאַן,
און אים געהאָלפֿן שלעפֿן די פֿור מיט בעטאָן.
– צי איז יושר אויף דער וועלט פֿאַראַן? –
האָט דער טרוימער בײַם האָרעפּאַשניק אַ פֿרעג געטאָן.

– יושר פֿאַראַן איז נאָר פֿאַר דער סטאָדאָלע,
אָבער אונדז בעלי־חיימלעך איז שלעכט –
מיר טרײַבט און שמײַסט דער באַלעגאָלע,
נאָר איך ווייס, אַז ער אַליין איז אויך אַ קנעכט.

האָט אלקנה געפֿרעגט בײַ דעם געלן קאַנאַרעק:
— צי איז פֿאַראַן פֿרײַהייט אויף דער גראָמער ערד? —
האָט זיך דער קאַנאַרעק צעקלאָגט בײַ דעם מענטש אויפֿן קאַרעק:
— מיר ווערן געבאָרן מיט קייטן אויף די גלידער און אונדזער
וויגעלע איז — די שווערד...

מײַן ברודער ליגט אין שטײַג פֿאַרשפּאַרט,
און דיר וועט מען אויך אין אָסטראָגן פֿאַרריגלען;
אלקנה, מען האָט אונדז אָפּגענאַרט —
ס'איז שלעכט אַפֿילו די, וואָס האָבן פֿליגלען...

האָט אלקנה געפֿרעגט בײַ דעם נע־ונדן היימלאָזן הונט:
— צי איז גערעכטיקייט פֿאַראַנען אויף דער וועלט?
און צי האָט ער אַ ווײַב? און פֿאַר וואָס איז ניט באַזונט
אונדזער פֿרילינג? — אָ, זאָל ער אים זאָגן, פֿון וואַנען די חושכניש
קוועלט?

— דעם שקרס, מײַן האַרס בלאָטיקער פֿוס גיט אין האַרץ מיר אַ בריקע;
די היצלעס — תּלינים — געקעפּט האָבן מײַן הויזגעזינד,
און די וועלף — מײַנע שלאָפֿע ברידער, די פֿאַרשטויסענע און דזיקע,
זײַנען גזלנים — די נויט און עצבֿות צונויפֿגעפּאָרט האָט זיי
מיט שׂנאה — מיט זינד...

מײַנע ברידער האָבן פֿאַרשלונגען די זון — דאָס האַרץ פֿון דער סטאַדע —
און דעריבער איז טונקל, איז אָוונט אויף אונדזער זומערדיקער ערד,
אָבער נאָך פֿינצטערער זײַנען די שופֿטים — די האַרבסטנעכט,
וואָס האָבן פֿאַר די נע־ונדע
פֿאַרברעכער — אויסגעטראַכט דעם מולד — די גילדענע שווערד!..

מײַנע ברידער ווייסן ניט, אַז זיי זינדיקן — זײַנען זיי ניט קיין
זינדער, —
די חטאים פֿון זייערע ריכטער זײַנען נאָך גרעסער;
זיי, די חכמים, פּראַווען מאָלצײַטן און פֿרעסן פֿלייש פֿון רינדער,
וואָס זיי קוילענען מיט אַ מעסער...

מײַנע ברידערס צײַנער און אײנזאַמקײט איז זײער װאָפן,
און דאָס געװער קעגן זײ דאַרף זײַן: מיטגעפיל און פאַרשטײן;
אָבער די יעניקע װאָס װילן זײ מיט קױלן באַשטראָפן —
צילן די ביקסן קעגן זיך אַלײן!

די װעלף משפט מען, װײַל זײ זײַנען די אױגן פון די נעכט...
נאָר מיר האָט דער גורל באַװאָפנט מיט פײַן און מיט צער —
מיט גילדענע שפּיזן —
קעגן מײַנע אײגענע ברידער גײען ראַנגלען זיך אין אַ געפעכט —
טרײַבט מיר דער קיניג, דער יעגער, מײַן האַר — צוליב זײַנע
קאַפּריזן !..

דעם רױבער משפט מען, װײַל ער װיל דעם רוצחס כּלי־זין באַרױבן —
און צעברעכן... איך בין דאָך אָבער דער היטער פון פרעמדע
פאַרמעגנס, איך בין דאָס געװיסן
פונעם גנב... און מײַן אײגענער אוצר — מײַן הײליקער גלױבן —
ליגט אין מײַן אױג, און זײַנע שומרים — די טרערן װאָס פליסן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער הונט האָט זיך צו אַלקנהן געלאַשטשעט און גענומען װאָיען:
— איבער מיר זײַנען ריכטער פאַראַנען אַ סך, און קעגן זײ בין
איך אײנער !
כ׳בין אומשולדיק פאַרמשפּט געװאָרן צו שטומקײט און צו בזיון —
און מען פאַרװאַרפט מיר מיט טרערן פון מיטלײַד — מיט שטײנער !!! — — —

די בײַטש האָט מיר געלערנט פאַר יעדן פריץ זיך בוקן אין דרײַען,
און מײַן לױן איז גרױל, נאָר כ׳װעל ניט פאַלן, װײַל כ׳קען מיט
תּפילות זיך דערנערן;
כ׳בין קלוג — מײַן האַר האָט מיט מאַניקירטע נעגל — מיט
מעסערס, כּלי־זין —
די קנײטשן פון חכמה — אױסגעקאַרבט אױף מײַן שטערן...

כ'בין קלוג – דערפֿאַר האָט מיר זייער ליב דער שוואַרצער שׂררה,
אָבער דער גענאָד פֿון מושל איז פֿאַרן אונטערדריקטן שקלאַוו–אַן עול;
מײַן האַר האָט מיר אָנגעטאָן צירונג – אַ קייט אויפֿן האַלדז –
און אָנשטאָט אַ פּשוטער נאַרע –
מיר געשאָנקען די היימלאָזיקייט – אַ בלויען, גראָמען פּאַלאַץ
פֿון קרישטאָל!..

דער הונט האָט דעם מענטשנס האַנט געטאָן אַ הייסן לעק – און ער,
אלקנה, האָט געהאָרכט: – דער באַגער און טרייסט פֿונעם
פֿאַרשטויסענעם – איז וואַנדלען,
נאָר די וואָס שלאָגן מיך, דעם גערודפֿטן, מיט שטעקענער –
זאָלן אַליין אין אַ היימלאָזן הונט זיך פֿאַרוואַנדלען!!!
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט געיאָמערט דער הונט – דער גרויער צער פֿון דער וועלט,
און דער דאָרף – געכאַכאָטשעט, און איבער אים זיך פֿאַרמאָסטן
מיטן זונפֿאַרגאַנג – אַ רויטן שטיין;
אָבער אלקנה האָט דעם מלך — דעם פֿאַרמוטשעטן בעל=חי מיט
זײַן אַקסל פֿאַרשטעלט,
ווײַל ער האָט אין הונט – דערקענט זיך אַליין...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָט אלקנה געפֿרעגט בײַ די ציטערנדיקע ווײַסע טויבן:
– צי איז כאָטש ליבע אויף דער זינדיקער וועלט פֿאַראַן?
און צי קאָן מען די פֿרויען – די גילדענע שיינקייט – גלויבן?
און צי מעג מען טרויען זייער זילבערנעם שפּיגל – דעם מאַן?

– גלייב ניט דיין פֿורפֿורנער בענקשאַפֿט – די פֿרויען, אלקנה גוטער,
די ליבע איז די שטערבלעכקייט, דאָס געבאָרן ווערן – די זינד,
יעדע תּמוז=נאַכט גאַרט ווערן שײַן – יעדע פֿרוי וויל זײַן
אַ מוטער,
אָבער ניט יעדער מאַן וויל האָבן אין לעבן אַ שולד – אַ ק י נ ד –

האָבן די טויבן געענטפֿערט און געטאָן אויף דער ערד אַ פֿלי,
און אויפֿן וואַנדערערס האַלדז זיך אָנגעהאַנגען;
אלקנה איז פֿאַר די פֿייגלען – זײַן האָפֿענונג און גלויבן –
געפֿאַלן אויף די קני,
אין זײַן האַרץ זיי פֿאַרכאָוועט – און דערשטיקט זײַנע ספֿקות –
די שלאַנגען...

נאָר דערנאָך האָט אלקנה באַגעגנט אַ הון אַ פֿאַרלאָרענע,
איז זי געווען דאַרשטיק און הונגעריק –
דער גייער האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן טאָרבע אַ סקאָרענע,
און איר געפֿרעגט: – צי אויף דער וועלט איז פֿאַראַנען גליק?

– גליק – איז לעבן, נאָר אויך אַ שוחט איז דאָ! – זאָגט די הון – זײַ וויסן!
און ווי אַ שׂכר פֿאַר מײַן חיות, האָט ער אַ דימענט – אַ חלף –
פֿון שטאָל אויסגעשליפֿן;
אלקנה, און דיר וועט מען אין קריג דערשיסן –
דו זעסט, דער טויט שמייכלט, נאַכסאַל מיר האָבן מיט אונדזער
געבורט – אים ניט באַגריפֿן...

אלקנה האָט זיך צעוויינט – און פֿון זײַנע טרערן –
האָט די קלוגע נביאה – די עוף – גענומען זיך דאָס האַרץ דערקוויקן;
און דער וואַנדערער האָט זיך געבעטן בײַ די שטערן –
זיי זאָלן אים אַרויפֿנעמען צו דעם אין־סוף און אים געבן אַ תּיקון...

האָבן די שטערן געענטפֿערט: – דו האָסט אונדז אויסגעטראַכט –
פֿלי אַרויף צו אונדז און ווער אונדזער האַר;
גאָט – אונדזער פֿאָטער – איז געפֿאַלן אין שלאַכט,
און אונדזער מאַמע – די לבֿנה – וויינט אויף איר צער...

דער טרוימער האָט אַ פֿלי געטאָן צום ראָזן האָריזאָנט,
נאָר אַראָפּגעפֿאַלן צוריק און זיך צעקלאַפּט אָן אַ שטיין;
גאָט לעבט אייביק – אלקנה האָט דערקאָנט
אין זײַנע רויטע ווונדן – גאָטס הייסן געוויין...

די שטערן, די ליגנער, האָבן פאַר שאַנד די געזיכטער מיט
כמאַרעס זיך פאַרשטעלט,
און אלקנה האָט דערהערט פון זײַן ברוסט דעם װײנענדיקן קול
פון גאָט:
– מײַן פּאַלאַץ איז ניט דער הימל – דעם גערעכטנס האַרץ –
איז מײַן בורשטינענע געצעלט,
נאָר דער באַלעגוף מאַכט חרובֿ מײַן היכל – מיט זײַן בלאָטיקן טראָט...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאָטס טרערן — די װוּנדן — האָבן אָנגעצונדן דעם װאַנדערערס
גוף — און דער פאַרזשאַרטער
אלקנה איז צום טײַך אַװעק, און אַ בלויאויגיקע כװאַליע
האָט געלעקט זײַנע טריט און געשעפּטשעט צו אים: – אָ, צאַרטער
בחור, זײַ מײַן חתן – און איך װעל זײַן דײַן טרײַע כּלה.

האָט אלקנה געזאָגט: – אָ, ליבע בתולה מײַנע, אײנציקע, געגאַרטע,
זײַ באַגריסט!
איך װיל גײן צו דיר, אָבער די ענגע ערד האָט צוגעשמידט
מײַן ברײטן שפּאַן!
האָט די כװאַליע געפּליסטערט: – מיט דײַן צאָן צערײַס דײַן קײט,
די ערד איז שװאַרץ און װיסט,
אָ, שענק זי ניט דײַן טרער אומזיסט – איך גיב דיר פאַר איר דעם
הימל און דעם זילבערנעם מילכװעג – אין נדן...

האָט אלקנה געזאָגט: – איך װיל גײן צו דיר, אָבער מײַן יוגנט און
בענקשאַפט – די גערטענער מיט רויזן און טולפּאַנען –
האָבן מיך אַרומגעצאַמט מיט גילדענע שטאַכעטן — שטראַלנדיקע
אין דער פרײַען;
האָט די כװאַליע געזונגען: – אײדער דײַנע בלומען זאָלן פון
דײַן ביטערן געװײן פאַרװיאַנען,
פליק זײ בעסער אויס פון האַרץ און צעטרעט זײ איצט – אין
מיטן בליִען!...

האָט אלקנה געזאָגט: — כ׳וויל גיין צו דיר, נאָר די שוואַרצע
פּײַן — די קדושה — אַרומגעקלאַמערט האָט מײַן האַרץ
מיט ראָזע טומאהדיקע אָרעמס — פרייד,
און כ׳האָב מײַן פאַרשטאַנד צעשמעטערט אָן דער האַק — דער
פראַגע: נאַכסאַל בין איך געקומען
אויף דער וועלט, נאַכסאַל?!
האָט די כוואַליע זיך געפּיעשטשעט: — אָ, קום צו מיר, איך וועל
די רעטעניש פון דײַן געבורט מיט מײַן
ליבע — מיט פאַרגעסן — באַשיידן,
קדושה איז צװײבער: לעבן — גליק און פרייד — קאָן פאַרפירן און
פאַרראַטן, אָבער איך, די עצבות — די אייביקייט — קיין מאָל!

האָט אלקנה געזאָגט: — אָ, אייביקייט, איך גיי צו דיר, דאָס הייליק
לעבן איז אַ כּישופדיקער טעות —
די גערעכטע ווילן פאַרריכטן אים מיט גבורה — ברידערלעכקייט,
נאָר די תּלינים — די פּחדנים — פאַרקריפּלען
אים מיט לאָמע תּליות!
האָט די כוואַליע געוויינט: — אָ, גוטער ייִנגל, איידער דײַנע אויגן
זאָלן אויספּיקן די ווילדע קראָעס —
וויל איך בעסער צערטלען דײַנע ווײַסע הענט און קושן דײַנע
הייסע וויִעס...

האָט אלקנה געמורמלט: — מיידל, איך, דײַן יונגלינג, האָב דיך האָלט —
זאָל אונדזער זון כאָטש זײַן דער אויפגייענדיקער
טאָג — דער וועלטס געוויסן —
מיר זײַנען ביידע אַ זיווג — דו ביסט מײַן דימענטענער חלום,
און איך — דײַן וואָר די שאַרע...
ער האָט איר אָנגעטאָן אַ גינגאָלדענעם קדושין־רונג — אַ פאָספאָרנעם
קאַיאָרן־בליאַסק — און פאַר איר אַרויסגעריסן
זײַן נשמה פון לעבנס בייזער לאַפּע — דעם מאָרגנשטערן פון
דער ברוינער כמאַרע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אלקנה האָט אין דער אָליווער ווילדע זיך געטאָן אַ וואָרף אַרײַנעט,
די כוואַליע האָט מיט ווייכע אָרעמס באַלזאַמע אַרומגענומען איר
באַשערטנס גוף — איר זיסן גליענדיקן צער,
און ער — זי — זײַן כליפּענדיקן אמת;
איבער דער פֿאַרליבטער יונגער פּאָרל האָט דער סאָלאָוויי דער בדחן
זיך צעקלאָגט, צעטענהט,
און די מחותּנתטע — די שקיעה — זיי באַשאָטן האָט מיט שטראַלן —
גילדענע בוקעטן פֿרישע כריזאַנטעמעס — — — "

* *
*

דער פֿאַרנאַכט פֿאָרט איבער דער בלויער געגנט,
און יאָגט די וואָלקנס — זײַנע פֿלינקע, ווײַסע פֿערד;
עס טופּען זייערע טריט — עס דונערט און עס רעגנט —
דאָס רעדט דער וועג — און דאָס נוסביימל הערט:

„— אייביק איז נאָר דער הימל און דער באַרג דער באַגראָזטער,
און אייביק בין איך — דער שליאַך פֿון ליים — און ס'איז מיר גוט.
אויך דיר, מײַן אייניקל, איז ווויל, וואָס דו געבאָרן ביסט
אַ בוים אַ פּראָסטער —
און ניט קיין מענטש פֿון פֿלייש און בלוט...

דו, מײַן בחורעץ, אַריבערוואַקסן וועסט דעם חכמס הויכן פֿאַרשטאַנד,
אונטער דיר, אין קבֿר, וועט פֿוילן דעם מענטשנס געביין..."
...שטיל. דער פֿאַרנאַכט, דער פֿריץ, אַדורכגעריטן איז דאָס אָרעמע
לאַנד —
דער שליאַך האָט פֿאַרענדיקט דערציילן זײַן מעשׂה. אָמן.

---

# קאַשמאַר

דורך דער געגנט רײַט דער שוואַרצער רויבער – דער ראָב,
דער טאָג זוכט שוץ אין די ברוינע אויגן פֿון שאָף;
דער דיכטער וויל פֿאַרהיטן די תּפֿילה – זײַן גוטס און האָב –
און פֿאַרשליסט זיך אין זײַן בלויען פּאַלאַץ – דעם שלאָף.

איבער אים דער טויט – אַ שוואַרצער אָדלער – שוועבט,
און אויף דער רויטער רויז – זײַן יוגנט – פּחדים – שפּינען הענגען,
נאָר די טויב – זײַן וואָרקענדיק געזאַנג – זי לעבט
און פֿון זײַן האַרץ – איר נעסט – זי פֿליט אַרויס אַ טרייסט אים ברענגען.

צו דער זון פֿליט דאָס איינזאַמע ליד פֿון פּאָעט,
און דער אָדלער איבער איר האָט אויסגעשפּרייט
די נאַכט – זײַן פֿליגל, נאָר די טויב האָט ניט קיין חטא
און די תּמימות – איר וואָפֿן – צום געראַנגל איז גרייט...

דער אָדלער איז ניט גובֿר זײַן קרבן – און זוכט זײַן רויב,
דעם מולד – זײַן רויטן שנאָבל – שאַרפֿט ער אָן אָן די פּאַזורעס –
די כמאַרעס – – –
און פֿאַרן דיכטער אַ שלעכטן געגרוס עס ברענגט די טויב –
די זון – זײַן שוועסטער — אין געפֿאַר איז...

דער פּאָעט הייבט אויף אין דער הייך זײַן בעריאָזעווון שטעקן
און פֿירט מיט זײַן פֿירער אַזאַ דיאַלאָג:
– בײַ דער ווײַסער טויב אויפֿן האַלדז זײַנען פֿאַראַן רויטע פֿלעקן –
וואָס באַטײַט עס, ליבער חבֿר, שטעקן, זאָג? –

„– אָ, נאַר, דו נאַר, עס ווייס אין פֿעלד דאָס געלע גראָז,
אַז דײַן בלאָנדע שוועסטער איז לונגענקראַנק,
זי האָט דער טויבס פֿליגלען געקושט – און ראָז
איז געוואָרן אויף אייביק דײַן ווײַס געזאַנג...

דײַן שוועסטער שטאַרבט, און דו, בן־אָדם פֿאַרשאָלטענער,
וועסט אין חושכניש בלאָנקען און זוכן זיך אַליין..." –
האָט אַ טרעשטש געטאָן זײַן שטעקן דער צעשפּאָלטענער,
זיך צעבראָכן אויף צווייען און פֿאַרפֿלויגן אין פֿליין...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

... דער הוראַגאַן – דעם דיכטערס גילדענער פֿערד – האָט זיך
אין גאַלאָפּ צעטראָגן —
דער טרוימער וויל אָניאָגן דעם העלזעער און זיך פֿאַר אים אין
דרײַען בויגן:
אויב פֿאַר דעם פּאָעט וועט שוין מער קיין מאָל ניט טאָגן, —
זאָל אים בעסער דער שטעקן אויסשטעכן די אויגן...

אָ, זאָל דער נבֿיא צערײַסן דעם בייזן גזר־דין —
און ס'וועט דער זינגער אַוועקשענקען אים זײַן רײַכטום –
די רויטע שטערן;
און בײַ זײַן בלאָנדער שוועסטער – דער קיניגין –
וועט ער אַ שופֿט איבער מענטשלעכע דאָליעס – אַ סצעפּטער ווערן...

זאָל ער פֿאַרן צו בלינדקייט פֿאַרמשפּטן נע־ונדניק זײַן
אַ גוטער ריכטער –
זאָל ווידער אויפֿגיין פֿאַרן וואַנדערער די זון;
אַ פֿידל איז דאָס האַרץ פֿון דיכטער
און איר יעדער שטראַל – אַ גילדענע סטרון...

דאָס רינענדיקע בלוט פון זײַן קראַנקן פוס – זײַנע נאָטן;
זאָל אויפֿלויכטן די זון און אויף איר שײַן —
וועט ער מיטן סמיטשיקל — דעם לאַנגן, בלויען טאָפּאָל־שאָטן —
זײַן פֿרײַנד — דעם טאָג – מקבל־פּנים זײַן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער דעם שטעקן דעריאָגן האָט ער ניט געקאָנט,
דער דיכטער טרינקט אָן מיט זײַן אָטעם דעם שטורעם, דעם
בולאַן, זײַן טרײַען באַגלייטער;
און ער שטרעקט אויס זײַנע ווײַסע הענט צום האָריזאָנט,
און בויט פֿון זײַן תּפֿילה – צו דער זון אַ לייטער...

ער וויינט: אָ, שוועסטער, קיניגין, דו שטאַרבסט,
ווער וועט דײַן גילדענע קרוין אָנטאָן,
אַז פֿאַר דײַן קראַנקן, פֿאַרשטויסענעם ברודער – דעם האַרבסט –
בויט דער טויט פֿון דער נאַכט אַ שוואַרצן טראָן...

שוועסטער, שוועסטער, דײַן ברודערס פּאַלאַץ – איז דער שלאָף,
זײַן לאַנד — דער קאָשמאַר,
די שלאַנג אויף זײַן קאָפּ — אַ שמאַראַגדענע קרוין אַ גרינע;
אָבער פֿאַר דײַן ברודערס געבורט און פֿײַן דער האָנאָראַר –
ביסטו אַליין – און זײַנע אוצרות – זײַן געפֿיל און נגינה...

שוועסטער, שוועסטער, דײַן ברודער איז דײַן הילף – און דו
ביסט – זײַן געפֿאַר!..
דײַן ברודערס וועלט – איז זײַן טרוים און זײַן גאָט —
דער באַגער...
דײַן ברודער קיניגט איבער זײַן פֿרייד און איז פֿאַרשקלאַפּט בײַ זײַן צער,
אָבער זײַן געזאַנג — איז קעגן טויט דאָס געווער!..

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

פלוצים האָט זיך דער וואַנדערער אַ הייב געטאָן פון היגל –
מיט זײַן ליד – זײַן שוועסטער ראַטעווען וועט ער;
און איבער גילדענע בערג, אויף דער טויבס הייסן פליגל
ער פליט – אָבער עס שמייכלט זײַן גורל – דער פאַררעטער!..

נאָר דערגרייכן דעם הימל האָט אַפילו דער טרוימער ניט קיין
זכיה און רעכט,
ער פאַלט אַראָפּ און וויל זײַן בייזן, פינצטערן גורל אָפּנאַרן —
פון לבֿנה־שטראַלן אַ זילבערנע תּליה־שטריק ער פלעכט —
און הענגט זיך אויף אויף דעם דערלייזערס קאַרעק דעם דאַרן...

ער האָט די פעטליע פאַרצויגן אַרום זײַן גאָרגל
און געמורמלט: אַדיע, אַדיע, אָ, האַרץ – מײַן שיינע וועלט – – –
נאָר מיט אַ מאָל האָט דער קרייץ גענומען קלאָגן אויפן מאָנאַסטיר –
זײַן אָרגל:
– ברודער ליבער, ניט פאַר דיר, נאָר פאַר זיך אַליין האָב איך
די תּליה אויפגעשטעלט...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אָנגעפלויגן איז די טויב, דעם דיכטערס ליד–זײַן טרײַער שומר–
און געבראַכט פאַר אים אַ בריוו – פון זונאויפגאַנג
אַ שטראַל: „– אייביק לעבן וועט די שוועסטער פונעם טרוימער
און באַלויכטן זײַן געזאַנג... – – –"

די טויב – זײַן ווײַסע פרייד – דער טרויער – האָט אים געמוטיקט,
מיט שנעבעלעך – גילדענע פלייטן – געשפילט נאָקטורן...
נאָר דער טויט, דער אָדלער, האָט זײַן האַלדז צעבלוטיקט –
זײַנען אויפן ראָזן בריוו געבליבן רויטע שפּורן...

עס האָט דער בריוו זיך אָנגעצונדן
און פֿאַרברענט זײַן פּעטליע — די זילבערנע לבֿנה־שטראַלן —
ס׳האָבן זיך געלאָשן די שטערן — זײַנע רויטע ווונדן —
און ער איז פֿון קרייץ אַראָפּגעפֿאַלן...
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

*

דער הימל ווערט ווידער בלוי און לויטער,
דער בעל־חלומות האָט זײַן געוויין — דעם דימענט — מיט זײַן פּײַן
אויסגעשליפֿן
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
... פֿון דרימל כאַפּט זיך אויף דער אויטער
און באַלוינט זײַן גורל מיט די טרערן, וואָס פֿון זײַנע זודיקע
אַפּלען טריפֿן...

דער טויט האָט ניט קיין שליטה אויף ליכט און פֿרייד —
אייביק לויכטן וועט די זון — דעם זינגערס שוועסטער,
און די טויב — זײַן געזאַנג — וועט זײַן פֿאַר זײַן לעבן דער באַשייד —
בויען אין זײַן האַרצן אירע נעסטער.

אויף איר פֿליגל רינט אַראָפּ אַ טראָפּן שוויס פֿון זײַן שטערן,
זי פֿליט אַוועק מיט דעם צום פּיאַלעטן האָריזאָנט;
דער מאָרגנשטערן ברענט אין די אָראַנזשעווע ספֿערן —
און דער דיכטער — אַ פּערל פֿון זײַן שוועסטערס קרוין דערקאָנט...

נאָכהער פֿליט די טויב אַריבער דעם שוואַרצן קאָשמאַר —
דעם יאָדלאָוון וואַלד —
און ברענגט אויף אירע פֿליגלען דעם קאַיאָר;
און די זון — זײַן שוועסטערס הייליקע געשטאַלט —
האָט דערזען דער דיכטער אויף דער וואָר.

ער איז געפֿאַלן כּורעים פֿאַר דער בלאָנדער קיניגין,
זי האָט זיך איבער זײַנע אַקסלען אַריבערגעבויגן,
און מיט איר זיסן, רויטן מויל – מיטן באַגין –
זיך אָנגעזעגנט מיט חיות – מיט די טרערן פֿון זײַנע אויגן...

---

# קמץ-אלף — אָ...

## א

אויף זײַן אומעט — דעם ווײנענדיקן קראַנקן האָרן — האָט ווינצענטע,
דער האָרעבאַטער בעל-תּקיעה — אַ בלאָז געטאָן;
און דער שליאַך וועקט פֿון שלאָף די ווײַץ, זײַן געלע דיקע יענטע:
— דער יעסיען — דער יום-הדין קומט אָן! — —

די שטילע שעפּעלעך — די לעצטע טעג פֿון זומער —
דער פּאַסטעך טרײַבט אַרויס אין פֿליען זיך פּיטערן;
און דער קאַזיאַנער גאָסצינעץ דער פֿרומער —
אונטער זײערע טריט נעמט ציטערן...

דער פּאַסטעך וויל אין זײַן ליד די גילדענע ציגן פֿאַרכאָוועןן —
זײ ראַטעווען פֿון שטורעם, וואָס דורך די פֿעלדער רײַט;
ווינצענטע שפּילט אויפֿן פֿײַפֿל — און מיטן ניגון דעם ליליאָוועןן —
לערנט דער שליאַך מיטן נוסביימל ײדישקייט...

נאָר דעם נוסביימל ליגט ניט קײן תּורה אין קעפּל...
און ווײַל דער זײדע וויל אים מאַכן פֿאַר אַ רבֿ — איז דווקא ניין!
פֿון די בלעטעלעך — זײַן פּאה — ער פֿלעכט אויס אַ צעפּל,
כּדי בײַ דער שיקסע, דער קוקאַווקע, צו געפֿינען חן...

דער בעל-תּקיעה האָט נאָך אַ מאָל שופֿר געבלאָזן,
דער שליאַך האָט זיך אונטערן נעפּל — זײַן טלית — באַהאַלטן,
און צו דעם נוסביימעלע וואָס איז צעלאָזן —
געשיקט רופֿן דעם רבין — דעם ווינט דעם אַלטן.

## ב

שטיל איז אין קרישטאָלענעם פּאַלאַץ פֿון ווינט דעם ברוינעם,
דער דיל פֿאַרשפּרייט איז מיט מאָך – אַ פּליושענער, רויטער קאַוויאָר;
דער פֿונדאַמענט איז געבויט פֿון די שאַרבנס פֿון עילוים און גאונים –
אונטערן הויז רוט דער אַלטער, פֿרומער ייִדישער דור.

דער ווינט זיצט אין זײַן גרינעם סאַלאָן — אין דער ביימער־אַליי
און קושט זיך מיט דער סאָווע – איר אייביקע ליבע ער שווערט;
נאָר דער איינזאַמער, קראַנקער נביא — דער סאָלאָוויי –
באַוויינט די מענטשן, וואָס ליגן און פֿוילן אין דר׳ערד.

אין אַליי, אין סאַלאָן, זײַנען באַצירט די מצבֿות – די ווענט –
מיט רבנישע פּאָרטרעטן, אײַנגעפּאַסטע אין שימל —
אין זילבערנע ראַמען;
און אין מאָך – אין זײַן ווייכן פֿאָטעל – זיצט דער ווינט אָנגעלענט
און טרינקט בלויען שאַמפּאַניער — די טרער פֿון אַ מאַמען.

איבער אַ פֿרישן, ליימיקן קבֿר – זײַן גילדענעם טיש דעם געגרייטן–
זײַן מאָלצײַט — פּעטע לאָקשן — ווערעם — ער פֿרעסט;
אָבער ער הערט ניט די עלעגיעס פֿון די פֿידלען און די ברילי‌אַנטענע
יזכּור־פּלייטן –
די יללות פֿון די יתומות, וואָס קומען אויף קבֿר־אָבֿות צו געסט.

## ג

אויפֿן בית־עולם, בײַם געוויטער אין מאַיאָנטעק, אין אַ פֿיאָלעטן
אַלקער, ווײנט אַן אַלטער,
הויקערדיקער בלינדער פֿישער, אַ פֿאַרשטעלטער, אַ געהיימער
מוזיקאַנט,
זײַן שוואַרצן פּנים – אונטער זײַן גינגאָלדענער מאַסקע – דער זון–
באַהאַלט ער –
און אויף דער ווערבע – זײַן גרינער לירע – שפּילט ער איכה־
ניגונים מיט אַ וויאָלער האַנט...

פֿאַזע בית=עלמין אַ טײַך פֿליסט, און פֿון די קבֿרים – די
פֿינצטערע נעכט –
גראָבט אויס דער פֿישער די פֿאַרנאַכטן – די יונג פֿאַרשניטענע כּלות ;
פֿון זייערע טרויעריקע לאָקן – די פֿעדער=וואָלקנס – זײַדענע נעצן
ער פֿלעכט,
און שווימט אַרויס קאַיאָר אויף זייער מאַמעס – דער ערדס געוויין –
די סאַפֿירענע כוואַליעס.

דער טײַך לעבן בית=עלמין איז טיף און שמאַראַגדיק=גרין,
און מיט זײַן בורשטין=ביינענעם סצעפּטער – אַ דערטרונקענעם
קינד – עס שפּילט דער קייזער –
דער טויט – אויף דער לאָדקע – זײַן פֿאָספֿאָרנער טובערקולאָזער
מאַנדאָלין –
און עס ברומט אונטער אַ גמרא=ניגון דער אַלטער ווינט דער בייזער.

ד

דער געוויטער האָט פֿאַרלאָזן זײַן שלאָס – דאָס הייליקע אָרט –
און איז געקומען צום נוסביימל – ייִדישקייט לערנען ער וויל אים ;
און דער שליאַך גלעט זיך די גראָזן – זײַן געלע באָרד –
און מיט דער סטאַדעס דורכגייענדיקע טריט – זאָגט ער תּהילים.

דער טראַקט האָט דעם פּרימאָראָזעק – זײַן ווײַסן קיטל –
איבערן שטיין – זײַן גרויען קאָפּ – אַריבערגעדרייט,
און דאָס נוסביימעלע האָט אָנשטאָט אַ היטל –
פֿאַרדעקט זײַן קעפּעלע מיט דער מאַמעס קלייד.

דער געוויטער, דער בייזער מלמד, דער כּעסן,
האָט גענומען דרייען דעם ביימעלעס הענטעלעך – די וויטשעס,
אים אָנגעטאָן אַ וואָלקנדל – אַן אַרבע=כּנפֿות אַ ווײַסן –
און באַפֿוילן אים קושן די גילדענע שטערנדלעך – ציצית...

דער רבי האָט אַ ריס געטאָן זײַן תּלמידלס געלע טשופּרינקע,
אים געהייסן אָנטאָן אויף די פּיס שטיוועלעך – שוואָמען –
און מיטן דראָבנעם רעגנדל – זײַן שוואַרצער שאַרפער טשופּלינקע —
גענומען קאַטעווען דאָס שטאַמל – דעם ביימעלעס גוף דעם לאָמען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווינצענטע בלאָזט צום לעצטן מאָל שופר אין זײַן האָרן – תּקיעה גדולה:
– עס קומט אָן דער יעסיען – דער גרויסער יום=הדין, אָ ווײ
צו די מלשינים!..
... מיט אַ פּלעדערמויז פֿאַרדעקט זיך דאָס נוסביימל זײַן קעפּעלע
דאָס הוילע –
נאָר דער געוויטער האָט דעם חדר=יונגס ספר – פֿאַרגעסן אין זײַן
פּאַלאַץ דעם גרינעם.

עס רוישט דער טײַך – דער שטעטלס, דער בלודנער יתומהס געוויין –
און דער אַלטער ווינט לויפֿט צוריק צום בית=עולם און מיט זײַן
כּלי=זין – דעם טשוהונענעם אַרצענעם באַס –
ער פּליקט דאָרט אַרויס אַ יונגע מצבֿה פֿון מירמלשטיין —
פֿאַרן ביימל, זײַן תּלמיד – אַ שפּאָגל=נײַעם כליפּענדיקן ראשית=דעת...

דער געוויטער גיט אַ פּאַטש אויפֿן געשליפֿענעם זילבערנעם זײַטל –
(און דער כּביכול דערזעט
ווי ס'נעמען זײַנע קראַנקע נר=תּמידס – די גינגאָלדענע אותיותלעך –
בלאַנקען);
דער וויכער טעסעט אויס צום סידור אַ דעמבענעם ברוינעם
טײַטל — אַ קנאָכנברעט –
אַ ריפּ – פֿון בית=עלמינס עצבֿותדיקן קדיש און שומר – דעם
צעבראָכענעם פּלאַנקען.

... און ווען ס'קומט צו גיין אויף קבֿר=אָבֿות אַ יתום, אַ בידנער אָבֿל,
דערציילט אים די רעגנדיקע חשוון=נאַכט – די אַלטע, בייזע
בלינדע קראָ –
אַז אויף זײַן טאַטנס – דעם בלאָנדן דימענטענעם אייר'ס – דעם
בר=מיננס טאָוול —
לערנט דער ווינט – אויפֿן שליאַך – מיטן ביימעלע קמץ=אַלף – אָ...

דאָס יתומל פֿאַלט אויפֿן קבֿר אַנידער און בײַסט זיך די גלידער,
און פֿון זײַן בלוט – אַ מצבֿה ער קריצט אויס אין די זאַמדן;
... נאָר דאָס נוסביימעלע וויגט זיך איבערן הייליקן סידור –
און ס'חזרט אײַן מיט אים דעם אַלף־בית דער געוויטער, דער למדן...

דאָס ביימעלע שאָקלט זיך איבער די ביתן און גימלען,
דער ווינט פֿאַרטײַטשט אים די תּורה מיט אַ ניגון פֿון טראָפּ;
און צוויי ווײַסע טויבן – מלאכים – שוועבן אַראָפּ פֿון די הימלען
און וואָרקען – זאָגן שירה איבערן חדר־יונגס קאָפּ...

דאָס ביימעלע ציטערט – באַנעמט ניט וואָס אַ „הא" איז,
און פֿון דעם ברילִיאַנטענעם זונאויפֿגאַנג
פֿאַלן אויפֿן סידורל פֿונקען, שטראַלן – גילדענע מטבעות –
דאָס וואַרפֿן די מלאכים פֿאַרן קינד אַ געשאַנק...
— — — — — — — — — — — — — — — —

## ה

לעבן בית־עולם אַ טײַך פֿליסט, דאָרט פֿאַלן מענטשלעכע נשמות – די שטערן
(אפֿשר איז דער וואַסער דעם יתומלס זודיקער בלויער געוויין?) –
נאָר דאָס גרין ביימעלע באַגרײַפֿט ניט אַפֿילו אַ בשׂר־ודמס הייסע – טרערן –
און יידישע תּפֿילות זײַנען נאָך טיפֿער פֿון טרערן — און גאָט קאָן זיי אויך ניט פֿאַרשטיין...

דער געוויטער וויל זײַן תּלמידל די רעטעניש פֿון יידישקייט באַשיידן –
ער דרייט אויס אַ פֿייגלשע נעסטל – זײַן פּוכיקן אויער,
און פֿאַר דעם גאָסצינעץ, זײַן אַלטיטשקן טרײַען זיידן –
ער פֿאַרמסרט, אַז דאָס נוסביימל איז אַ פּויער.

– לערן זיך, לערן זיך! – ברומט דער נערוועזער מלמד
און גיט מיטן סידור אין חדר־יונגס קאָפּ אַ טראַך,
און די פּלעדערמויז – זײַן יאַרמלקע וואָס איז פון סאַמעט –
אַ טויטע פאַלט אַראָפּ אויפן שליאַך...

דאָס ביימעלע ליגט אונטערן קולאַק פון זײַן רבין, און ס'לויפט
פאַרבײַ אים
אַ קרעטל און זאָגט אים אונטער: – קמץ־בית מאַכט – באָ...
נאָר דער געוויטער האָט פאַר רציחה דעם סידור אַ שלײַדער געגעבן
איבער דעם בית־החיים,
און אים דערטרונקען אין טײַך, וואָס האָט ניט קיין דנאָ...

עס האָבן דעם סידור פאַרשלונגען די וועלן – און דער אָבל,
דער יתום – טוט צו זײַן טאַטנס מצבֿה – פון באַרג אין טײַך אַ שפּרונג...
נאָכן אומגעקומענעם וועט קיינער ניט שטעלן קיין טאָוול –
און ווו וועט איצט נעמען אַ ראשית־דעת אונדזער חדר־יונג? – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – –

נאָכן יתומלס טויט האָט דער טײַך זיך צעברויזט פאַר צאָרן,
אַרויס פון געלעגער און פאַרגאָסן באַרג און פליין;
און די גויִשע ברויטן – די גילדענע פעלדער מיט קאָרן –
טרינקען זיך אין יידישן הייסן געוויין...

דער טײַך איז אַרויס פון די ברעגעס, פאַרפלייצט די געגנט,
פון אים גייט אויף די לבֿנה – דער קאָפּ פון דערטרונקענעם קינד;
נוסביימל, צוליב דיר האָט אַ מענטש מיט דער וועלט זיך געזעגנט,
טאָ קוש זײַנע אויגן – די שטערן, וואָס שפּיגלען אין וואַסער זיך
אָפּ אַצינד!...

ו

לעבן בית־עולם דער טײַך איז פּיאַלעט און רויט,
און מיט זײַן סמיטשיקל — דער לאַנגער ווענדע —
אויפֿן שיפֿל – זײַן פֿידל – שפּילט דער טויט
וועגן דערטרונקענעם קינד אַ לעגענדע...

דאָס נוסביימעלע איז אַ באַדיונג און אַ גרויסער שטיפֿער —
ער וויל קיין ייִד ניט זײַן און וועט קיין מאָל ניט באַגרײַפֿן די פּרקי־אָבֿות;
און אויף דער נעץ – זײַן האַרפֿע – שפּילט דער אַלטער, בלינדער שיפֿער
פֿאַרן יתום אַ שלאָפֿליד און וויגט אים אײַן מיט די קלאָגערײַען פֿון די סאָוועס.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מאַמע געקלאָגט האָט נאָך איר אבֿן־טובֿ און אים געלאָזט געריסן
דורך דעם טויט, וואָס האָט מיט אַ פּאָגראָם געהייסן די אַלמנה קעפּן;
איר מצבֿה האָט דער געוויטער, דער רבֿ, אויסגעריסן —
און פֿאַר זײַן תּלמיד אַ מתּנה – אַ נײַעם סידורל געבראַכט צו שלעפּן.

לעבן בית־עלמין דער טײַך איז פּאַלירט און גאָלדיק־ראָז,
און אויף דעם אָלכאָוון פּליט — זײַן ברוינעם וויאָלאָנטשעל —
עס גיט אַ ברום
און שפּילט אויס אַ טריִומף־ליד דער טויט, דער שוואַרצער ווירטואָז...
און דער געוויטער לערנט דעם נוסביימל: והנחש היה ערום – – –
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

## ז

אַ שוועסטער וויינט נאָך איר דערטרונקענעם ברודער,
אירע יללות דערהערט האָט דער טויט — איר באַשערטער;
און אויפֿן פֿאַראָם – זײַן באַנדורע – מיטן סמיק דעם רודער –
שפּילט ער אַ ראָמאַנס פֿאַר זײַן מויד דער באַגערטער:

— אָ, וויין ניט וואָס די טויערן פֿון לעבן זײַנען פֿאַר דיר
צוגעשלאָסן, טײַערע פּרינצעסין,
אָבער אָפֿן איז דער פּאַלאַץ דער קרישטאָלענער – דער דענקמאָל
וואָס איך האָב געשטעלט נאָך אים —
דעם לעבן. דאָס אומרעכט פֿון דער וועלט – דײַן וויטאָג איז,
אָבער איך בין דאָס פֿאַרגעסן,
איך, דײַן חתן, בין דער מלך איבער אַלע מלכים!

גיב מיר אַ מתנה דײַן האַרץ – די רויטע רויז די פֿרישע –
און איך וועל דיר אָפּגעבן די וועלפֿישע ציינער – מײַנע
בייניקע טראָגנען...
איך וועל דיר שענקען אַ זאַמדיקע הייל — אַ זילבערנע הויז —
אָ, ליבע אשה,
כ׳וועל באַצירן דײַן ברוסט מיט ווערעם – מעדאַליאָנען.

כ׳וועל דיר שענקען אַ יאָזש–אַ קרוין, אַ יאַשטשערקע–אַ בראַנזאָלעט,
כ׳וועל דיר שענקען אַ פּערלשנור – אַ גרינע שלאַנג,
כ׳וועל דיר שענקען אַ קבֿר – אַ גילדענע בעט,
כ׳וועל דיר שענקען די אייביקייט – דאָס גרעסטע געשאַנק!..

אָ, וויין ניט, געליבטע, איך בין דײַן טרייסט און דו ביסט מײַן פּײַן..
דאָס גוטס איז ניט מער ווי דער ראָזעווער פֿאַרלאַנג און דאָס
בלויע האָפֿן...
דאָס זײַן – איז אַ בעכער זיסער, בשׂמימדיקער רויטער ווײַן –
אָבער נאָך זיסער איז דאָס ניט זײַן – אין מײַנע בראָנזענע
אָרעמס אײַנצושלאָפֿן...

דאָס מיידל קלאָגט, אָבער עס זינגט דער טויבער, תשרידיקער טײַך,
דער שיפֿער שפּילט אויף דער לײַווע–זײַן קאַלטער קראַנקער מאַנדאָלינע:
– בתולה אָרעמע, כ׳וועל שענקען דיר די ליכטיקייט – מײַן קיניגרײַך,
דו וועסט ווערן די מלכּה איבער גערעכטיקייט און פֿרידן —
מײַן מדינה...

אָ, קינד, דאָס גליק איז קלענער פֿון פּורפּורנעם באַגער און
פּיאָלעטן תּאוותדיקן ווילן,
די ווײַסע כּישופֿדיקע פֿרייד איז פֿאַרמאַסקירטער שוואַרצער צער,
דאָס וווּנדיקע לעבן ווערט ניט געהיילט פֿון קיין באַלזאַמע צילן –
איך בין די איינציקע הילף קעגן געבורט – דער גרעסטער געפֿאַר!.

אָ, קינד, דעם מענטשנס שׂכל איז קעגן מיר ניט קיין געווער,
דעם שׂכר פֿאַרן געבורט און מיך צו באַגרײַפֿן – ווײל איך דײַן
פֿאַרשטאַנד און זינען...
איך בין שטאַרקער פֿאַרן ווילן, פֿאַר דער בענקשאַפֿט און באַגער –
אָ, קום צו מיר – אין מײַן שויס – וועסטו זיך אַליין געפֿינען!..

אָ, קינד, איך בין גרעסער פֿון דער ערד – מײַן אייגענעם
אײַזערנעם נאָמען –
איך – דאָס ליימיק פֿעלד – בין אמת און דאָס גרינס – איז
אויסגעטראַכט,
דאָס חיות – איז אַ ווײַסע שיף, נאָר איך – דער דנאָ פֿון די
חלומות – בלויע תּהומען,
אָן מיר איז ניטאָ קיין לעבן – טאָג איז, ווײַל פֿאַראַן איז נאַכט! – –

די טונקעלע וועגן צום לעבן זײַנען – געוויין און זינד, אָבער
די ליבע – איז דער העלער
גילדענער שליאַך – צו מיר. אָ, שיינע כּלה, קום אין מײַנע גרינע
מירמלשלעסער –
פֿליסטערט און קײַכט דער געוויסער – איר האָרעבאַטער חתן
דער געלער– – –
און דאָס מיידל זיפֿצט און נעמט אין האַנט איר באַשערטנס
צאַרטן פֿינגערל – דעם מעסער – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

* * *

די כּלה – האָט איר חתן ניט באַגריפֿן, נאָר אים באַלוינט – זי
אַראָפּ פֿון זין איז –
און אויף איר מאַמעס קבֿר — דעם גאָרגל זיך איבערגעשניטן;
פֿון אירע בלוטן זײַנען אַרויסגעוואַקסן די רויטע געאָרגיניעס,
און איר חופּה־קלייד – זײַנען פֿון קאַרשנסאָד די בליטן...

דער יתומהס אײַנגעהויקערטער גוף איז דאָס יידישע שטעטל,
פֿון איר געוויין האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿאַר די בהמות די פּאַשע;
און פֿון זײַן סידורל – איר פֿראָסטער הילצערנער מצבֿה־ברעטל –
האָט דאָס נוסביימל – זיך אויסגעלערנט חומש און רשי...

# דער שליאך קלאָגט נאָך זיַינע
# וויַיבער — דער ווייץ און דעם קאָרן

## א

די תּבֿואה האָבן די רוצחים — די דאָרפֿסליַיט — פֿאַרטיליקט,
דער וועג האָט באַגלייט זי צו דער אייביקער רו. נאָך איר
גילדענער מיטה —
דער אָביקער שקיעה — האָט אויך נאָכגיין באַווייליקט —
דער מלך האַרבסט, באַגלייט פֿון די קראָען — זיַין סוויטע.

פֿאָרויס – האָט אַ ברוינע שקאַפּע – אַ כמאַרע – געשלעפּט דעם
טאָג – דעם וואָגן,
און די מלאך־המוותטע – די דעמערונג – האָט אויפֿן קאַרעק
דעם זילבערנעם סערפּ – די פֿערטל לבֿנה געטראָגן –
און געפֿירט איר קרבן באַהאַלטן אין פֿאָלוואַרעק...

פֿון רעכטס איז געפֿלויגן דער תּהילים־זאָגער — דער וואָראָביי;
דער קבֿרן – דער פּיקהאָלץ און אַפֿילו די שוואַלבן – די גאָנעס,
און אויך די גוטע מלאכים – די וויַיסע טיַיבעלעך צוויי –
האָבן געשוועבט אָפּגעבן דעם לעצטן כּבֿוד דער ווייץ – דער צדקניות...

אַ ניגון פֿון פֿאַסטעכס פֿיַיפֿל האָט זיך געטראָגן פֿון טאָל —
דאָס האָט דער אָוונט — דער שטילער וויַיסרוס — פֿאַרטיַיעט זיַין
קאָפּ אונטערן נעפּל – זיַין רובאַכע פֿון לייַן –
און נאָך זיַין געליבטער, דער תּבֿואה, געכליפּעט אויפֿן קול
און מיט אַ וואָלקן זיך געווישט די טרערן — די מערבֿ־שייַן.

מ׳האָט געבראַכט די ווייץ צום מאַיאַנטעק, דעם גרינעם בית־עלמין,
דער וועג האָט אויך דאָרטן געפֿונען אַ טויטע דעם קאָרן – זײַן גויע,
און דאָס ווינטל האָט געקלאָגט, געזאָגט נאָך איר פּסאַלמען
און געקושט די קאָרנבלומען – אירע אויגן די בלויע.

אָבער צו דעם שפּײַכלער – צו דער טהרה־שטוב –
האָט מען דעם וועג ניט צוגעלאָזן נאָענט – ער האָט געשטיקט
זײַן ווייטאָג אין האַרץ – די שלאַנג אין גרוב –
און די שישקעס – זײַן קאָלטענעוואַטע באָרד – פֿאַר צער זיך געפּליקט.

דער שליאַך האָט די סטעזשקעלע – זײַן האַנט די לאָמע –
אויסגעצויגן אין דער קרום און געוואָלט דערלאַנגען
צום שײַער – ווו ס׳ליגט זײַן האַרץ און נחמה –
און כאָטש גלעטן אירע בלאָנדע האָר – די זאַנגען.

נאָר זײַן ציטערנדיקע האַנט האָט ניט דערגרייכט צו דער גומנע,
אין וועלכער די תּבֿואה־גאַרבן פֿונאַנדערגענומען האָט דער
קאַסאָקער, טויבער מילטע;
און פֿון די לוזשעס – דעם וועגס גרינע אויגן די סומנע –
האָבן זיך געגאָסן ריטשקעלעך, טריבע טרערן – פֿון דעם
שטערנליכט – זײַן פּײַן – באַגילדטע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די פּאַרעבקעס זײַנען חבֿרה־קדישא געוואָרן, זיך פֿאַרגעסן אָן קרייץ,
און מטהר געווען דעם מת – די סנאָפּעס – מיט הייליקע צעפּעס געהאַקט
און געזונגען – אל־מלא־רחמים געמאַכט נאָך דער אשה, מרת ווייץ,
און מיטן ווידערקול – האָט זיי אָמן געענטפֿערט דער טראַקט...

דער וואָראָביי האָט געפּישטשעט – געבעטן בײַ דער תּבֿואה מחילה,
די טויבן – געוואָרקעט – געטרייסט דעם אָבֿל, וואָס פֿאַרבליבן איז שפּל
(אַ פּאַרעבאָק האָט אַרויסגעטריבן פֿון שטאַל די קאָבילע
אויף אויסצואַקערן דעם גאָרטן און אויסגראָבן די קאַרטאָפּל).

ווען איבערן וועג איז אַריבערגעגאַנגען די בלינדע שקאַפּע,
און מיטן אַקער – זײַן מעסער, האָט דער שמש – דער פּויער –
געריסן קריעה אין זאַמד – בײַם שליאַך אין קליאַפּע –
האָבן די גראָזן – די האָר בײַם אָבל – זיך געשטעלט קאַפּויער.

פֿון באַרג האָט אַ שווערער קאָרטש זיך אַ קײַקל געטאָן
אין טאָל, זיך פֿאַרטשעפּעט אָן אַ גרויען שטיין – און סטאָפּ! –
דאָס האָט דער גאָסצינעץ מיט זײַן האַרטן דאַלאָן –
פֿאַר יאוש – אַ כמאַל געגעבן זיך אין פֿליכצוואַטן קאָפּ...

## ב

די ערלים האָבן דער תּבֿואה געטאָן איר רעכט – זי באַהאַלטן
אין קלייט,
דעם לעצטן זכר פֿון איר גוף–די קערנער–האָבן אויסגעפּיקט די הינער,
נאָר דער שליאַך געוויינט האָט גאַנצע נעכט אויף דער קרענעצע –
זײַן זילבערנער פֿלייט –
ביז פֿון זײַנע טרערן האָט פֿליסן גענומען אַ סטאַוו אַ גרינער.

ער האָט אויך באַקלאָגט זײַן ערשטע ווײַבל – דעם קאָרן, די פּאָנקע,
וואָס די הענט ניט געוואָשן האָט אַנומלט צוגענומען פֿון דער וועלט;
און פֿון שליאַכס געוויין איז אַ ברייטע אָזיערע געוואָרן און
פֿאַרפֿלייצט די לאָנקע,
און צוגעדעקט די ניט פֿאַרבעטע בעט פֿון בר־מינן –
דאָס צעאַקערטע פֿעלד..

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

... די תּבֿואה פֿאַרבונדן אין זעק האָבן די גויִים – און געטומען שפּאַנען
די פֿערד, געוואָלט פֿירן די ווייץ און קאָרן צום מילנער ר׳ נח
דעם אַלטן;
נאָר דער טײַך האָט זיי פֿאַרשטעלט – דאָס האָט דער וועג די
רשעים, די טיראַנען
באַוויזן, אַז אין זײַן צער – ליגט אויך זײַן כּוח באַהאַלטן...

האָבן די כלאָפּעס איבערן פֿאַרפֿלייצטן פֿליין געלייגט אַ בריק –
און וואַניע
געפּרוּווט אַריבערשלעפּן האָט די תּבֿואה – נאָר דער חסר־דעה –
דער טראַקט – האָט איבער זײַן ווײַב געוואַכט –
ער האָט אַ רייץ טאָן זיך געוואָלט מיט זײַנע פּײַניקער –
און זייער האָרעוואַניע
פֿאַרטראָגן אַזש צו דער ווילצע און פֿון דעם אַ תּל געמאַכט!..

האָבן די כיטרינקע פּײַערימלעך אויסגעבויט אַ פּאַראָם
און בשלום אַריבערגעשוומען דעם שליאַכס טיפֿן געוויין;
אָבער דער עלנט פֿון פּראָסטן ליים וועט דעריאָגן דעם בשׂר־ודם –
און פֿאַרוואַנדלען אין שטויב זײַן האַרץ און געביין!..

(די לאָנקע שלינגט אײַן די האַנט, וואָס האָט פֿאַר איר אַ קאָסע
אויסגעשליפֿן...
גאָט פֿאַרנעמט די תּפֿילה פֿון דעם שטומען גרעזעלע און
שפּלדיקן בלימל,
אָבער דעם געשריי פֿונעם בעל־חי – האָט ער נאָך ניט באַגריפֿן,
ניט באַנומען דעם חכמס חכמה – וואָס רוישט אונטערן הימל...)

עס האָט געיאָמערט און געוואָיעט דער פֿאַריתומטער גאָסצינעץ
(אָ, מיקיטע, פֿאַרשיפֿור דײַן צער – דער ערדס ביטערן געוויין
פֿאַרזוך, פֿאַרזוך!..)

ס׳האָט זײַן פּײַן און עצבֿות אין מילנערס הויף געטאָן אַ גאָס, אַ זעץ,
פֿאַרטרונקען די מיל און די מאַשינעס צעשמעטערט אויף ברוך!..
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָבן די קריסטן זייער בריליאַנטענע פֿרייד — די קערנער — אויף
דער זיאָרנע — זייער גרויען צול — צעמאָלן,
אָבער ראַפּטעם איז די מגפֿה — אַ גרויסע רויטע וועל — אַרויס
פֿון איר קאָרעטע —
און פֿאַרפּליוכעט די פֿעלדער, די פּאַסיעקעס, די גערטענער און
די טאָלן —
און דערטרונקען די רעשעטעס מיט מעל — דאָס אָרעם גליק פֿון
די שאַרע דערפֿער די פֿאַרמאָרעטע.

דער טײַך — די נויט — פֿאַרשוועקט האָט דעם מענטשנס זינד...
ס׳האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ דער גרויער הונגער — מיכאַלקע —
און געפּליסטערט צום וועג: — גיב מיר אָפּ דאָס ברויט פֿאַר מײַן
הויזגעזינד —
וועט צוריק געבאָרן ווערן די יפֿת־תּואַר, דײַן טרײַע מלכּה.

...נאָר מיט אַ מאָל האָבן די ווײַסע טויבן — דאָס מלאכים־פּאָרל —
אַ שוועב געטאָן איבערן שליאַך —
דעם וויסטן שטומען אָבֿל — און צעוואָרקעט זיך, געעצהט אים
בזה הלשון:
— דײַן טרער באַשיצן זאָל דיר פֿון מענטשנס כּלי־זין — די
קלינגעדיקע שפּראַך —
אַ משכּון נעם בײַם ערל פֿאַר דער ווייץ — דײַן געליבטער —
וואָס ער האָט צעדראָשן...

דער שליח, דער בוטשאַן, האָט אויסגעשפּרייט צום דאָרף די פליגל,
מיטן שנאָבל אין אַ פענצטער פון אַ כאַטקעלע געגומען טראַסקען,
ברעכן – און אַרויסגעכאַפּט מיכאַלקעס ווייגענדיקן קינד פון וויגל –
און עס געבראַכט צו שלעפן צום אַלמן – פאַר אַ משכון...

דאַן איז אַרויסגעגאַנגען אין פעלד דער אַלטער פאָניע
און זײַן האָפן – די לעצטע הויפנס קערנדלעך – אין אָבלס האַרץ –
אין דר׳ערד פאַרזייט;
מיטן פאָדעם – דער זריעה – און מיט זײַן נאָדל – דער בראָנע –
האָט ער די גריבלעך – די קריעה – אין שליאַכס קליאַפּע פאַרנייט...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דעמאָלט איז מיטן דאָרפסמאַן דער גרויסער נס געשען:
ווען ער איז געגאַנגען פון פעלד – און אויפן דאָרנבוים געוואָלט
פאַרוואַרפן אַ שטריק...
האָט ער פּלוצים אויף דער סטעזשקעלע – בײַם שליאַך אויף
דער האַנט – דערזען
אַן אוצר – זײַן פאַרלאָרענעם גליק...

פאַרן הונט–זײַן טרײַען שומר–האָט דער פאַרעבאָק–דער סיוועד דלות–
אַ באַל געפּראַוועט און טרערן פון שמחה – געוועזן איז זײַן פאַכמיצל,
ווײַל פון זײַן טיפן צער – די פּיאָלעטע כוואַליעס –
אַרויסגעשווומען איז זײַן טרייסט – די טאָרבעצקע מיט גאָלדענע
מעל...

דער וועג האָט דעם גוי אָפּגעגעבן די תבואה כפל־כפלים,
און אײַנגעשטילט האָט זיך דער געוויסער – דעם אַלמנס געוויין –
זײַן צער און צאָרן,
ווײַל אויך דער סאָלאָוויי האָט נבואה געזאָגט, אַז צום יאָר דעם נײַעם –
וועט ווידער אויפשטיין תחית־המתים זײַן ערשטע ווײַב – דער
קאָרן...

* * *

אַזוי איז פֿאַרשניטן געוואָרן די תּבֿואה – און באַסטאַ!
דער מחבר האָט איר מספּיד געווען – די ראָסע איז זײַן געוויין,
נאָך צוריקגייענדיק פֿון איר לוויה, האָט ער פֿאַרלאָרן זײַנס
א פֿאַרפֿאַסטע
ליד – אַ בקשה צו אים, ר׳ גאָסטינעץ אַליין...

ער האָט די ווייץ באַגלייט ביזקל דאָרף, און פּלוצים –
געפֿונען אויפֿן שליאַך אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן קינד, אַ סיעדון;
דער שרײַבער האָט זײַנע כּתבֿים צעוואָרפֿן, געבנדיק שוץ אים,
און זײַן ליד האָט דער יונגער ווינט פֿאַרטראָגן צו דער זון...

אָבער דער זונאויפֿגאַנג, דער גילדענער און רויטער,
איז נאָך פֿאַרן דיכטער ניט אויפֿגעגאַנגען – און ער הערט,
ווי די שטערן סודען זיך: – דאָס געזאַנג פֿון אויטער
וועט לעבן – כאָטש זײַנע ביינער וועלן פֿוילן אין דר׳ערד!..

# דעם דיכטערס בקשה צום שליאַך

דעם שימל – זײַן צעפּליקטע, פֿאַרטרערטע רובאַכע די געלע –
האָט צוריק אָנגעטאָן דער בלאָנדער נביא, דער בעטלער דער
פֿאַרשטעלטער ;
דער וועג דרימלט. אָנגעלענט אויף זײַן קלומיקל – דער יעדנאָסעליע –
זיצט ער שבֿעה נאָך דער תּבֿואה און דאגהט וואָס ער איז געבליבן
אַליין אויף דער עלטער...

ס'קומט צו לויפֿן דער משרת – דער ווינט דער לינדער –
מנחם אָבֿל זײַן דעם גאָסצינעץ, זײַן אַלטן באַלעבאָס
(און דער קרייץ טוט אויס דעם מאָך – זײַן יום־טובֿדיקן גרינעם
צילינדער –
און נעמט אין האַנט דעם וואָלקן – דעם זילבערנעם כּוס.

די פֿרומע ווערבעלע טוט תּפֿילה – די נאַכטיגאַל טרעלט:
„– דאָס קאָרנפֿעלד – די מאַמע פֿון די אָרעמע – איז מער ניטאָ..."
... און די שקיעה – די פּײַן פֿון דער זינדיקער וועלט –
דער מאַרטירער טרינקט אויס ביזן דנאָ!..)

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'רוישט אַן אויטאָ – דער וויסטער וועג גיט פֿון דרימל זיך אַ טשוכע,
און אויפֿן שוואַרצן תּבֿואה־פֿעלד דעם אָפּגעשאָרענעם –
ער נישטערט די ווייץ... פֿאַרגעסט, אַז זי ליגט שוין לאַנג אין
איר מנוחה...
נאָר ער געפֿינט בלויז דעם דיכטערס כּתבֿ־יד דעם פֿאַרלאָרענעם.

אין פֿאַרגעלטן, צעפֿליקטן כּתבֿ־יד שטייט געשריבן אַזוי אומגעפֿער
(דאָס ווינטל לייענט עס איבערן שטיין – זײַן האַר אויפֿן אויער):
„– דעם וועג וויל קומען געוואָר ווערן זיין ברודער – דער
וואָרניאַנער שאָסיי, דער אַלטער קאַוואַליער,
נאָר ער קאָן ניט אַנטלויפֿן פֿון קאַטלוווקער וואַלד – זײַן
שוואַרצן טרויער.

און דעם אָבֿלס שוועסטער – די גאָס, די דיקע מויד, די פּראַצעוויטע
שפֿחה – שיקט דורך די טעלעגראַף־דראָטן פֿאַר אים אַ טעלעגראַמע:
– זי באַוויינט דער שוועגערינס טויט, באַדויערט וואָס זי האָט
ניט באַגלייט איר מיטה...
און דעם שליאַך לאָזט געריסן די שטאָט – זײַן מאַמע...

מיטן באַנסיגנאַל וואָיעט זײַן מחותּנתטע – די בידנע, שטומע
יתומהלע – קיענע...
און פֿאַר בענקשאַפֿט נאָך דער תּבֿואה – האָט געפּרוווט נעמען
זיך דאָס לעבן זײַן שכן – דער פֿאַרנאַכט –
און זײַן געליימטע מומע – קאַזיאַן – קלאָגט איבערן מאַרקפּלאַץ –
איר גרויער צאינה וראינה
און דאגהט אויף דעם גאָסציגעצס צער, ניט פֿאַר קיינעם געדאַכט...

נאָר דעם שליאַכס זיידע – דער הינקעדיקער, טויבלעכער דין – מיאָר –
און זײַן סיווע, בלינדע באָבע – די קלוגע רביצין – דרויע –
שיקן אַרויס זייערע שלוחים – די האָזן – צו טרייסטן דעם
אייניקל, אַז צום נײַעם יאָר –
וועט אויך אויפֿשטיין תּחית־המתים, מירצעשעם, זײַן צווייטע
ווײַב – די ווייך די צנועה...

דער שליאַך וועט לכּבֿוד זײַנע בלאָנדע פֿלוניתטעס מאַכן אַ ביבע,
טרינקען די מזרח־שײַן – דעם פֿאַטעקדיקן רויטן פּונטש – – –
– – – – – – – – – – – – – – – – – –
און זײַן ערשטער באַזינגער, וואָס פֿירט מיט דער אייביקייט אַ ליבע,
וויל, אַז דער טראַקט – זײַן פֿירער – זאָל דערפֿילן זײַן בקשה און ווונטש:

דעם דיכטערס בלײַער – איז זײַן סצעפּטער, זײַן קיניגרײַך –
דער אָדלערדיקער בלויער טרוים.
נאָר דער שטײן צו קאָפּנס – זײַן קאַליקע, האַרטע בייזע וואָר;
זאָל דער וועג אים אַוועקפֿירן צו זײַן ציל – דעם מירמלנעם הימלזוים –
און ברענגען אים צו זײַן קרישטאָלענעם פּאַלאַץ – דעם קאַיאָר.

קראַנקע בלינדע בעטלער זײַנען דעם זינגערס גרויע טעג,
נאָר ער – דער אָוונט – איז אַ מלך איבער פֿייגל און לבֿנה=שטראַל –
זײַן פֿידעלע און סמיק;
זײַן פֿאַרלאָרענע קרוין – דעם זונאויפֿגאַנג – זאָל אים צוריק
אָפּגעבן דער וועג,
און זײַנע אוצרות – די פּאַסיעקעס מיט פּאָזעמקעלעך און די
גערטענער מיט קלובניק.

זאָל דער שליאַך אים אַוועקפֿירן צו זײַן זיווג – דעם אין=סוף –
דער מילכוועג – דער זילבערנער טראָן – מוז אים געהערן,
אויב ניט – וועט ער מיט זײַן געוויין אונטערצינדן זײַן
מלכות – דעם אָליוון שלאָף –
און זיך אויפֿהענגען אויף זײַן תּפֿילה און טרויער – די רויטע שטערן.

ווען דער דיכטער שלאָפֿט – דאַן שטייט אויף זײַן שוואַרצער שאָטן
און גייט – טרעט אויס מיט זײַנע טריט אַ וועג אַ ראָזן;
דער פּאָעט האָט דעם שליאַך פֿון זשאַריקן ליים אויסגעקנאָטן
און אין אים זײַן ליד – אַ גרינגע נשמה – אַרײַנגעבלאָזן.

איצט באַגערט דער מײַסטער – מיט זײַן העלד – דעם חלום–זיך בײַטן–
דער וועלטס פֿאַרבלאָנדזשעט קינד וויל ווערן אַ שטומער טראַקט
– פֿון ליים –
און אַליין דערגרייכן צום גינגאָלדיק=דימענטענעם, ווײַטן
האָריזאָנט – זײַן אויסגעטרוימטער ראָזשינקעס= און= מאַנדלדיקער
זיסער היים...

מיט זײַן מאָגערער גאָלדענער האַנט – דער סטעזשקעלע –
דער דיכטער וועט
די בליענדיקע שוועסטערס זײַנע – די אַקאַציעס – אַרומאַרעמען;
און דער שליאַך ווערן זאָל אַ קלעזמער, אַ בעל=חלומות, אַ פּאָעט –
און אויף צער און בענקשאַפֿט – זײַן פֿלייט און פֿידל – ליאַרעמען!..

אַ גאָסצינעץ וויל זײַן דער ליריקער – און גלעטן זײַן ברודער –
דעם סאָסניאַק – און זיך טוליען
צו זײַן געלײמטער מאַמעלען – דער זעמליאַנקעלע – און טרינקען
איר געוויין – דעם טײַך;
און דער שליאַך – ווערן זאָל אַ קיניג, אַ הולטײַ – און זאָל פֿאַרהוליען
זײַן בלויע טרער און גרינעם טרוים – און דאָס געזאַנג זאָל זײַן
זײַן קיניגרײַך...

דער דיכטער וויל ווערן אַ וועג — און פֿון גרויען בית־עולם
אַוועקוואַנדלען
צו זײַן כּלה — דער אומענדלעכקייט — און קושן איר מויל —
דעם אָוונטרויט;
נאָר דער שליאַך זאָל זיך אין אַ לעבעדיקן מענטש פֿאַרוואַנדלען –
און דער שׂכר פֿון זײַן לעבן – זאָל זײַן דער טויט!..״

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס ווינטל פֿאַרענדיקט ניט לייענען דעם דיכטערס כּתבֿ־יד,
ווײַל די לעצטע סטראָף האָבן זײַנע ספֿקות – די שלאַנגען – פֿאַרמעקט,
אָבער נאָכהער האָט ער אויפֿן טראַקט עס צוגעשריבן מיט זײַן סליאַד –
און זיך געלייגט אין שוואַרצן ראָוו – מיט אַ ווײַסן וואָלקן זיך פֿאַרדעקט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

... דער אויטער וואַרט: זײַן העלד דערפֿילן זאָל זײַנע באַגערן,
און איבער אים פֿליט אָן די נאַכט – די פֿיאָלעטע, בלינדע סאַראָקע –
און ס׳צינדן אָן זײַן האַרץ די גליִענדיקע שטערן – רויטע טרערן –
וואָס פֿינקלען פֿון די לוזשעס – דעם וועגס גרינע, אומעטיקע
אויגן די קאַסאָקע...

פֿון הינטער אַ בוים גיט אַ שאַרלאַכע קרענעצע אַ האַסטיקן שטראָם —
דאָס קלאָגט דער וועג: „— אָ, וואַנדערער, דער חושך — דער
באַשייד איז פֿון דער רעטעניש — דער שײַן;
כ׳וויל בלײַבן ליים, ווײַל איך בין שוין איין מאָל געוועזן אַ בשר־ודם,
און געבאָרן ווערן נאָך אַ מאָל — הייסט: פֿון דאָס נײַ זיך פֿאַרקנסן
מיט פֿרייד — דער פֿאַרגרימירטער פּײַן...

איך ווייס, אַז דער טויט איז פֿון מענטשנס לעבן דער שׂכר,
נאָר כ׳וויל אַן אַנדער לוין. אויב ניט — קאָן איך דײַן בקשה ניט
דערפֿילן — — —
אָבער דו, פֿאַרשאָלטענער, זײַ דערוויַיל איבער דער טאַט אַ האַר —
די טרייסט פֿאַר ליידן — איז ניט מנוחה און שלאָף — נאָר דער
גערא נגל און דאָס פֿילן — — —"

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

# סוף זומער

שטיל. עס דרימלען די אומעטיקע קראַנקע בעריאָזעס,<br>
אָנגעלענט אָן אין־סוף — דעם פּורפּורנעם דיוואַן;<br>
...און אונטערן פּיען־דעם באָרוועסן פֿוס פֿונעם צלם—מיט גראָז איז<br>
אַ באַוואַקסענער רויטער קבֿר פֿון לײם פֿאַראַן...

מיט וואָלקנס — נאַסע פֿאַטשיילעס — האָבן די ציטערנדיקע ביימער<br>
זייערע געקרויזטע — ברענענדיקע קעפּ פֿאַרבונדן...<br>
... אונטערן קרייץ די גרוב איז אויפֿגעגראָבן — און דער נבֿיא,<br>
דער טרײַער שומר<br>
פֿון דער וועלט — היילט מיט ברודערשאַפֿט די קבֿרים — אירע<br>
גליענדיקע ווונדן...

דער מת — פֿון קבֿר איז לאַנג פֿאַרשוווּנדן, נאָר דער סאָלאָוויי —<br>
זײַן יאָמערנדיקער קול —<br>
צעשנײַדט די הימלען... און דער מולד — זײַן אויג — האָט זיך<br>
פֿאַרגלײַזט<br>
צו דעם דערלייזער, און מאָנט — אַז ער, דער טאָג דער<br>
גילדענער — דער צלם — זאָל<br>
פֿאַרריכטן דעם לעבן, וואָס די טיראַנען האָבן מיט נאַכט —<br>
פֿאַרגרײַזט...

... אָנגעטאָן אין אַ כאַקענעם גרינעם שינעל — אין שטערנליכט —<br>
בלאָנדזשעט אום אין וואַלד אַ צעמאַזיקטער יָוון אַ בלייכער,<br>
ער קומט צו צום צלם. חצות — דער פֿעלער איז נאָך ניט<br>
פֿאַרריכט —<br>
און דער גייער וואַרפֿט זיך אין אָפֿענעם קבֿר אַרײַן — ווישט אָפּ<br>
פֿון זײַן געביין דעם זכר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם צלמס טאַטע – דער בלאָנדער כלאָפּ וואָס איז אַראָפּ פון שטריק, כדי צו פאַלן אין קריז, אָבער תחית־המתים אויפגעשטאַנען זיך צו וואַרעמען אָן זײַן זונס – דעם נביאס – שײַן, און זיך פאַרן גרינעם זומער פאַרשטעלט – זיך פאַרוואַנדלט אין זודיקער ראָזער מוזיק, –
איז איצט צוריק אַוועק אין זײַן רו אַרײַן.

דעם צלמס טרער – אַ שוואַרצער רעגן – אַרויסגעפאַלן איז אין אָרעמען לאַנד –
דאָס האָט דער נביא פאַרלאָשן דעם מערב – זײַן פײַן, אָבער אַן אביון פאַרבליבן דער וועג איז –
ער האָט דעם זעלנערס בלוטיקע סליאַדן – זײַנע אימפעריאַלן פאַרלאָרן – און שטרעקט אויס אַ האַנט
צום קאַיאָר – און קלאָגט מיט די פאַרבײַפאָרנדיקע, סקריפּענדיקע טיעלעגעס...

— — — — — — — — — — — — — — —

די נידעריקע בעריאָזע צעפליקט איר גרינע אַטלעסענע קלייד, און איבערן שאָטן – איר תחינה –
זי יאָמערט: – ס'האָט אונדז פאַרשאָלטן דער אַלטער ווינט, דער ברוינער אַשמדאַי...
מיטן געצוויטש פון אָפּפליִענדיקע שוואַלבן – ענטפערט איר אָפּ די הויכע בלאָנדינע:
– שוועסטערל, דער יונגער ווינט האָט אונדז פאַרפירט מיט זײַן שטיפערײַ...

שטיל. שטיל. איבערן זומערס קבר דעם טונקל־פיאָלעטן – פאַלן, פאַלן פון די מילכוועגן די שטערן – די אָרעמע און אָפּגענאַרטעביימער – רײַסן עס פאַר צער אַראָפּ זייערע גילדענע בראַנזאָלעטן פון זייערע ווײַסע, אַלבאַסטערנע הענט די צאַרטע...

— — — — — — — — — — — — — —

פאַר אַבלות – האָט דער צלם אויסגעטאָן זײַן זײַדן שאַליקל –
דעם קרענצל כריזאַנטעמעס –
און דעם שטראַל פון תמוז=אָוונט – זײַן נײַעם שלייף דעם ראָזן
(אָבער פון זײַן האַרץ גייט אויף דער זונאויפגאַנג – דער
גילדענער אמת –
וואָס זײַן טאַטע – דער זומער – האָט אים בירושה געלאָזן...)

אויך דעם שאָטן – זײַן גראַנאַטענעם פראַק – טוט אויס דער ריטער
(און זײַן טרער צינדט אָן דעם הימל – די אייביקייט – וואָס ער
האָט אויסגעטראַכט...);
דעם בגד האָט פאַר אים זײַן פאָטער באַשטעלט בײַ דער געניטער
כישוף=מײַסטערין – דער בלויער אייר=נאַכט.

נאָר דער זומער צוגעשלאָסן האָט זײַן הייסע, גילדענע וויִע,
זײַן נשמה – די נאַכטיגאַל – האָט אויף אַ ראָב – אַ גילגול – זיך פאַרביטן;
און זײַן געליבטע – דער מײַבוים, די פאָניכע, די בלאָנדע יפֿיפיה –
האָט מיט דער שקיעה – דעם האַלדז זיך אויפגעשניטן...

דער זומער איז אויסגעגאַנגען – און נאָך דער לבנה – זײַן פנים
דעם בלאַסן —
טרויערט די סאָסנע – די שלאַנקע, גראַציעזע ייִדישע מאַדאַם —
זי טוט זיך אָן ענויִים פאַר בענקשאַפט און רײַסט פון זיך פאַסן
פלייש פון ראָזעווען גוף – די קאָרע פון שטאַם...

זי פאַרברעכט די הענט און פליקט די האָר זיך, אָבער
עס גיט דער יונגער ווינט מיט איר אַ שטיף –
און פאַרטראָגט צו דער ליפע – איר חברטע דער גראָבער –
די לבנה=שטראַלן – דעם טויטנס ליבעבריוו...

און די ראַבינע — די יונגינקע ציגײַנערין די חנעוודיקע — האָט
אין איר בלֿויען טרוים —
פֿאַרלֿאָרן דאָס געשאַנק פֿון איר געלֿיבטן – אירע פּורפּורדיקע קרענץ
רובינען,
זי לֿייגט אין קאָרטן זיך און וויינט — דער מאָרגנשטערן אויפֿן
הימלֿזוים —
איר ראָזע טויז — ווערט שוואַרץ — אַ סימן, אַז די בתולה וועט
שוין קיין מאָלֿ מער ניט גרינען...

און די לֿאָמע הויקערדיקע פּויערטעלֿע — די זעמלֿיאַנקע —
גוססט – עס שטייט דער האַרבסט – דער טויט – בײַ איר צו קאָפּנס,
און פֿון די שײַבעלֿעך — אירע טראַכאָמע רויטע אויגן די קראַנקע —
טריפֿן אָראַנזשעווע געזעגענונגס=טרערן — לֿעצטע קופּערדיקע
מערבֿ=טראָפּנס...

זי זיפֿצט און רײַסט זיך די האָר פֿון קאָלֿטן — דעם מאָך פֿון
דעכלֿ דעם פֿאַרשימלֿטן;
נאָכן בלֿויען הימלֿ בענקט אויך די קאַלֿיקע יתומהלֿע – די אוגערקעלֿע
אויפֿן קאַלֿטן בייט...
און דער קרייץ האָט די הענט צעשפּרייט איבער דער גרוב פֿון
זײַן פֿאָטערלֿ דעם אײַנגעדרימלֿטן,
און יאָמערט נאָך אים אויף דער נשמה פֿון דער מאָדלֿיענדיקער
מאַסע — זײַן ברילֿיאַנטענער יזכּור=פֿלֿייט...

דער זומער – דער בלֿאָנדער בעלֿ=מופת – האָט פֿאַרמאַכט זיך אין זײַן
געלֿער טרומנע,
און עס סקריפּעט – סע הירזשעט נאָך אים דער שטאַלֿ –זײַן אַלֿטינקער
בלֿינדער פֿערד דער גרויער;
און די עופֿות – די זילֿבערנע אלֿול=נעכט, די סיווע אלֿמנות די סומנע –
האָבן אויפֿגעהערט לֿייגן די זונעןֿ – זייערע גילֿדענע אייער —
אַ סימן פֿון טרויער...

און דער סוכאָטניק, דער פֿאַראומערטער קלֿעזמער – דער אַסוויר –
קלֿאָגט נאָך אים אויף זײַן אַלֿטער פֿידלֿ – דעם הילֿצערנעם עמער;
און דער הייזעריקער פּאָפּ אויפֿן אַלֿטאַר – אויפֿן באַרג דער מאָנאַסטיר–
קלֿינגט – האַלֿט אַ שוואַרצע דרשה נאָך אים – פֿאַר די לֿעמער...

די שעפּסן, די גאָטספּאָרכטיקע זקנות, דערהאָרכן די טריט פֿונעם
אָוונט – און פֿאַלן אויף די קני,
עס מעקעט שאָטנס אויס דער באָק – דער בין־השמשות – דער
סטאַראָוויער, דער פֿרומער קראַנקער דזיאַד;
עס ווערגן זיך די זריחהס – די הענער, עס ראָוועז די פֿאַרנאַכטן –
די בוהײַעס און די יאַלאָווע קי –
דאָס זאָגן זיי פּאַטשערעס נאָכן פּאַסטעכל זומער – אין שטערנבוך –
דעם דיכטערס בורשטינענעם כּתבֿ־יד...

---

# מלך האַרבסט

## א

דורך דער געגנט רײַט דער מלך האַרבסט, און די וויכערס —
זײַנע גילדענע טראָמפּייטן — שאַלן,
ס׳נעמט ציטערן די יעדנאָסעליע — די געלײמטע הינקעדיקע גויע —
ער וויל פֿון פּיעקעליק דאָס קאַנעצל דאָס פּיצימאָנינקע אויסלעשן
מיט זײַן וויאַלן
אָטעם — צוריבן פֿון איר האַרץ איר ליכטיקע, איר הייליקע
נשמהלע די בלויע...

אויף רעגנס־שוואַרצע פֿערד—עס רײַט דער האַרבסט, דער שׂר־המות,
און ס׳פֿאַלן אַנידער פֿאַר אים כורעים די גראָזן — די שפּלע קנעכט
(דער טאָג ליגט געפֿאַנגען אונטער די פֿליגלען פֿון די סאָוועס,
און די שפּין — אַ תּליה פֿאַר אים פֿלעכט).

עס רײַט דער געלער רײַטער איבער פֿעלד און פּליין און סטעפּ —
די צעפּ פֿון זײַנע קעפּסווײַבער — די אָלכעס — עס פֿליקט אויס
דער בייזער קייזער;
און מיט שקיעה־שטראַלן — גיליאָטינעס — ער שנײַדט אַראָפּ די קעפּ
פֿון די רויטע רויזן — די שטאָלצע טרוימער און דערלייזער.

אָ, דער האַרבסט, דער מלך דער צעיושעטער, אַראָפּ פֿון זין איז —
דאָס פֿאָלק — די בידנע שעפּעלעך — פֿאַרשפּאַרט ער אין די
קאַרצערס — די פֿינצטערע סטאָדאָלעס,
און פֿון די גערטענער און סעדער — זײַנע גינגאָלדענע מדינות —
פֿאַריאָגט ער די נבֿיאים — די קאַנאַרעקלעך — אין גלות...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאָרויס רײַט דער קיניג אין פּורפּורנעם רויטן שינעל,
הינטער אים פֿליִען און זינגען אים לויבגעזאַנגען — די ראָטעס
אולאַנער – די ראָבן – און אויפֿן מלכס באַפֿעל –
מאַרשירן די פּוסגייער־זעלנער – די מײַז און די קראָטעס.

זיי קריכן אַרויס פֿון די אָקאָפּעס און גייען קעגן דעם שפּעטזומער
אין קריג –
לייגן אויס זײַנע חיילות – די קרײַטער, גרינסן און געוויקסן —
און איבער זייערע קעפּ – עס זשומט דער זשוק, די בין, די פֿליג —
די לעצטע קוילן פֿונעם שונאס ביקסן.

— — — — — — — — — — — — —

דער מלך האַרבסט דורך די פּאַסיעקעס רײַט גאַלאָפּ, גאַלאָפּ, גאַלאָפּ,
אונטער זײַן טראָט ציטערט די מאַסע — די ערד;
און דעם בלויען הימל — דעם שפּעטזומערס קאָפּ —
ער שנײַדט אַראָפּ מיטן האָריזאָנט — זײַן שווערד.

## ב

דער מלך זיצט אין די בערג – זײַנע גילדענע שלעסער —
און האָרכט דעם גערויש פֿון די טײַכן — זײַן האַרעמס געזאַנג
דעם יאָמערדיקן און זיסן;
אָבער מיטן זילבערנעם שפּיז און שטאָלענעם מעסער –
וועט אים באַפֿאַלן זײַן אייגן געוויסן...

ס׳וועט אים אויסברענען די אויגן דער גרויער פֿאַרברעכער,
די סאַפֿירענע קרוין – די זינד – פֿון זײַן קאָפּ אַראָפּרײַסן, אויספֿליקן
די האָר אים, און פֿון זײַן האַרץ – דעם אײַזערנעם בעכער –
מיט זײַן קילן בלוט און הייסן געוויין זיך דערקוויקן.

דער ווײַסער שאָטן וועט זײַן גען האר פאַרטרײַבן פון זײַן
פּאַלאַץ דעם וואַרעמען,
נאַכהער אויף דער אָזיערע – דער קייסערינע – מיט גוואַלד זיך וואַרפֿן,
אין קייטן זי שמידן – זי זאָל ווערן זײַן ווײַב – און נעמען ליאַרעמען
אַ נצחון־מאַרש אויף די טעלעפאָן־דראָטן – זײַנע זילבערנע האַרפֿן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער בלינדער מלך זיך פאַרוואַנדלען וועט אין אַ בלאַנדזשענדיקן
שטערן,
אָבער פון די הויכן–אַראָפּפאַלן אין תהום און זיך ניט קאָנען געפינען...
וועט דער בלינדער קיניג אין אַ בלויער טרער פאַרוואַנדלט ווערן –
נאָר ניט האָבן קיין אויג פון וואַנען אַרויסצורינען...

וועט אין אַ ברוינעם אָקס זיך פאַרוואַנדלען דער מלך דער גראָבער,
נאָר דער חלף וועט ניט וועלן מיט זײַן שוואַרצן בלוט זיך באַפלעקן...
וועט ווערן דער קיניג אַ הונט, אַ משוגענער, אַ קודלאַטער, אָבער –
ניט האָבן וועמעס פוס צו בײַסן און וועמעס האַנט צו לעקן...

וועט דער בלינדער קיניג זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אַלטן וואָראָביי
אַ שאַרן,
נאָר זיך צעשמעטערן די פליגלען אָן די פעלזנשפּיצן – זיין שונאס
טראָגנען...
וועט ווערן דער מלך אַ סיוועט וואָלף — אָבער זײַן חלום —
דער שליאַך – וועט אים פאַרנאַרן
אין וואָלפנגרוב – זײַן וואַר — און ער וועט וואָיען — וועלן זיך אַליין
אויפפרעסן – און ניט קאָנען!..

וועט דער בלינדער מלך זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גאווהדיקן,
גאַלאַגאַנסקן האָן אַ געלן,
נאָר דער אָוונט – דער קאַרשון — וועט זײַן רוביניקע האַרץ –
די זון — אויספּיקן;

וועט ווערן דער קיניג אַ ראָזער, נײַער ניגון, אָבער די אַלטע
קלעזמאָרימלעך – די ברוינע וויאָלאָנטשעלן –
וועלן דערטרינקען אים אין זייער געוויין און אים צעמורשטשען
מיט די שאַרפע סמיקן...

וועט ווערן דער מלך אַ רויטער אָגער – און אויף זײַן אויסגעדאַרטן,
האַרטן רוקן —
שלעפן די וועלט — די זונה, נאָר די אייביקייט — די שטומע,
הונגעריקע בלויע חיה —
וועט דעם בלינדן פערד מיט דער גרויער, אַלטער רײַטערין —
איר קינד — פאַרצוקן,
און זיך באַפרוכפערן פון מ ע נ ט ש – און געבאָרן די ערלעכקייט —
אַ בלאָנדע וועלט אַ נײַע — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער בלינדער מלך וועט אַ סאָווע ווערן, און פון שלאַנגען –
אַ פעטליע זיך פלעכטן,
זיך אויפהענגען אויף אַ דאָרנבוים און קלאָגן, קלאָגן:
– ווײ, מקוים געוואָרן איז די נבואה פון קאַנאַרעק – דעם גערעכטן
נביא – וואָס איך האָב געהייסן פון מײַן לאַנד פאַריאָגן!..

# עס שטאַרבט דער שליאַך

## א

דער דאָרף האָט די קרעטשמע – די דיקע, געלע ייִדענע – דערוואָרגן,
ס'האָט געזאָגט נאָך איר קדיש דער שליאַך– מיטן סקריפּ פון אַ ראָד
און אַקסן צעשפּאָלטענע,
און די קנייטשן בײַ אים אויפן שטערן זײַנען טיפער געוואָרן פאַר זאָרגן,
ער האָט געדאַווענט, געבעטן גאָט, אַז בעסער ווערן זאָל אונדזער
וועלט די פאַרשאָלטענע...

דער אָלכאָוועער וואַלד געפּרוווט האָט דערהרגענען דעם באַגינען,
זײַן האַר,
צוגערויבט דעם זונאויפגאַנג – און מיט די פּורלען וואָס פאָרן –
האָט דער גאָסצינעץ געמינטערט דעם קאַרגן מיליאָנער–און פאַר צער
וואָס די וועלט ווערט ניט בעסער – איז ער קראַנק געוואָרן...

די מײַלן – זײַנע לײמיקע גלידער – טוען ווײ דעם טראַקט,
און ס'חוזקן פון אים די גויִים – די וועלדער יאָדלאָווע –
און דער לינדער ווינט, זײַן לאַקיי, האָט זיך פון שטעלע אַנטזאַגט–
געוואָרן אַ בעל־תּשובֿה און קלײַבט זיך צו פליִען צום כּותל־המערבֿי...

דער באַרג – דער גרויער רוקן פון וועג – איז אײַנגעפאַלן –
און די בלאָטעס – אויף זײַן אַלטן גוף די טובערקולאָזע, רויטע
וווּנדן –
האָבן די יונגע בעריאָזעס מיט זייערע נאַסע, געלע שאַלן –
מיט די אַראָפּגעפאַלענע, דורכגערעגנטע בלעטער – פאַרבונדן...

דער אָוונט איז דורכגעפֿאָרן די געגנט אין אַ שוואַרצן פֿאַעטאָן,
מיט זײַן געוויש האָט דער שליאַך געטאָן אַ זיפֿץ, אַ קרעכץ;
און די הענט פֿאַרבראָכן האָט זײַן שכן – דער אַלטער, הויכער קליאָן:
– אָ, די בלינדע מכשפֿה, די סאָווע – וואָרזשעט שלעכטס!..

דעם וועג זײַנען געקומען געוואָר וועגן פֿון די פֿליינען און טאָלן
די ברוינע בהמות – די לעצטע טעג דעם יעסיענס,
געלעקט דעם חולהס וווּנדן, געגומען ראָוען און ווייגען, עס זאָלן
ניט בלײַבן קיין יתומות די בעריאָזעס–די שלאַנקע פּרינצעסינס.

ס'ליגט קראַנק דער שליאַך, און דער באַנקיר — דער פֿאַרנאַכט —
איז געקומען צו רײַטן אויף אַ וואָלקן אים מבֿקר חולה זײַן,
און פֿאַרן פֿאַרשמאַכטן זיידן אַ פּרעזענט, אַ רפֿואה געבראַכט –
די שקיעה – אַ רויטן בוטל ווײַן.

דער צלם האָט צום שווער זיך אײַנגעבויגן, אויסגעזופּט די
ריטשקעס די צעשוווּמענע –
דעם קראַנקנס טרערן – און אַ שטראַל פֿון אָוונטשײַן – אַ לעפֿל
ווײַן – דערלאַנגט אים און געטשוכעט;
נאָר געטאָן אַ ציטער האָט די סטעזשקעלע — דעם שליאַכס לאָמע
האַנט די אָפּגענומענע –
און דער געטראַנק האָט אויפֿן פֿעלד זיך אויסגעפֿליוכעט.

דאָס גראָז – זײַן געלע באָרד – נעמט דער וועג מיט די לעצטע
קרעפֿטן זיך רײַסן,
ווײַל ער איז מער ניט בכּוח קיין משאות — לאַסטפֿורן — צו טראָגן;
און פֿון דעם הייליקן אָרט – זײַן מירמלנעם שלאָס – איז דער כּעסן –
דער געוויטער — געקומען מיט אים ווידוי זאָגן.

ער האָט געגוססט, ניט געקאָנט דערוואַרטן דעם טויט,
פֿאַר יסורים אַליין זיך דערווערגן געוואָלט און מאַכן אַ סוף —
אַראָפּגעשלונגען אַ ביין — אַ פֿור מיט מערן און קרויט,
וואָס האָט זיך געשטעלט דיבאָם אין זײַן האַלדז — דעם ראָוו.

ווי! דער וואָגן ליגט דערטרונקען אין טיפֿן, שוואַרצן גראָבן —
דער שליאַך האָט זיך אַ מעשׂה אָנגעטאָן און דערהרגעט דעם
פֿורמאַן — זײַן געוויסן;
און דעם בר-מינגס געליימטע מומע — קאַזיאַן — וועט ניט האָבן,
נעבעך, ווער עס זאָל איר דערלאַנגען צום מויל דעם ביסן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָכן גאָסצינעץ טרויערט זײַן זיידע, דער טויבלעכער, סיווער
דין — מיאָר...
און זײַן באָבעשי, די רביצין — דרויע — וואָס האָט אויפֿן פּאַטילניצע
שטערן — רויטע סטרופּעס —
פֿליקט זיך די שטרויענע דעכעלעך — אירע שיטערע געלע האָר —
און פֿאַר עצבֿות האָבן זיך אײַנגעבויגן אירע פֿלייצקעלעך — די
פֿאַרשימלטע כאַלופּעס...

עס באַדויערט אים זײַן רײַכע בלאָנדע שוועגערין — די מאַדאַם
גלובאָק —
און גרילצט מיט די ראַדיאָס — דערמאָנט צום גוטן זײַן נאָמען;
און זײַן ווײַטע, אָרעמע קרובֿה, די האָרעבאַטע אַלמנה — הײַדוצישאָק —
דרימלט פֿאַר צער און שליסט צו אירע וויִעס — די קראָמען...

וואָראָפּײַעווע, זײַן גלידשוועסטערקינד, די גאַסטפֿרײַנדלעכע סוחרטע,
קוויטשעט איבערן מת מיט די סיגנאַלן פֿון די לאָקאָמאָטיוון;
און פֿון די שײַבעלעך-אירע טראַכאָמע, גרינע אויגן די פֿאַרוויכערטע-
שטראַלן פֿון דרײַער-לעמפּלעך — ראָזע, ווײַניקע טרערן טריפֿן.

בײַ זײַן שטומער עלטער-מומעלען — פּאָהאָסט — כליפּעט די קלויז —
איר קראַנקע האַרץ די פּיאָלעטע,
און פֿאַר גריזאָטע פֿאַרבראָכן האָט די יענטע אירע אויסגעדאַרטע,
קרומע הענט — די ווערבעפּלויטן —
און שאַרקאָוושטשיזנע איז פֿון זינען אַראָפּ, און קושט די ליימיקע
בלאָטעס די ראָפּיקע און פּעטע —
די רויטע וווּנדן אויפֿן גוף פֿון וועג — איר שוועסטערקינד דעם טויטן.

זײַן שכנה — פּאָלאָווע — די האָרעפּאַשנע ערלטע, האָט פּאַר אַבלות
אַ פֿײַף געטאָן מיט דער פֿאַבריק=סירענע—אין געוויין זיך פֿאַרגאַנגען;
און זײַן שטיפֿשוועסטער — דונילאָוויטש — האָט מיט נעפּלען,
גרויע פּאַטשיילעס,
די אָזיערעס — אירע זילבערנע טרימאָ=שפּיגלען — פֿאַרהאַנגען...

זײַן פּלימעניצע — יאַד — די עגונה, וואָס לײַדט אויף רעוומאַטעס,
איז אין חלשות געפֿאַלן,
און אָסטראָוויעץ—זײַן קאָסאָקער פּעטער דער סוכאָטניק, דער לאָמער-
דאגהט. זיפֿצט. עס רוישן אין געגנט די קרענעצעס און קוואַלן —
דאָס זאָגט ער תּהילים נאָכן גאָסצינעץ מיט אַ געיאָמער.

ב

דער טראַקט האָט פֿאַרן שטאַרבן אויסגעטאָן פֿון האַנט זײַנע תּפֿילין —
די לויפֿנדיקע בידנע שוואַרצע פֿערדעלעך מיט זייער שאַרן געשפּאַן;
און דער אַלטער ווינט נעמט פּאַוואָליע דעם באַווײַנטן מת אײַנהילן
מיטן זײַדענעם טלית — דעם בלויען ליטווישן טומאַן...

נאָר דער געוויטער, דער קברן, קען געוויס ניט פֿאַרשטיין,
נאָכסאָל דער מת האָט זײַן געשליפֿענעם של=ראָש ניט אויסגעטאָן
פֿאַרן טויט —
דער דורכגעווייקטער שלעפּער מיט די קאַליקע פֿיס זיצט נאָך
אַלץ אויפֿן שטיין —
שפּילט אויף אַ האַרמאָן און בעטלט אויף ברויט.

דער בעטלער שטעלט זיך אויף, שפּאַרט אָן זיך אָן שטעקל,
נאָר דער אַלטער ווינט הייבט אים אויף פֿאַר די האָר די געלע —
און פֿאַרטראָגט אים צום שליאַכס צעפֿליקטן, סאַמעטענעם
תּפֿילין=זעקל —
צו דער פֿאַרשנייטער, בלויער, אײַנגעפֿאַלענער יעדנאָסעליע...

אַ פֿאַראומערטע בורלאַטשקע טראָגט פֿון מאַרק אַן אייגנס —
אַ ליימענע שיסל,
נאָר זי גליטשט זיך אויס און פֿאַרלירט עס, צעבּרעכט —
דאָס האָט דער כיטרער געוויטער איר אונטערגעשטעלט אַ פֿיסל —
כּדי דעם גאָסצינעץ צו טאָן זײַן רעכט.

די אָרעמע גויע וויינט, און גייט ניט צוריק אין שטעטל מיט ליידיקן —
זי ווישט זיך דאָס בּלוט פֿון די שלייפֿן — און וויל דערמיט אָפּצאָלן
דעם קרעמער איר חובֿ;
נאָר דער געוויטער וויל דעם וועג, דעם הייליקן מת, ניט באַליידיקן —
די שטיקלעך ליים פֿון איר שיסל — ער נעמט אין אַ הויפֿן צונויף...

דער שליאַך, וואָס געבּאָרן איז פֿון אַ פֿאַרשטויסענעם מענטשנס טריט,
גייט אין זײַן רו אַרײַן, און דער אַלטער ווינט לייגט אים שערבּלעך
אויף די אויגן;
און די בּעריאָזעס האָבּן די בּראָנעס — די אָפּגעבּלאַקירטע היט —
אַראָפּגעפּליקט פֿון די שייטלען און פֿאַר צער — די שטאָלצע קעפּ
אַראָפּגעבּויגן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'גייט אַ בּרייטבּייניקער פּאָניע און טראָגט אַ זאַק מיט קוקורוזע,
נאָר דערשרעקט זיך, וואַרפֿט אַראָפּ די משׂא פֿונעם רוקן און
נעמט פּאַטשערעס זאָגן.
ווײַל דעם שליאַכס טויטע אויג — די פֿאַרפֿראָרענע לוזשע —
האָט זיך צעפּנט, געגומען אויף אים קוקן און קלאָגן...

דער צעמזיקטער גאָטספֿאַרכטיקער גוי קען זיך אויף די פֿיס ניט שטעלן,
נאָר אַ גרויסע מצווה צו טאָן איז געווען דעם פראָסטן פּועל באַשערט —
ווײַל אויפֿן שטיין — אויפֿן שליאַכס פּנים דעם געלן —
שיט דער געוויטער פֿון ערלס זאַק — ארץ־ישׂראל־ערד...

דער סטאַראָוויער בוקט זיך פֿאַרן קרייץ, בעט אַ רפֿואה־שלמה
פֿאַר זײַנע קינדערלעך די קראַנקע,
און הייבט זיך אויף און ווערט אין דער בלויער געגנט פֿאַמעלעך
פֿאַרשווונדן,
דערנאָך – אין קליינינקן פֿענצטערל פֿון זײַן זעמליאַנקע —
האָט ער אַ קורניקל נאָכן בר־מינן אָנגעצונדן...

דער אַלטער ווינט האָט פֿון שליאַך אַראָפּגענומען אַ מאָס –
פֿון קאָפּ ביז די קנאָפּלען,
און מיטן דימענט – דעם סמילקעדיקן קורניקל – דעם ציטעריקן
און באַנגן –
צעשניטן די פֿאַרפֿראָרענע לופֿט – דאָס גלאָז – אויף טאָפּלען –
און געמײַסטרעוועט אַן אָרון פֿאַרן צדיקס דיקן גוף דעם לאַנגן.

צעוויינט האָט זיך דער צלם, דער בלינדער גאון, און זײַן
רינענדיקע טרער –
אַ טראָפּן סמאָלע, באַגילדט פֿון זײַן שכינה – דער לבֿנה־שײַן –
איז אַ סאַפּירענער, בריליאַנטענער שליסל, כּדי דער שליאַך —
זײַן שווער —
זאָל קאָנען עפֿענען די הימלען און אין גן־עדן אַרײַן...

דעם גאָסצינעצס האָרבאַטן גוף האָט דער געוויטער מיט שנייען
פֿאַרווייט –
זיך באַמיט, אַז אויך יענע וועלט ליכטיק זײַן עס זאָל אים...
און די בעריאָזעס האָבן געבענטשט נאָכן טאַטן די דיסענקע – זײַן
זילבערנע פּלייט –
און זיי שפּילן אויף איר דאָס ליד פֿון הבֿל־הבֿלים...

דעם שליאַכס מצבֿה איז דער מאַיאַק – אויף אים צוויי נעסטן
ליידיקע – פּ"נ. נאָר דער גרויער וואָלף מיט אַ שעפּס אין די ציינער,
און די פּײַערימלעך, וואָס פֿירן פֿלאַקס און תּבֿואה צו די פּעסטן –
בלאָנדזשען און זוכן אַצינד זײַנע געלע ביינער.

ס׳ווייס נאָר דער קאַלטער וווּסרוסישער הימל דער פּיאַלעטער,
ווי דער למדוואָווניק – דער גאָסצינעץ – איז מקבר געוואָרן;
אָ, ער זאָל כאָטש זײַן דאָרט פֿאַר די שטערן די גערודפֿטע
א גוטער בעטער,
און אויך פֿאַר זייער מחבר – וואָס האָט אויף אים זײַן יוגנט פֿאַרלאָרן...

און פֿאַרן אײדעם, דעם דערלייזער, וואָס לײַדט פֿאַר דער גאַנצער
וועלט — זײַן אומה —
און פֿאַר די בעריאָזעס, די בת־מלכּהס, די שלאַנקע בלאָנדינעס,
און זיך מיַעָן, די רשעים זאָלן ניט קוילען זייער געוויסן — די
שעפּעלעך די שטומע,
און די אמת־וועקער — די יונגע העגער — ניט פֿאַרקנסן מיט
גיליאָטינעס..

# געזעגעניש

דער דיכטער האָט אַ צינדמאַשינדל, אַ מעסערל, אַ בלײַער,
אַ מילכווײַסן בלאָקנאָט מיט בלויע פֿאַרשריבענע בלעטער;
ער שלײַדערט זײַן וויטאָג אין שכינה – דעם בריליאַנטענעם
זריחה־פֿײַער –
און ברענגט עס אַ קרבן צו שײנקייט און ליכט – זײַנע געטער.

ער פֿאַרמאָגט אויך אַ גראַנאַטענע מאַרינאַרקע און אַ פּאַרטסיגאַר...
אָבער אַנטקעגן זײַן שפּיגל – דעם זילבערנעם געוויין –
אין מאַנאַטאָנע לידער פּוצט ער אויס זײַן צווייטנדיקע פֿרייד
און ראָזן צער,
כּדי בײַ דער פֿרײַלין אייביקייט צו געפֿינען חן...

זײַן אוצר – איז דער פֿרומער אָוונטשטערן דער רויטער,
זײַן נשמה – די טליִענדיקע לולקע, אָנגעפּילט מיט ביטערער מאַכאָרקע;
פֿאַר צוויי ווײַסע טויבן האָט געלייענט זײַנע ווערק דער אויטער –
ס׳פֿלעגט איינע אים אָפּענטפֿערן מיט אַ ציטערדיקן וואָרקע.

נאָך די צווייטע פֿלעגט אַ פֿלי טאָן איבערן פֿליין – און אַ לוין
פֿאַר דעם ליד–ברענגען אַ מתּנה פֿאַרן קנעכט פֿון זײַן געפֿיל און מחשבֿה:
אים אָנטאָן אויפֿן סיוון קאָפּ–איר געניזוקט פֿליגל–אַ גילדענע קרוין –
די אויפֿגייענדיקע כליפּענדיקע באַרמהאַרציקע לבֿנה די ליליאָווע.

צוריק אין די הימלען – זײַן מײַיִקער וואַר – זײַנען פֿאַרפֿלויגן
די טויבן –
אויף דער ערד – זײַן שבֿטיקן קאָשמאַר – וואָלטן אָפּפֿירן בײַ די
גוטע מלאכים די פֿליגלען,
נאָך דער דיכטער איז פֿאַרבליבן מיטן צווייפֿל – זײַן גלויבן –
און מיט זײַנע העלדן – די פֿאַרשנייטע שטחים און היגלען.

ער איז פֿאַרבליבן מיט זײַן עלנטן גוף – דעם פּראָסטן געלן חומר –
און מיט זײַן האַרץ – דעם טיפֿן, קילן, גילדענעם ברונען...
און מיטן פֿיאָלעטן וואַלד און דימענטענעם פֿעלד געזעגנט זיך
דער טרוימער –
און זאָגט צום קרייז: – כ׳האָב אין צער אַ תּיקון געפֿונען.

ער שעפּטשעט צו די בעריאָזעס: – שוועסטער ליבע... און קושט די
וואָרצלען – זייערע באָרוועסע פֿיספֿינגער די פֿאַרפֿראָרענע,
דעם צלמס מאָגערע, ווײַסע הענט ער דריקט און אַ הייליקע שבֿועה
דער זינגער גיט אים:
ער האָט אין די וועלדער – די גרינע לאַבירינטן פֿון זײַן ליד –
צוריק געפֿונען זײַן סומנע יוגנט די פֿאַרלאָרענע,
און זײַן דערטרונקענע קינדהייט אַרויסגעשווומען איז אויף די
בלויע כוואַליעס פֿון זײַן ריטעם...

ער האָט זײַן געשטאָרבענער מאַמען באַגעגנט אויף זײַנע וויסטע
פֿערזן – די שטעגן –
און זי האָט געזאָגט: „– אָ, זונעלע, מלאכים זינגען דײַנע תּפֿילות
און זיי ריידן:
די מוטער — וועלט האָט זיך מיטן יתום ניט געשיידט ווייל
ניט פֿון זון און ניט פֿון רעגן,
נאָר פֿון דיכטערס פֿרייד און טרערן בליִען די גילדענע
עפּלסעדער אין גן־עדן...

אָ, קינד, מיין לעבן געוועזן איז צו גאָט אַ הילפֿסגעשריי
נאָך רו, און ער האָט מיך געטרייסט מיט טויט, נאָר טויט – איז ליגן,
כ׳האָב מנוחה געפֿונען אין מיין זונס געזאַנג״ ... – אָ, מאַמעלע,
דער סאָלאָוויי –
דײַן זינגענדיקער גײַסט – האָט מיר געגעבן צום ליד דעם ניגון...

אָ, מאַמע, טרייסט דײַן קינד און טוליע אײַן אים אין דײַן הייסן שויס,
דײַן זונס וואָר איז אַ בייזער חלום, נאָר דער חלום איז זײַן בלויע וואָר;

ער ראָוועט – און פֿון זײַן האַרצן מיט מיליאָנען קולות שרײַט אַרויס
און מאָנט דערלייזונג זײַן פֿאַרפֿײַניקטער און קראַנקער דור...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דײַן זון וועט אויף אַ שווערד אַ בלאַנקער מוזן אויסטוישן זײַן
גרינע פֿלייט –
אָ, מאַמע, מאַמע, זאָג מיר וועמעס פּײַן איז גרעסער —
צי דעמס וואָס שטעכט אַ ברודער געצוווּנגענערהייט,
אָדער דעם קרבנס, וואָס ליגט אונטער זײַן ברודערס מעסער? — — —

אַ קלעזמער איז דײַן זון און זײַן באַשערטע איז די פֿידל און די האַרפֿע;
אָ, ער איז אַליין דער פֿאָטער און אַליין דאָס קינד דאָס
אומבאַהאָלפֿענע און שוואַכע;
מיט די זילבערנע סטרונעס פֿון זײַן אינסטרומענט און מיטן
סמיטשיקל – די נעדעלע די שאַרפֿע –
פֿאַרנייט ער די קריעה נאָך דער פֿרײַהייט – דעם גוואַלדריס
אין זײַן בלויער, סאַטינקענער רובאַכע...

אָ, מאַמע, מאַמע, איצט מוז מען פֿון סטרונעס אויך תּליות פֿאַר
זיך פֿלעכטן,
פֿון סמיקן – אויסשאַרפֿן פֿאַר זיך חלפֿים, און פֿון וויאָלאָנטשעלן –
מאַכן אָרונס פֿאַר די טויטע;
... דײַן זון וועט גיין צום מענטש, כאָטש רויזן גליאיקע
און גרויל פֿאַרזייען די שפּורן פֿון דעם גערעכטן,
כאָטש אויך די שטערן זײַנען שפּיזן, און אַפֿילו די לבֿנה – געוואָרן
איז אַ האַק אַ רויטע!..
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַמעלע, דײַן זונס פֿאָטער איז פֿון קבֿר אויפֿגעשטאַנען זיך
דערוויסן,
ווער עס האָט אים אָפּגענאַרט — אים בלינד געמאַכט. ער האָט
דעם שונאס שווערד
צעשמעטערט, און דאָס אייגן האַרץ — פֿאַר זײַנע ברידערלעך
אַרויסגעריסן —
און איצטער ווייס ער, אַז פֿאַר זײַן בלינדקייט — וועט כאָטש
ליכטיק ווערן אויף דער ערד!

... מאַמעלע, דײַן זון האָט דיך פֿאַרשפּילט בײַ זײַן חבֿרל —
דעם טרוים — אין קאָרטן,
און ער וויינט און וואַרעמט זיך אָן דײַן הייליק האַרץ — דעם
אָוונטזשאַר,
אָבער פֿון זײַן טרער — דער ראָסע — אייביק בליִען וועט דײַן
געבענטשטע ברוסט — דער בולבע־גאָרטן,
און זײַן געזאַנג איז פֿאַר דײַן פּײַן — זײַן געבורט און זײַן פֿאַר־
יתומטקייט — אַ שכר...

אָ, מאַמינקע, דו ביסט אַוועק, נאָר דײַן זון האָט דיך צוריק געפֿונען
אינעם פֿעלד מיט קאָרן,
און ער שווערט צו באַזינגען דײַנע אָרעמע — גילדענע גלידער —
די זאַנגען,
און באַוויינען דעם קיניג דעם פֿרילינג וואָס האָט דעם זונאויפֿגאַנג —
זײַן קרוין — אָנגעוואָרן,
און האָט אויפֿן זינגערס האַלדז — זיך אויפֿגעהאַנגען...

און באַדויערן דעם זומער, וואָס האָט אויפֿן דיכטערס אָרעמס
אויסגעהויכט זײַן גרינעם אָטעם...
און מיט געזאַנג מנצח זײַן די מלכּה חולאת, וואָס האָט אָנגעטאָן
אויף זײַן מויל אַ צוים — אַ שלאַנג —

זי שטעכט זײַן גוף מיט נאָדלען — זילבערדיקע שפּאָרן, פֿאַר איר
ווײַסן פֿערד געמאַכט זי האָט אים,
און יאָגט אים צום בית־עולם — דעם געלן תּהום, צום בריליאַנטענעם
לוויתן — דעם ט ו י ט — אויף פֿאַנג.

ער וועט אויך זינגען אַ הימן זײַן חבֿר – דעם אָליוון האָן, וואָס האָט די
בלאָנדע געטין – די גערעכטיקייט – אויסגעטראַכט,
און מיט אַ ראָזן ניגון די קורטשוקעס — די אָרעמע יתומימלעך
פֿאַרוויגן:
– אײַער טאַטן דעם נבֿיא פֿאַרקנסן מיט דער תּליה — דער
בלינדער חשוון־נאַכט —
צווינגט דער שוואַרצער טויבער האַר פֿון דער וועלט – דער ליגן.

אין שקרס ברוינער קראַנקער פֿויסט ליגט אײַער טאַטע אַ געפֿאַנגענער,
און די גערעכטיקייט – די שײַן – זיצט צו פֿוסנס בײַ זײַן נאַרע;
אויפֿן שקרס רויטן קאַרעק וויגט זיך אײַער טאַטע אַ געהאַנגענער,
און די גערעכטיקייט – די בלויע טרער – רינט אַראָפּ פֿון זײַנע
אויגן די שטאַרע...

... דעם גערעכטנס אויג – דער אמת – איז אַ קרישטאָלענער שפּיגל –
די טיראַנען די פּוזאַטע
זאָלן דערזען אין אים זייערע צעבראָכענע קינזשאַלן, זייערע סיוועע
טשובן און רויטע בערד...
די ק ר אָ פּ ע וו ע וועט ז י ך אַליין אָפּברענען, די אייביקייט איז נאָר
אײַער קדושהדיקע מאַמע די האָרבאַטע,
ווײַל כּדי צו ברענגען פֿרוכט פֿאַר א ײַ ך, האָט זי אַליין פֿאַרוואַנדלט
זיך אין ערד!
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

(אָ, הינדעלעך, און אפֿשר איז דער אמת – אַ טרילנדיקער בלויער
פֿייגל,
וואָס איז פֿון אונדז פֿאַרפֿלויגן אַן אָפּגענאַרטער, אַ ניט באַגריפֿענער,
אַ ניט דערקאָנטער;

און אונדזער געוויין זשלאָקעט אויס דער שקר – דער גילדענער עגל –
און וויל מיט ציינער–שפּיזן–אויפוויקלען פון לעבן דעם געפלאָנטער...)
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער דיכטער וויל אויך ברענגען דער וועלט אַ גרוס פון גאָט,
וואָס בויט זיַין היים אין פאַרשאָלטענעם מענטשנס רויטע ווונדן...
און דערנאָך ווערן אַ בערגל ליים — אפשר וועט דער בלינדער קראָט
דערקאָנען אין טרוימערס האַרץ דעם אמת–וואָס איז פון דער ערד
פאַרשוווּנדן...

די באריאָזעס שוידערן: – אָ, קינד, מלכים זיַינען ניט די וואָס
טראָגן קרוינען,
נאָר די וואָס האָבן הערצער – פידלען – נגינה איז פון לעבן
דער באַשייד...
טרוימער, די וואָר – דיַין ריכטערין – וועט דיר פאַר דיַין ליד מיט
יסורים באַלוינען,
אָבער דו – לעב און זינג. דעם זינגערס יסורים – איז זיַין פרייד!
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צום אָפּשייד פון פּאָעט האָט די מזרח־שיַין – דעם צלמס שכינה –
זיך צעלויכטן אויף דער ערד.
דער נביא זאָגט: — יע, אַ רעטעניש דאָס לעבן איז, אָבער ניט
די תמימותדיקע שמייכלען פון די קינדער,
ניט דער אישהס רויטע ליפּן, ניט דעם זינגערס ליד און ניט
דעם קריגערס שווערד —
אים באַשיידן קאָנען, נאָר די מעשים־טובים פון גערעכטע און
די תשובה פון די זינדער...

צו דער געזעגענונג פון גאַסט האָט דער קרייץ–דער טאָג דער העלער–
די זון – זיַין פיַיערדיקע האַרץ – דעם דיכטער אַ געשאַנק געגעבן,
ער זאָל עס פון הויכן הימל אַראָפּטראָגן אין טיפן שוואַרצן קעלער –
אַ לוין פאַר די, וואָס ווילן באַשיידן די רעטעניש — דאָס לעבן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער קרייץ איבערן קלויסטערל — זײַן מאַנדאָלין — די הענט
צעשפּרייט ער
און שפּילט עלעגיעס, גיט אויך דעם דיכטער מיט זײַן תּפֿילה —
זײַן טרויער און זײַן פּײַן,
ער שיקט אים מיט זײַן בידנעם, פּשוטן שליח — דעם וואָראָביי,
ווי אַ שומר און באַגלייטער —
און די נאַכט גייט אַרויס דעם עלנטן, שפּלן אורח מקבל פּנים זײַן...

•

די כסלו־נאַכט — די בלאַסע קיניגין — זי טוט דעם וואַנדערער
אַ מוטערלעכן גלעט
און עפּנט אויף פֿאַר אים די מילכוועגן — פֿון איר קרישטאָלענעם
פּאַלאַץ די טויערן;
נאָר פּלוצים צינדן אָן זיך די שײַבעלעך אין די כוטערלעך —
און ער דערזעט —
וועלפֿישע גרינע אויגן — אויף אים נעמען לויערן...

אַנטקעגן אים אַ גרויער סילועט הייבט זיך אויף פֿון האָריזאָנט,
עפּנט אויף זײַן מויל — דעם וואַלד — און ס׳קלינגען קאָסעס — עס
שטשירען די ציינער פֿון די וועלף;
דער נע־ונדניק שוידערט אויף: ער האָט אים — זײַן רודפֿער —
דערקאַנט,
און מורמלט צום צלם: — אָ, העלף מיר, פֿאָטער, העלף...

... דער עולה־רגלניק וויל גיין, נאָר ער שטעלט זיך ווידער אָפּ — ער אַנט—
די אָנגעהעצטע געגנט דראָט אים מיט די בערג — אירע געבײַלטע
פֿויסטן...
און דער אֵין־סוף נעמט אַרום זײַן האַלדז און ווערגט אים מיט
אַ קאַלטער, בלויער האַנט,
און גיט אַ פּאַך איבער זײַן קאָפּ מיטן מולד — זײַן רויטן קינזשאַל
דעם אַנטבלויזטן...

... דער בלאָנדזשלינג וויל גיין, נאָר אַ שוואַרצער שיכּורער געזאַנג —
אַ ביטערער ראָב — פּליט אָן פון פליין און גיט זײַן האַרץ אַ ביס,
און אונטער אים פויזעט אָן די דווינע — אַ היילִיק־זיסע כּישופדיקע
גרינע שלאַנג —
און פענטעט זײַנע תּפילהדיקע, שטוינענדיקע פּיס...

... דער וואַנדערער וויל גיין, אָבער דער הוראַגאַן — דער
אָנגעררייצטער הונט, דער בייזער קאָשמאַר —
האָט זיך אַ ריס געטאָן פון קייט און אים דעם שליאַך — זײַן
זילבערנעם חלום — פאַרשטעלט;
דער באַפּאַלענער קושט די ווײַסע הענט פון דעם דערליייזער זײַן האַר
און פליסטערט: — טאַטינקע, דו ביסט דאָך דער געוויסן פון
דער וועלט...

... דער גייער וויל אַ טראָט שטעלן, נאָר ער שטעלט זיך ווידער אָפּ:
אַנטקעגן אים אַן אַסוויר — אַ גראָבע בולאַווע — אויפגעהויבן
האָט דער שלווהדיקער דאָרף,
און שנייען — שטיינער — נעמען זיך שיטן אויף זײַן קאָפּ —
און דער פאַרמשפּטער — צו דעם דערלייזערס פּיס גיט זיך אַ וואָרף...

ער ציטערט און קוקט זיך אום, זײַן יעדער בליק — איז אַ געשריי:
— האַר, אָ, ראַטעווע מיך, מײַן אייגענער שאָטן וויל מיך לינטשן! — — —
דער צלם וויינט: — אַ גאָט צו זײַן טוט ווי —
אין אַ שטיין פאַרוואַנדלען זיך — וואָלט איך מיך ווינטשן!..

רציחות — מײַנע ענויִים זײַנען — און דו, אָרעמער, זאָלסט זאָגן אים
דײַן רודפער: — דער וואָס פּײַניקט מענטשן — פּײַניקט אויך זײַן
אייגענעם גאָט...
... פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק — די טרייסט פון נידערגעשלאָגענעם —
שלעפּט זיך דער בלייכער וואַנדערער צוריק אין שטאָט.

ער גייט בעטן דער רעזידענץ, זי זאָל ניט פּראַוועז קיין הוליאַנקעס –
איר זון – דער פירער פון די פאַרבלאָנדזשעטע – איז מער ניטאָ...
די וועלט איז פול מיט ווונדן–קבֿרים–און אויך שוואַך און קראַנק איז –
גאָט – און דער תּהום פון שטרויכלונג איז אָן אַ דנאָ...

נאָר ס'בייגט זיך צום וואַנדערער אַן אַלטע קלוגע יאָדלע
און זאָגט: – דער תּהום הייבט זיך אָן אָט דאָרט וווהין דו גייסט –
נאָכן גאָסצינעץ ניט ווייבען וועט די שטאָט די פּאָדלע –
דער טויט פון פּאַסטעך – איז פאַרן וואָלף די גרעסטע טרייסט...

ס'פליט אַרויס פון וואַלד די דעמערונג – די פעלדערמויז די שאַרע –
און שרײַבט מיט שאָטנס – פליגלען – אויף די ווײַסע פליינעז:
– אָבער די גאַס וועט אויף צימבאַלן – דעם רעדעררויש – און
אויף גיטאַרע –
באַגלעקלטע שליטנס – דײַן פירער, דעם וועג, באַווייגען.

אַ יונגינקער סאָסניאַק ציטערט איבער די שמאָלע אַקסלען פון
דעם גייער,
און אין גרינעם סכך גיט אַן עלנטער פייגל אַ בלאַסער אַ טריל:
– די גאַס פאַר צער צעפליקן וועט דעם שניי – איר חופּה=שלייער...
און מיט אַ מאָל דערהערט דער דיכטער, ווי ס'נעמט קרעכצענען
די וואַסערמיל:

– די שוועסטער קלאָגן וועט אויף דער ווילצנקעלע – איר
ציטערדיקער פלייט דער גרינער,
נאָכן וועג — איר ברודער — וואָס איז אַמאָל געוועזן אַ זאַוולעקל
אויף סאָפּיאַניקעס...
נאָך אים יאָמערן אויך די קראָען — די האַרבסטנעכט — און די
ווינטערנעכט – די סיווע הינער –
זיצן שבֿעה נאָך אים אויף די גילדענע אייער – די שקיעהס –
אין די רעשעטעס – די שטרויענע זאַסציאַניקעס...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער גייער גייט געפינען זיך – און דערקאַנט זײַן גוף אין אַ לאָמען,
שאַרן באַרנביימל אַ פאַרשנייטן,
נאָך דער וואָראָביי — דעם נע־ונדניקס באַגלייטער — רוימט אײַן
אים אין אויער אַ סוד אַ זיסן:
– די גאַס וועט אויף פליִענדיקע טאַקסיס – אויף טראָמבאָנען און
טראָמפּייטן –
אויפשאַלן אַ מאַרש – דיך, דעם שליאַכס נשמהלע די בלויִנקע –
באַגריסן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער וואַנדערער דורך סטעפּעס, פּאַסיעקעס בלאָנדזשעט אום,
נאָך פלוצים ער דערהערט, דערזעט:
דער בלויאויגיקער, גאָלדגעלאָקטער רײַטער – דער פאַרטאָג –
רײַט אָן אַנטקעגן אים,
דער ריטער פאַרן פוסגייער שטעלט אָפּ זײַן רויטן פערד –
און דער פּאָעט
פאַרנעמט דעם האַמערקלאַנג פון קוזניעלע – דעם בלאָנדן רײַטערס
שטים:

– אָ, קינד, דער תהום פון שטרויכלונג – ווערט נאָך טיפער פון
געוויין –
שפּרינג אים אַריבער – איבער דיר שטיי איך אויף דער וואַך...
דער אַלטער וועג איז טויט – און דו פאַרוואַנדל דײַן געביין
אין שטיין – און זײַ פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע – אַ נײַער שליאַך!..

---

# דאָס נוסביימל זאָגט קדיש
# נאָכן שליאַך — זײַן זיידן

דאָס נוסביימל – אונטער זײַנע מאַמעס פֿאַרטעכער די הענטעלעך
באַהאַלט ער,
און אויף זײַן בלאָנדן קעפּעלע — דעם ריטל, ווו ס׳קרײַזלט זיך
אַ בלעטעלע — אַ ראָזער לאָק —
האָט אָנגעטאָן זײַן רבי, דער שמש – דער ברוינער ווינט דער אַלטער –
פֿון שניי – אַ נײַע, הויכע, באַראַשקענע היטל מיט אַ לאַנגן
קאָזעראָק.

דאָס היטעלע אויפֿן ציטערדיקן תּלמידל צו גרויס איז,
פֿאַר אים די געגנט – דער בריליאַנטענער סידור – ליגט אָפֿן;
ער שאָקלט זיך איבער די געטאָקטע בלויע אותיות –
די טריט פֿונעם וואָלף, וואָס איז דעם פֿליין אַדורכגעלאָפֿן.

דעם וואָלפֿס סליאַדן – זײַנען פֿון סידור די תּפֿילות,
נאָר פֿון אַ יעטוועדן פּסוק דער טײַטש, דער טיפֿער מיין –
זײַנען די זשעברעס און די אבֿרים פֿון צעריסענע ראַבע קאָבילעס,
און פֿון אַ דערוואָרגענעם יונגן לאָשעק — דאָס געביין.

דער חיה רעהס פֿיאָלעטע שפּורן זיינען די זמירות פֿון סידור,
אָבער די רויטע צאַפּלענדיקע אותיות פֿון די י ת ג ד ל ן –
זײַנען די זיסע ביינדעלעך פֿון די אָגערעס אָרעמע ברידער –
די סטאַדעס – וואָס זײַנען, נעבעך, אויף קידוש־השם געפֿאַלן...

אָ, דער קדיש אין זילבערנעם ספר איז הייליק:
אים פֿאַרפֿאַסט האָט דער וואָלף – דער צדיק־הדור –
מיטן אומשולדיקן בלוט פֿון אַ קעלבעלע און מיט אַ בײַליק
פֿון אַ טעלעצע, וואָס ער האָט צעריסן אין מיקיטעס כוטאָר.

די ווײַניקע הערצער פֿון די בלודנע שעפֿעלעך די פֿאַרצוקטע,
און די רייקעס פֿון די יונגע, ווײַסע שוואַנגערע ציגן –
זײַנען די גילדענע, רוביניקע אותיותלעך די געדרוקטע,
וואָס איבער זיי דאָס נוסביימל קלאָגט מיט אַ טרויעריקן ניגון.

ער קלאָגט און ער טוליעט זיך צו די בעריאָזעס (און דער קרייץ,
דער נביא,
זאָגט אים אונטער – יאָמערט וואָס דעם קרבנס טויט – זײַנען
די רוצחימס פֿריידן),
און ס׳בייזערט אויף אים זיך דער ווינט וואָס נערוועז איז —
און גיט אַ ראָווע:
— אייניקל, היפּ ניט איבער קיין אות פֿון קדיש, זײַ ניט מבֿייש
דײַן זיידן!..

ער הייבט אָן דעם קדיש: אַ טראָפּן בלוט – אַ יוד איז,
און אונטערן יוד איז פֿאַראַן אויך אַ כיריק — אַ בלויִנקער פּינטל
(דאָס האָבן דערשטעלט צו די אותיות דימענטענע נקודות –
די שפּורן פֿון אַן עלנטן, גערירטן, הונגעריקן הינטל).

דאָס ביימעלע זאָגט ווײַטער: ס׳איז אַ רויטער טראָפּן – אַ תיו,
און אונטערן תיו שטייען סאַפּירענע פּינטעלעך צוויי;
דער וואָלף האָט שטיקער פֿלייש פֿאַרלאָרן פֿון שאָף –
האָט עס אַצינד דאָס הינטל געפֿונען אין פֿאַרבלוטיקטן שניי...

פּלוצים — דאָס בידנע נוסביימל גיט זיך אַ צאַפּל —
ס׳פֿליט אַן אַלטע, שוואַרצע קראָ פֿאַרבײַ אים –
און דער גימל – דעם שעפֿעלעס שוואַרצאַפּל –
איז ניטאָ אין זײַן קרישטאָלענעם סידור דעם נײַעם...

די שקיעה – דער לעמעלעס אויג – האָט איבער דער פּערל־מוטערנער
געעגנט געטאָן אַ גלייז,
און די נאַכט – די בייזע גיריקע קראָ – האָט איר אויסגעפּיקט,
האָט דאָס ביימעלע געפונען אין הייליקן סידור אַ גרייז –
אָנשטאָט דעם אות – דער הונט, אַ גרויסער פּתח, ליגט...

נאָר דער לאָמער דאָרפסמאַן, וואָס האָט דעם וואָלף געיאָגט,
ליגט איצט אַ פאַרפראָרענער, אַ פאַרשנייטער און אַ בלויער;
און איבער אים האָט דאָס ביימעלע ווייטער דעם קדיש געזאָגט –
אפשר איז דער גימל – דער טויטער גוף פון פויער?..

אויף דער לאַנדשאַפט – דעם גרויען פאַרמעט – האָט דער אַלטער
ווינט
מיטן זונאויפגאַנג – דעם כלאָפּס צעגריזשעטן קאָפּ וואָס האָט די
שנייען אָנגעצונדן –
צוגעשריבן מיט פייערדיקן רויטן טינט –
דעם אות, וואָס איז פון טרויעריקן קדיש פאַרשוווּנדן...

דעם ערלס דאַרע האַנט, זיין דעמבענער שטעקן און זיין יאַרמאַקל
דער פאַרבלוטיקטער – איז מן־הסתם אַ ברוינער דלת אויפן פליין
דעם ראָזן
(דער הונט – זיין האַספּאַדאַר באַשנאַפּט, און מיט זיין צונג –
דעם גליענדיקן פאַקל –
ער וויל אויפפלאַקערן דאָס האַרץ פון מת, מיט זיין אָטעם –
אַ נייע נשמה אין אים אַרייַנבלאָזן...).

אַ שטעקן – דער דלת איז, אָבער דער למד איז פאַרשטעלט
מיט דער דעמערונג — די וואָל פון פאַרצוקטן שעפּס — דעם
טאָג דעם העלן;
... עס זאָגט קדיש דאָס נוסביימל, און זיין גראָבער מלמד־קוועלט
און ענטפערט אים אָמן מיט אַ הייזעריקן, שיכורן קול אַ געלן...

ווען דאָס פֿרומע, האָרעבאַטע ביימעלע אָפּגעזאָגט האָט יתגדל
נאָך זײַן זיידן דעם שליאַך, וואָס ליגט אונטערן איז באַגראָבן –
האָט דער אַלטער ווינט דעם סידור געקושט מיט אַ מערבֿ־שטראַל,
און די אותיות פֿון קדיש – פֿאַרמעקט מיט די פֿליגלען פֿון די ראָבן...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ וואַנדערער – דעם שליאַכס בלויע נשמה – איז פֿאַרבײַגעשוווּנדן –
געטאָן אַ ציטער
און די הענטעלעך פֿאַרבראָכן האָט דאָס נוסביימל. און מיטן
פּורפּורנעם טאָוול –
מיטן שײַן פֿון פֿאַרנאַכט – האָט זײַן משוגענער רבי, דער בייזער
געוויטער –
די געגנט – דאָס בלאַט פֿון דעם סידור – פֿאַרמאַכט פֿאַרן
יונגינקן אָבֿל...

נאָר עס שטייט אויפֿן בלאַט דער וואָלף אויף דער וואַך —
ער וועט אין זײַן זילבערנעם ספֿר – דעם ווינטער —
נאָך גילדענע אותיות פֿאַרפּאַסן אַ סך,
נאָר זיי ליגן דערווײַל אין שטאָל – זײַן ברוינעם טינטער...

ביז קומען וועט די שעה, ווען גריבער וועלן בערג ווערן, און
בערג — גריבער,
ווען דער מחבר פֿון טויט וועט אויפֿן ווײַסן בלאַט – דעם
פּלאַטינענעם פֿליין –
מיט זײַנע שאַרפֿע שפּורן פֿאַרפּאַסן דעם לעצטן חיבור –
אַ הייליקע תּפֿילה נאָך זיך אַליין! – – –

אויף אַ צעפּליקטן רויטן זײַטל – בײַם ראַנד פֿון
אַן אונטערגעצונדענעם סאָסניאַק –
אויפֿן פֿאָטערס בלוט וועט אַ רבנן־קדיש זאָגן דאָס ראַבע
וועלפּעלע און וואָיען, וואָיען,
און גריזשענען דעם טײַטל – די געשליפֿענע גרויע האַק –
וואָס האָט באַלוינט פֿאַר די חטאים דעם מורה־הוראה און גאון...

אין דאָרף — דאָס האַרץ פֿון כלאָפּ — וועט די שאָף, זײַן ווײַסע
געקוילעטע נשמהלע, אויפֿוואַכן...
און אונטערן ברילִיאַנטענעם אָרון־קודש — דעם באַרג וואָס
באַדעקט מיט שניי איז —
וועלן די געוויטערס — מגידים — פֿאַר דער עדה קראָען, נאָכן רבֿ מאַכן
מיט אַ שוואַרצן ניגון הספּדים אויף העברעיִש...

ס'וועלן זיך צעפֿלאַקערן די דאָרנוועלדער — דעם וואָלפֿס ביינער...
אין שטאָל די בעק וועלן מיט די הערנער — אַ מצבֿה נאָך אים
קריצן אין די מיסטן...
... נאָר דער אָרעמער אַנדריי באַהאַלטן וועט דער חיה־רעהס
ציינער —
און דערמיט איבעראַקערן דעם פֿעלד — דעם גרויען לעבן דעם וויסטן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

... דערנאָך וועט אַ נבֿיא אויף אַ גילדענעם רײַטוואָגן קומען צו
רײַטן — אויף די שטערן —
און צעפֿליקן די שימות פֿון ספֿר־המוות — די וועלפֿישע פֿליינען
די פֿאַרשנייטע און סיווע,
און פֿאַר די בהמהלעך וואָס זייער שטומקייט איז טיפֿער פֿון
טרערן — אויסקלערן
אַ מעשׂהלע און זיי טוליען אין די זריחהס — זײַנע הייסע אָרעמס
די אָליווע.

די לבֿנה — זײַן לולקעלע — וועט זיך צעגלִיען, אַרויסלאָזן וואָלקנס —
רויכן גרויע,
און זײַן בורשטינענע פֿעדער — די זון — זיך צעשטראַלן, טאָן זײַן רצון,
און זײַן בלינדע כּלה — די ערד — עפֿענען וועט די פֿאַרפֿראָרענע
קוואַלן — אירע בלויע
אויגן — און זינגען דעם מײַסטערס ליד — מיט גראָז זיך צעשפּראָצן...

די ווײַסע ציגעלעך וועלן צעמעקען זיך איבער דער לאָנקע –
זייער היילקער תּחינה...
און די בידנע פּאַסטעכער וועלן צעברעכן זייערע ברוינע טײַטלען –
די בײַטשן,
די באַראַנעס וועלן זיך לאָבן און שלינגען פֿון ספֿר-החיים די
ווערטער די גרינע —
מען וועט דעם דיכטערס געזאַנג זיי ניט דאַרפֿן פֿאַרטײַטשן...
— — — — — — — — — — — — — — —

... אָבער אויפֿן ווײַסרוסישן טײַכל-זײַן ציטערדיקן בלויען פּײַפּיאָל-
וועט דער גואל אַ פּיאָלעטן ניגון פֿאַרפֿאַסן צו זײַנע ליליעווע
הימנען – די מײַען:
— אָ, לעמעלעך, די פֿרייד פֿון די גערודפֿטע – דאַרף זײַן דער עול,
ביז דער חלף וועט זיך צעשמעטערן אָן ברידערלעכקייט – דעם
גערעכטנס כּלי-זין...

דער דערלייזער וועט אַ צי געבן מיטן רעגנבויגן – דעם
גילדענעם סמיק –
איבערן וואַסערפֿאַל — זײַן זילבערנער באַנדורע: — שעפּעלעך,
מיט קייטן אויף די גלידער
זײַנען מיר געבאָרן, אונדזער וויגעלע — דאָס לעבן — איז צום
טויט אַ בריק,
אָבער אייביקייט איז — פֿאַלן אין די תּהומען — מציל זײַן די
טרינקענדיקע ברידער!...

# לאָקאַליזמען

ז׳ 11 קאַלאַמאַשקע — א שפּאַציר־װעגל
״ 15 דראַבינע — װאָגן
״ 16 יעדנאָסעליע — אַן אײנציקע כאַטע אין פעלד
״ 17 אַסװיר — ברונעם־שטעקן
״ 17 גאַלאָשײקע — א מין הון
״ 18 קאַטוך — אַן אָרט פאַר עופות אונטערן אויװן
״ 26 מעצעלעצע — שנײשטורעם
״ 34 סיעדון — א ראַכיטיש קינד
״ 36 נאָצלעג — פיטערן אויף נאַכט די פערד
״ 37 פּראַלניק — א הילצערנער מכשיר אויף אויסצוקלאַפּן װעש
״ 37 קלאַדקע — א ברעט איבער א טײַכל
״ 42 קאַרשען — קאָלנער
״ 48 א סמילקע — א צאַנק, א פינקל
״ 48 קאַנעצל — א קלײן פײַערל
״ 53 טאָמבאַק — א גרויסע פליג
״ 59 קאַרינע — א מין פײַפל
״ 64 ליאַמעס — הוליאַנקעס
״ 65 פּאָזניע — אָפּגעקאָסיעטע לאָנקע
״ 67 זאַסציאַנעקלעך — ישובֿים
״ 70 פוניע — שײַער
״ 74 טיעלעגע — װאָגן
״ 82 גומנע — שײַער
״ 86 סאַלקעס — בוידעמשטיבלעך

ז' 106 פֿאַרזשאַרטער — פֿאַרשײַפּעטער

" 117 פּרימאָראָזעק — פֿאַרפֿראָרענער טוי

" 118 טשופּלינקע — אַ קאַנטשיק

" 126 צעפּעס — פֿלעקענער אויף אויסצודרעשן תּבֿואה

" 127 קלײַט — שפּײַכלער

" 130 פּאַכמיעל — איבערחזרן אַ הוליאַנקע

" 133 ביבע — אַ שימחהלע

" 134 פּאַסיעקעס — אויסגעהאַקטע וועלדער

" 134 קלובניק — טרוסקאַווקעס

" 142 פּיעקעליק — פּריפּעטשיק


---

# א י נ ה אַ ל ט

| | |
|---|---|
| | זײַט |
| אַ סטעזשקע צום שליאַך (הקדמה) | 3 |
| דער זיווג | 9 |
| זומער | 15 |
| דער אַלטער ווינט און דער יונגער ווינט | 20 |
| דעם שליאַכס ווײַבער | 31 |
| אַ ברית... | 34 |
| דעם שליאַכס לאַקײ | 43 |
| דעם צלמס יחוס | 47 |
| דער פּרינץ און די יתומה | 56 |
| וויאָ, וויאָ, פֿערדעלעך!... | 63 |
| דעם שליאַכס יחוס | 70 |
| דער שליאַך דערציילט דעם נוסביימל אַ מעשׂה | 100 |
| קאַשמאַר | 109 |
| קמץ-אלף — אָ... | 115 |
| דער שליאַך קלאָגט נאָך זײַנע ווײַבער — דער ווייץ און דעם קאָרן | 125 |
| דעם דיכטערס בקשה צום שליאַך | 132 |
| סוף זומער | 137 |
| מלך הארבסט | 142 |
| עס שטאַרבט דער שליאַך | 146 |
| געזעגענונג | 153 |
| דאָס נוסביימל זאָגט קדיש נאָכן שליאַך — זײַן זיידן | 163 |
| לאָקאַליזמען | 169 |

פֿון דעם זעלביקן מחבר:

„אַ בלעטל אין ווינט" (פּאָעמע)

גרייט צום דרוק:

„ח ב֯ ר ט ע אָ ל כ ע" (לידער)